STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09162

DI VERK

Edgar Allan Poe

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק

פון

עדגאר עלען פא

ערשער באַנד

עדגאַר עלען פּאָ

נאָוועלען

איבערזעצט פון ענגלישען דורך ל ע א ן ע ל ב ע

אַרויסגעגעבען פון פערלאַג „אידיש“
1919 ניו יאָרק תרע"ט

Copyright 1918
by
JEWISH BOOK AGENCY, INC.

נאָוועלען

די מאַסקע פֿון דעם רויטען טויט.

דער „רויטער טויט" האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרוויסט דאָס לאַנד. קיין מגפה איז נאָך ניט געווען אַזוי פֿאַרדערבליך אָדער אַזוי שוידערליך. בלוט איז געווען זיין פֿאַרקערפּערונג, און זיין זיגעל — די רויטקייט און דער שוידער פֿון בלוט. עס פֿלעגט אָנכאַפּען שאַרפֿע וועהטאָגען און פּלוצלונג פֿאַרשווינדלען אין קאָפּ, און דערנאָך פֿלעגט אָהן אַ שיעור נעמען בלוטען פֿון די שוויים־לעבעלעך און דער קערפּער פֿלעגט צעפֿאַלען אין שטיקער. די שאַרלאַך־רויטע פֿלעקען אויפ'ן קערפּער, און איבערהויפּט אויפ'ן פּנים פֿון דעם קרבן — דאָס איז געווען דער פּעסט־צייכען, וואָס פֿלעגט איהם לעגען אין חרם, אויסשליסענדיג איהם פֿון דער הילף און מיטגעפֿיהל פֿון זיינע מיטמענשען. און דאָס אַלעס, דער אָנהויב, די אַנטוויקלונג און דער אויסלאָז פֿון דער קרענק, פֿלעגט געדויערען ניט מעהר, ווי אַ האַלבע שטונדע.

אָבער דער הערשער פּראָספּעראָ איז געווע פֿרעהליך, אומדערשראָקען און שאַרפֿזיניג. ווען זיין לאַנד האָט פֿאַרלאָרען שוין האַלב פֿון דער באַפֿעלקערונג, האָט ער פֿאַררופֿען צו זיך אַ טויזענד לוסטיגע און לייכטזיניגע פֿריינד פֿון צווישען די ריטער און דאַמען פֿון זיין הויף, און ער האָט זיך צוזאַמען מיט זיי טיף באַהאַלטען אין איינעם פֿון זיינע באַפֿעסטיגטע קלויסטערס. דאָס איז געווען אַ גרויסע און פּראַכטפֿולע געביידע, געבויט נאָכ'ן קעניג'ס אייגענעם משונה'דיגען, דאָך דערהויבענעם, געשמאַק. אַ שטאַרקע און הויכע וואַנט האָט דעם שלאָס אַרומגערינגעלט. די וואַנט האָט געהאַט אייזערנע טויערען. די הויפֿלייט, ווען זיי זיינען אַריין אינווייניג, האָבען מיט זיך געבראַכט שמעלץ־אויווענס מיט שווערע האַמערס און זיי האָבען צונויפֿגעשמידט די פֿאַררו־

קערס. זיי האָבן באַשלאָסן, ניט צו לאָזן ניט קיין אײַנגאַנג און ניט קיין אויסגאַנג פאַר די פּלוצלינגע אימפּולסן פון פאַרצווייפלונג פון דרויסן, אָדער משוגעת פון אינווייניק. דער קלויסטער איז געווען גוט באַזאָרגט מיט עסנוואַרג. מיט אַזעלכע באַוואָרענישן האָבן די הויפלייט זיך געקאָנט אויסלאַכן פון דער מגפה. און די וועלט פון דרויסן זאָל אַליין זאָרגן וועגן זיך. דערווייל איז געווען נאַריש צו דאגה'ן, אָדער צו טראַכטן. דער קעניג האָט באַזאָרגט אַלע מיטלען פון פאַרגעניגנס. עס זיינען געווען קלאָונען, עס זיינען געווען בדחנים, עס זיינען געווען באַלעט־טענצערינס, עס זיינען געווען מוזיקאַנטן, עס איז געווען שעהנהייט, עס איז געווען וויין. דאָס אַלצדינג, און זיכערקייט, איז געווען אינווייניג. און דרויסן איז געווען דער „רויטער טויט".

דאָס איז געווען צום סוף פון דעם פינפטן אָדער זעקסטן מאָנאַט פון זיין באַהאַלטן זיך, און בעת די מגפה האָט מיט רציחה געבושעוועט אינדרויסן, האָט דער קעניג פּראָספּעראָ געמאַכט פאַר זיינע טויזענד פריינד אַ מאַסקן־באַל פון אויסערגעוועהנליכן גלאַנץ און פּראַכט.

עס איז געווען אַ וואויל־לוסטיגע סצענע, יענער מאַסקעראַד. אָבער לאָזט מיך אַפריהער דערצעהלען וועגן די צימערן, וואו דאָס איז פאָרגעקומען. זיבן איז געווען — אַ קייזערליכע דירה. אין אַ סך פּאַלאַצן אָבער בילדן אַזעלכע צימערן אַ לאַנגע און גלייכע אַלעע, בעת די פליגעל־טירן רוקן זיך אויף ביידע זייטן כמעט האַרט צו די ווענט, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע אויסזעהן ווערט קוים געשטערט. דאָ איז אָבער געווען גאַנץ אַנדערש, אַזוי ווי מען האָט געקענט ערוואַרטן פון דעם דוכס'עם ליבע פאַר דאָס אומגעוועהנליכע. די צימערן זיינען געגאַנגען אַזוי ניט־רעגעלמעסיג, אַז דאָס אויג האָט געקאָנט כאַפּן פאַר איין מאָל בלויז עטוואָס מעהר ווי איינס. עס פלעגט זיך שאַרף פאַרקירעווען ביי יעדע צוואַנציג אָדער דרייסיג איילן, און ביי יעדעס מאָל פאַרקירעווען זיך איז געווען עפּעס אַ נייס, וואָס זאָל פאַרכאַפּן דאָס אויג. רעכטס און לינקס, אין דער מיט פון איטליכער וואַנט, האָט אַ הויך און שמאָל פענסטער, אין גאָטישן סטיל, ארויסגע־

קוקט אין א פארמאכטען קארידאר, וואס האט זיך געדרעהט צוגלייך מיט די צימערען. די דאזיגע פענסטער זיינען געווען פון געפארבטען גלאז, און דער קאליר האט זיך געביטען וועדליג דעם הערשענדען קאליר פון די דעקאראציעס פון צימער, אין וועלכען דאס פענסטער האט זיך געעפענט. למשל, די דעקאראציעס אין סאמען מזרח זיינען געווען בלוי, זיינען אויך די פענסטער אזוי בלוי געווען. דער צווייטער חדר איז געווען פורפעל־רויט. דער דריטער איז געווען דורכאויס גרין, און אזוי זיינען אויך געווען די פענסטער־ראמען. דער פערטער איז געווען אויסגעשטאט און באלויכטען מיט אראנזשען־קאליר, דער פינפטער מיט ווייסען, דער זעקסטער מיט פיאלעט. דער זיבעטער איז געווען געדיכט באשלאגען מיט שווארצע סאמעטענע טאפעטען, וועלכע זיינען געהאנגען איבער'ן גאנצען סופיט און ארונטער די ווענט, ארונטערלאזענדיג זיך אין שווערע פאלדען אויף א טעפיך פון דעם זעלבינען שטאף און קאליר. נאר אין דעם איין חדר האט דער קאליר פון די פענסטער ניט געשטימט מיט די דעקאראציעס. דא זיינען די שויבען געווען שארלאך־רויט, א טיפער בלוט־קאליר. אבער אין קיין צימער ניט, פון די אלע זיבען צימערען, איז ניט געווען קיין לאמפ אדער קאנדעלאבער צווישען דער מאסע גאלדענע ארנאמענטען, וואס זיינען געלעגען צעווארפען אומעטום, אדער ארונטערגעהאנגען פון דאך. עס איז ניט געווען קיין שום שיין פון א לאמפ אדער א ליכט ערגעץ אין א צימער. דערפאר אין די קארידארען, וואס זיינען געגאנגען נאך די צימערען, איז אנטקעגען יעדען פענסטער געשטאנען א שווערער דרייפוס, און אויף איהם א פייערטאפ, וועלכער האט דורכגעשלאגען זיינע שטראלען דורך די קאלירטע גלאז, און האט אויף אזא'נ'אופן העל באלויכטען דאס צימער. און אט אזוי זיינען ארויסגעקומען אהן א שיעור בריליאנטענע און פאנטאסטישע ערשיינונגען. אבער אין מערב פון שווארצען צימער איז דער עפעקט פון פייער־ליכט, וואס האט געשטראמט דורך די טונקעלע פארהאנגען, דורך די בלוט־געפארבטע שויבען, געווען שרעקליך ביז גאר, און האט ארויסגערופען אזא ווילדען קוק אויף די געזיכטער פון די וואס זיינען אריינ־

געקומען, אז זעהר ווייניג פון דער חברה האבען גענוג מוט געהאט נאר א פוס צו שטעלען דארט.

אט אין דעם צימער איז דאס אויך געשטאנען ביי דער מערב־וואנט א ריזיגער זייגער פון עבענהאלץ. זיין פּערפּענדיקעל האט זיך געוויגט הין און צוריק מיט א טעמפּען, שווערען, מאנא־טאנעם קלאנג; און ווען דער מינוטען־ווייזער האט געמאכט זיין עיגול ארום דעם ציפערבלאט און די שטונדע האט געדארפט שלא־גען, איז פון די מעשענע לונגען פון דעם זייגער ארויסגעקומען א קלאנג, וועלכער איז געווען קלאר, הויך, טיף און אויסערגעוועהנ־ליך מוזיקאליש. אבער דער קלאנג האט געהאט אזא מאדנעם טאן און אויסדרוק, דאס ביי יעדער שטונדע פלעגען די מוזיקאנטען פון דעם ארקעסטער מוזיק פאר א ווייל איבעררהאקען זייער שפּי־לען, אום צוצוהערען זיך צום קלאנג, און אזוי האבען אויך די וואלצערס געמוזט אפּשטעלען זייער טאנץ, און די גאנצע לוסטיגע חברה איז אויף א ווייל צעמישט געווארען, און בעת דער זייגער האט נאך געהאלטען אין קלינגען, האט מען געקענט באמערקען, ווי די לייכטזיניגסטע זיינען געווארען בלאס, און די עלטערע און מעהר געזעצטע האבען א פיהר געטאן מיט זייערע הענט איבער זייערע שטערנס, אזוי ווי די רעיונות וואלטען ביי זיי צעמישט געווארען, אדער זיי וואלטען וועלען עפּעס נאכדענקען. אבער ווען די קלאנגען האבען אינגאנצען אויפגעהערט, אזוי האט א לייכטער געלעכטער גלייך אנגעכאפּט די פארזאמעלטע, די מו־זיקאנטען האבען א קוק געטאן איינע אויף די אנדערע און געשמיי־כעלט, אזוי ווי זיי וואלטען עס געטאן איבער זייער אייגענער נערוועזיטעט און נארישקייט, און זיי האבען צווישען זיך איין דער שטיל אפּגעמאכט, אז וויטער זאל דאס קלינגען פון דעם זייגער מעהר ניט מאכען אויף זיי אזא ווירקונג; און דאך, אז עס זיינען אריבער נאך זעכציג מינוטען (וועלכע כאפּען ארום דריי טויזענד מיט זעקס הונדערט סעקונדען פון דער צ י י ט, וואס פליהט), האט דער זייגער ווידער געקלונגען, און דאן איז געווען די זעלבע צעטומלעניש, שרעקעדיגקייט און נאכדענקונג, ווי פריהער.

אבער טראָץ די אַלע זאַכען, איז עס געווען אַ פּרעהליכע און פּראַכטפולע הוליאַנקע. די געשמאַקען פון דעם דוכס זיינען געווען מאָדנע. ער האָט געהאַט אַ פיין אויג פאַר פאַרבען און עפעקטען. ער האָט ניט געקוקט אויפ'ן פוץ פון דער הוילער מאָדע. זיינע פּלענער זיינען געווען געוואַגטע און פייערדיגע, און זיינע השגות האָבען געגליהט מיט באַרבאַרישען גלאַנץ. אַנדערע וואָלטען איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגע'נעם. זיינע נאָכפאָלגער אָבער האָבען געפיהלט, אַז ער איז דאָס ניט. מען האָט געמוזט איהם הערען און זעהן און אָנריהרען, אום צו זיין ז י כ ע ר, אַז ער איז ניט משוגע.

די באַוועגליכע באַפּוצונגען פון די זיבען חדרים לכבוד דעם־דאָזיגען גרויסען פעסט — דאָס איז צום גרעסטען טייל געווען זיין קאָפּ; און עס איז געווען זיין אייגענער הערשערישער גע־שמאַק, וואָס האָט אַזוי כאַראַקטעריסטיש געמאַכט די מאַסקערא־דערס. איהר מעגט זיין זיכער, אַז זיי זיינען געווען משונה'דיג. עס איז געווען אַ סך גלאַנץ און שיין און פּיקאַנטקייט און אילו־זיע — וואָס פיעלעס פון דעם האָט מען שוין געזעהן אין „ערנאַני“. עס זיינען געווען אַראַבעסקע פיגורען מיט ניט פּאַסיגע גלידער און אויסשטאַטונגען. עס זיינען געווען משוגע'נע פאַנטאַזיעס, אַזעל־כע, ווי אַ משוגע'נעם קען איינפאַלען. עס איז געווען אַ סך שעהנ־קייט, אַ סך צעלאָזענקייט, אַ סך אויסערגעוועהנליכעס, עטוואָס שרעקליכעס און ניט קיין ביסעל פון דעם, וואָס קען אַרויסרופען עקעל. הין און צוריק אין די זיבען חדרים זיינען פאַקטיש אַרומ־געגאַנגען מיט גע'גנב'עטע טריט מאַסען טרוימען. און די דאָזיגע טרוימען — האָבען זיך געדרעהט און געקאָרטשעט, קריגענדיג דעם קאָליר פון די צימערען און מאַכענדיג אַז די ווילדע מוזיק פון דעם אָרקעסטער זאָל זיך אויסדוכטען, ווי דער אָפּקלאַנג פון זייערע טריט. און באַלד שלאָגט דער זייגער פון עבענהאָלץ, וועלכער שטעהט אין דעם סאַמעטענעם זאַל. און דאַן, איז אויף איין ווייל־ע אַלעס שטיל, אַלעס שטום, און עס הערט זיך נאָר דער קול פון דעם זייגער. די טרוימען בלייבען שטעהן, ווי פאַרגליווערטע. אָבער די עכאָס פון דעם זייגער־קלאַנג פאַרשווינדען — זיי האָבען

נאַר אַ ווײַלע געדויערט — און אַ לייכטער, האַלב־פאַרשטיקטער געלעכטער צעלאָזט זיך נאָך זייער פאַרשווינדען. און דאַן ווידער נעמט די מוזיק שטייגען, און די טרוימען לעבען און דרעהען זיך אַהין און אַהער, נאָך לוסטיגער ווי פריהער, קריגענדיג דעם קאָליר פון די פיעלע געפאַרבטע פענסטער, דורך וועלכע עס שטראָמען די שטראַלען פון דרייפוס. אָבער קיינער פון די מאַס־קעס וואַגט איצט ניט צוצוגעהן צום צימער פון די זיבען, וואָס ליגט אין סאַמע מערב: ווארים די נאַכט נעמט פאַרשווינדען, און עס נעמט פליסען אַ גרעסערער שיין דורך די בלוט־קאָלירטע שויבען, און די שוואַרצקייט פון די סייבעל־פאָרהאַנגען ווערט בלאַסער, און דער, וועמעס פוס עס טרעט אַרויף אויפ׳ן סייבעלנעם טעפּיך, דערהערט פון דעם נאָהענטען עבען־זייגער אַ פאַרשטיקטע קלינגערייי, מעהר פייערליך־עמפּאַטיש, ווי עס קען גרייכען צו די אויערען פון יענע, וועלכע זיינען פאַרטאָן אין די מעהר ווייטע לוסטיגקייטען פון די אַנדערע צימערען.

אָבער די דאָזיגע אַנדערע צימערען זיינען געווען געדיכט געפּאַקט, און אין זיי האָט פיבעריש געקלאַפּט דאָס האַרץ פון לעבען. און די הוליאַנקע איז שטורעמדיג אַנגעגאַנגען, ביז דער זייגער האָט ענדליך גענומען שלאָגען האַלבע נאַכט. און דאַן האָט די מוזיק אויפגעהערט צו שפּילען, ווי איך האָב שוין דער־צעהלט: און אַלעס האָט אומרוהיג זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי ווי פריהער. אָבער איצט האָט דער זייגער געדאַרפט שלאָגען צוועלף מאָל, און דערפאַר האָט עס אפשר אַזוי פּאַסירט, אַז מעהר רעיונות זיינען געקראָכען אין די קעפּ פון די געלאַסענע צווישען די וואָס האָבען געהוליעט. און אַזוי האָט עס אפשר אויך פּאַ־סירט, וואָס איידער די לעצטע עכאָס פון לעצטען קלאַנג זיינען אָפּגעשטאָרבען, זיינען געווען אַ סך מענשען צווישען דעם עולם, וועלכע האָבען געפונען צייט צו באַמערקען די אַנוועזענהייט פון אַ מאַסקירטע געשטאַלט, וועלכע האָט פריהער קיינעמ׳ס אויפ־מערקזאַמקייט ניט צוגעצויגען. און ווען דער קלאַנג וועגען דעם־דאָזיגען נייעם אורח האָט זיך שושקענדיג אַליין פאַרשפּרייט אַרום און אַרום, האָט זיך ענדליך פון דער גאַנצער חברה אַרויס־

גערים̈ען א הודזשעריי, אדער א מורמלעריי, אויסדריקענדיג אומ־צופרידענהייט און איבערראשונג — דאן, צום סוף, שרעק, שוידער און עקעל.

אין א פלאץ פון פאנטאסטישע בילדער, אזעלכע ווי איך האב געשילדערט, קען מען זיך פארשטעלען, אז א געוועהנליכע ערשיי־נונג וואלט ניט געקאנט אנמאכען אזא רושם. אין דער אמת, די מאסקעראד פרייהייט פון דעם אווענט איז געווען כמעט אומ־באגרענעצט: אבער די געשטאלט, וועגען וועלכער דא רעדט זיך, האט אריבערגע׳הורדוס׳ט הורדוס׳ן און איז אריבער די גרענעצען פון אפילו דעם קעניג׳ס אומבאגרענעצטער עטיקעטע. אפילו ביי די קאלטסטע נפשות זיינען פאראן אין די הערצער סטרונעס, וועלכע גיבען זיך א צאפעל, ווי נאר מען ריהרט זיי אן. אפילו ביי דורכאוים פארלארענע מענשען, פאר וועמען לעבען און טויט איז איין שפאס, זיינען דא זאכען, איבער וועלכע עס לאזט זיך ניט שפאסען. עס האט ווירקליך אויסגעזעהן, די גאנצע קאמ־פאניע האט איצט טיף געפיהלט, אז אין דער קליידונג און אין דער האלטונג פון דעם אומבאקאנטען האט ניט געשטעקט, ניט קיין שכל און ניט קיין פאסיגקייט. עס איז געווען א גרויסע דארע פיגור, און איינגעהילט פון קאפ ביז די פים אין תכריכים. די מאסקע, וועלכע האט באהאלטען דאס געזיכט, איז געמאכט געווארען אזוי עהנליך צו א בר־מינן, אז אפילו גוט צוקוקענדיג זיך, איז אויך שווער געווען צו דערקענען די פאלשקייט. און דאך האט דאס אלעס געקענט געדולדעט ווערען, אויב ניט גוטגעהיי־סען, פון די משוגע׳נע הוליאקעס ארום. אבער דער פארמאסקיר־טער איז אוועק אזוי ווייט, דאס ער האט מיט זיך געוואלט פאר־שטעלען דעם „רויטען טויט". זיין קליידונג איז געווען באשפריצט אין בלוט, און זיין ברייטער שטערן, מיט די אלע געזיכטסצוגען, איז געווען באשפרינקעלט מיט שארלאך־רויטען שרעק.

ווען די אויגען פון קעניג פראספערא זיינען געפאלען אויף דער גייסטערהאפטער געשטאלט (וועלכע איז ארומגעגאנגען הין און צוריק צווישען די וואלצערס מיט לאנגזאמע פייערליכע טריט, ווי זי וואלט וועלען אויסהאלטען אינגאנצען איהר ראליע), האט

מען געקענט זעהן, ווי ער איז אין דעם ערשטען אויגענבליק שטארק אויפגעשוידערט געווארען, ווי אין א קאנוואולסיע, צי פאר שרעק אדער עקעל; אבער באלד איז זיין פנים אנגעצונדען געווארען מיט צארן.

— ווער וואגט דאס? — האט ער מיט א הייזעריגען קול געשריען אויף די הויפלייט, וואס זיינען לעבען איהם געשטאנען, — ווער וואגט עס צו מאכען פון אונז אזוי חוזק? כאפט איהם און רייסט פון איהם ארונטער די מאסקע, אום מיר זאלען וויסען וועמען אויפצוהענגען גלייך מיט זונענאויפגאנג אויף דער פעסטונגוואנט!

דער קעניג פראספערא איז געשטאנען אין דעם מזרח'דיגען, אדער בלויען צימער, בעת ער האט ארויסגעזאגט די ווערטער. זיי האבען געקלונגען הויך און דייטליך איבער אלע זיבען צימערען, ווארים דער קעניג איז געווען א דרייסטער, קרעפטיגער מאן, און די מוזיק איז אנטשוויגען געווארען ביים מאך פון זיין האנט.

אין בלויען צימער איז דאס דער קעניג געשטאנען מיט א גרופע בלאסע הויפלייט ביי זיין זייט. צוערשט, בעת ער האט ארויסגערעדט די ווערטער, האט די דאזיגע גרופע געמאכט א לייכטע באוועגונג, ווי א לאז צו טאן זיך צום אומגעבעטענעם גאסט, וועלכער איז אין דעם אויגענבליק אויך געווען נאהענט צו דער האנט, און דאן, מיט א בארעכענטען און שטאלצען גאנג, האט ער זיך נעהענטער גערוקט צום רעדנער. אבער די אימה, וואס די משוגע'נע געשטאלט פון דעם פארמאסקירטען האט ארויפגעווארפען אויף אלעמען, איז געווען אזוי גרויס, דאס עס האט זיך קיינער ניט געפונען, וואס זאל אויסשטרעקען א האנד צו כאפען איהם: איז ער זיך אומגעשטערט פארבייגעגאנגען אויף אן אייל ווייט פון דעם קעניג אליין; און בעת די צאהלרייכע פארזאמעלטע, אזוי ווי אלע דורך איין אימפולס, האבען זיך אוועקגערוקט פון מיטען די צימערען, שפארענדיג זיך צו די ווענט, איז ער זיך כסדר געגאנגען ווייטער, אבער מיט די זעלבע פייערליכע און געמאסטענע טריט, מיט וועלכע ער האט זיך אויסגעצוי־

כענט גלייך פון אנהויב, פון בלויען צימער צום פורפעל־רויטען. פון פורפעל־רויטען צום גרינעם, פון גרינעם צום אראנזשעווען, און פון דעם ווידער צום ווייסען, און פון דארט צום פיאלטעווען, איידער אן אנטשלאסענע באוועגונג איז געמאכט געווארען צו כאפען איהם. ערשט דעמאלט האט דער קעניג פראספערא, אויפ־געקאכט פאר צארן און שאנדע איבער זיין אייגענער אויגענבליק־ליכער שרעקעדיגקייט, זיך האסטיג א לאז געטאן דורך די זעקס צימערען, אבער קיינער האט איהם ניט נאכגעפאלגט צוליב דעם טויט־שרעק, וואס האט אלעמען אנגעכאפט. ער האט געהאלטען אין דער הויך א בלאנקען קינזשאל, און מיט א האסטיגען אימפעט איז ער צוגעקומען ביי א דריי־פיער פוס נאהענט צו דעם צו־ריקטרעטענדען פארשוין, ערשט דער לעצטער, דערגרייכענדיג דעם סאמען עק פון דעם סאמעטענעם חדר, האט זיך פלוצלונג אום־געקעהרט און זיך אוועקגעשטעלט פנים אל פנים צו זיין פאר־פאלגער. עס האט זיך דערהערט א שארפער אויסגעשריי — און דער קינזשאל איז גלאנצענדיג געפאלען אויפ׳ן סויבעלנעם טעפיך, אויף וועלכען עס איז דערנאך אויגענבליקליך געפאלען טויט דער קעניג פראספערא. דאן, אננעמענדיג זיך מיט ווילדען קוראזש פון פארצווייפלונג, האט זיך א קופע הוליאקעס גלייך א לאז געטאן אין שווארצען צימער אריין, און אנכאפענדיג דעם פאר־מאסקירטען, וועמעס גרויסע פיגור איז געשטאנען גלייך און בא־וועגלאז אין שאטען פון דעם עבען־זייגער, זיינען זיי געבליבען שטעהן מיט אפענע מיילער און אומאויסדריקליכען שרעק, דער־זעהענדיג, אז אין די תכריכים און הינטער דער טויטען־ארטיגער מאסקע, פון וועלכע זיי האבען א תל געמאכט, האט זיך קיין שום ממשות׳דיגע געשטאלט ניט געפונען.

איצטער איז שוין אנערקענט געווארען די אנוועזענהייט פון דעם „רויטען טויט“. ווי א גנב איז ער געקומען אין דער נאכט. און איינער נאכ׳ן אנדערען זיינען די הוליאקעס געפאלען אין די בלוט־באשמירטע זאלען, וואו זיי האבען געהוליעט, און איטליכער איז געשטארבען אין דער פארצווייפעלטער פאזע, ווי ער איז גע־פאלען. און דאס לעבען פון דעם עבען־זייגער איז אויסגעגאנגען

מיט'ן לעצטען פון די הוליאקעס. און די פלאמען פון דעם דרייפוס זיינען אויסגעלאשען געווארען. און פ י נ ס ט ע ר נ י ש און צ ע פ ו י ל מ ק י י ט און דער ר ו י ט ע ר ט ו י ט האבען אומבאשרענקט געהערשט איבער אלעמען.

דער שוואַרצער קאַטער.

ניט איך ערוואַרט, ניט איך בעט, מען זאָל מיר גלויבען די ווילדסטע, דאָך די איינפאַכסטע געשיכטע, וועלכע איך וויל דאָ דערצעהלען. איך וואָלט אמת משוגע געווען צו ערוואַרטען דאָס, אין אַ פאַל, וואָס מיינע אייגענע חושים קענען עס ניט באַנעמען. דאָך משוגע בין איך ניט, און בין גאַנץ זיכער, אַז איך טרוים ניט. אבער מאָרגען שטאַרב איך, און היינט וויל איך באַפרייען מיין זעלע פון שווערער לאַסט. מיין ערשטער צוועק איז, פאַרצולעגען פאַר דער וועלט איינפאַך, קורץ און אָהן פירושים אַ רייהע פון בלויזע פאַמיליען־פּאַסירונגען. אין זייערע פאָלגען האָבען די דאָזיגע פּאַסירונגען מיך אויפגעשוידערט, מיך געפייניגט, מיך גע׳פּטר׳ט. דאָך וועל איך ניט פּרובירען זיי צו דערקלערען. מיר האָבען זיי נאָר שרעק געגעבען; פאַר אַנדערע וועלען זיי אויס־זעהן ניט אַזוי שרעקליך, ווי זונדערבאַר. מיט דער צייט, אפשר, וועט זיך געפינען אַ מענש מיט אַזאַ פאַרשטאַנד, וועלכער וועט זעהן אין מיין האַלוצינאַציע גאַנץ געוועהנליכעס — אַ פאַרשטאַנד אַ מעהר געזעצטער, אַ מעהר לאָגישער און אַ סך ווייניגער אויפ־געדעגטער ווי מיין אייגענער, וואָס וועט זעהן אין די אומ־שטענדען, וועלכע איך גיב דאָ איבער מיט אימה, ניט מעהר ווי אַ געוועהנליכע קייט פון זעהר נאַטירליכע אורזאַכען און ווירקונגען.

פון מיין קינדהייט אָן האָב איך זיך אויסגעצייכענט מיט מיין ווייכער און מענשליכער נאַטור. מיין ווייכהאַרציגקייט האָט זיך אפילו אַזוי געוואָרפען אין די אויגען, אַז מיינע חברים פלעגען פון מיר מאַכען חוכא־טלולא. איבערהויפּט האָב איך ליב

געהאַט חיות, און מיינע עלטערן האָבן מיר געלאָזט האָבן אַ סך מינים חיות, צו שפּילן זיך מיט זיי. איך האָב די מעהרסטע צייט מיינע פאַרבראַכט מיט זיי, און איך בין קיינמאָל גליקליכער ניט געווען, ווי בעת איך פלעג זיי עסען געבען, אָדער צערטלען זיי. די דאָזיגע אייגענטימליכע טבע איז געוואַקסען מיט מיינע יאָהרען, און ווען איך בין שוין אַ מאַן געוואָרען, איז דאָס געוואָרען איינער פון מיינע הויפּט־קוועלען פון פאַרגעניגען. פאַר די, וואָס האָבען געהאַט דאָס פאַרגעניגען אָפּצוגעבען זיך מיט אַ געטרייען און שאַרפזיניגען הונט, דאַרף איך קוים באַמיהען זיך צו דערקלערען, וואָס פאַר אַ מין שטאַרקע באַפרידיגונג מען האָט פון דעם. עס איז עפּעס דאָ אין דער אומאייגענניציגער און זעלבסט־אויפאָפּפערנדער ליבע פון אַ חיה, וועלכע געהט גלייך אַריין אין הארצען פון יענעם, וואָס האָט געהאַט אָפט אַ געלעגענהייט אויסצופּרואווען די פאַלשע פריינדשאַפט און די אום־ממשות'דיגע געטרייקייט פון אַ בשר־ודם.

איך האָב חתונה געהאַט פריה, און בין געווען גליקליך צו געפינען אין מיין ווייב אַ נאַטור, ניט אומעהנליך צו מיינער. באַמערקענדיג מיין פאַרליבטקייט אין שטוביגע בעשעפעניש, האָט זי ניט דורכגעלאָזען קיין געלעגענהייט צו קריגען אַזעלכע פון דעם אַנגענעהמסטען מין. מיר האָבען געהאַט פויגלען, גאָלד־פישלאַך, אַ פיינעם הונט, קראַליקעס, אַ קליינע מאַלפּע און אַ קאַטער.

דער לעצטער איז געווען אַ וואונדערבאַר גרויסע און שעהנע חיה, אינגאַנצען שוואַרץ, און קלוג ביז צו אַ דערשטוינענדען גראַד. רעדענדיג פון זיין פאַרשטאַנד, פלעגט מיין ווייב, וועלכע איז אין האַרצען געווען ניט ווייניג דורכגעדרונגען מיט אָבער־גלויבען, אָפט געבען אַנצוהערעניש וועגען דעם פאַרצייטיגען פאָלקס־באַגריף, לויט וועלכען אַלע שוואַרצע קעץ זיינען פאַרשטעלטע מכשפות. ניט ווייל זי איז געווען ערנסט אין דער דאָזיגער באַהויפּטונג — איך דערמאָן דאָס גאָר אינגאַנצען ניט צוליעב עפּעס, נאָר דערפאַר, ווייל עס האָט זיך גראָד איצט געמאַכט אַזוי, אַז איך האָב זיך דערמאָנט וועגען דעם.

פלוטא — דאס איז געווען דעם קאטער'ס נאמען — איז געווען מיין באליבט באשעפעניש און חבר. איך אליין האב איהם עסען געגעבען, און וואו נאר איך בין געגאנגען ארום הויז, איז ער אימער מיט מיר געווען. עס פלעגט מיר שווער אנקומען גיט צו דערלאזען איהם מיר נאכצוגעהן אפילו אין גאס.

אונזער פריינדשאפט האט אויף אזא אופן געדויערט עטליכע יאהר, דורך וועלכער צייט מיין אלגעמיינער טעמפעראמענט און כאראקטער האט (איך שעם זיך אויסצוזאגען) מיט דער הילף פונ'ם שטן פון שכרות דורכגעמאכט א ראדיקאלע ענדערונג צום ערגערען. פון טאג צו טאג בין איך געווארען אלץ אנגעבלאזענער, אלץ אויפגערעגטער, אלץ ווינציגער געקימערט זיך וועגען די געפיהלען פון אנדערע. איך האב זיך ערלויבט צו געברויכען א ניט־פאסיגע שפראך צו מיין ווייב. ענדליך האב איך אפילו געוואלט געברויכט געגען איהם. מיינע ליבלינגען, פארשטעהט זיך, האבען אויך גענומען פיהלען די ענדערונג פון מיין כאראקטער. ניט נאר האב איך זיי פארנאכלעסיגט, נאר איך האב זיי אויך שלעכטס געטאן. פאר פלוטא'ן, אבער, האב איך נאך געהאט גענוג איינזעהעניש, אז איך זאל איהם ניט שלעכטס טאן, אזוי ווי איך פלעג זיך ניט אפהאלטען א טשעפע צו טאן די קראליקעס, די מאלפע, אדער אפילו דעם הונט, ווען זיי פלעגען צופעליג אדער לאשצענדיג זיך שטעלען מיר אין וועג. אבער מיין קראנקהייט האט מיך אלץ מעהר באהערשט — איז דען פאראן נאך אזא קראנקהייט, ווי אלקאהאל? — און ענדליך האט אפילו פלוטא, וועלכער האט שוין אנגעהויבען צו ווערען עלטער, און פאלגליך אויך עטוואס קאפריזנע, — יא, אפילו פלוטא האט אנגעהויבען צו פיהלען די ווירקונג פון מיין בייזען גייסט.

איינמאל ביינאכט, צוריקקעהרענדיג זיך אהיים שטארק שכור פון מיין ארומשלעפען זיך איבער'ן שטאדט, האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז דער קאטער מיידט אוים צו ווייזען זיך מיר אויף די אויגען. איך האב איהם א כאפ געטאן, און ער, דערשרעקענדיג זיך, איך זאל איהם עפעס ניט טאן, האט ער מיר לייכט איינגעביסען אין האנט מיט זיינע ציינער. דער צארן פון א טייוועל

האָט מיך גלייך אָנגעכאַפּט. איך האָב שוין ניט געוואוסט, אויף וואָסער וועלט איך בין. מיין אמת'ע נשמה, האָט אויסגעזעהן, איז גלייך ארויסגעפלויגען פון מיין גוף, און נאָך עפּעס שטאַרקערעס, ווי טייוולאָנישע בייזוויליגקייט, געשפּייזט פון בראַנפען, האָט דורכגעדרונגען אַלע פיברען פון מיין קערפּער. איך האָב אַרויסגענומען פון מיין וועסטעל־קעשענע אַ פּען־מעסערעל, אויפגעפענט עס, האָב אַ כאַפּ געטאָן דאָס אָרימע באַשעפעניש ביים האַלז, און מיט אַ כיון אַרויסגענומען איהם אַן אויג! דער פּנים פלאַמט מיר, עס שוידערט מיר שרייבענדיג וועגען אָט דער פאַרדאַמטער רציחה.

ווען דער פאַרשטאַנד האָט זיך צו מיר צוריקגעקעהרט מיט'ן פריהמאָרגען, נאָכדעם ווי איך האָב זיך אויסגעניכטערט פון די נעכטיגע שכרות, האָב איך איבערגעלעבט אַ געפיהל פון האַלב שרעק, האַלב חרטה איבער'ן פאַרברעכען, וואָס איך האָב באַגאַנגען: אָבער אין בעסטען פאַל איז דאָס געווען אַ שוואַך און צווייפעלהאַפט געפיהל, און דאָס הארץ איז געבליבען גאָרניט גערירט. איך האָב זיך ווידער אַריינגעלאָזען אין עקסצעסען. און האָב באַלד פאַרטרונקען אין וויין די גאַנצע ערינערונג אָן דער מעשה וואָס איך האָב אָפּגעטאָן.

דער קאָטער איז דערווייל ביסלעכוויז געזונט געוואָרען. אמת, עס איז געווען אַ שרעק צו קוקען אויף דאָס לעכעל, וואו דאָס פאַרלאָרענע אויג איז געזעסען, אָבער מעהר קיין שמערצען האָט ער, קענטיג, שוין ניט געליטען. ער איז ארומגעגאַנגען ארום הויז ווי געוועהנליך, אָבער, ווי מען האָט געקענט ערוואַרטען, ער פלעגט אין טויט־שרעק אַנטלויפען, ווי ער פלעגט מיך דערזעהן. עס איז אין מיר נאָך עפּעס איבערגעבליבען פון מיין אַלט הארץ, אַז איך זאָל זיך צוערשט פיהלען געערגערט פון דעם, וואָס דאָס באַשעפעניש, וואָס האָט מיך אַמאָל אַזוי ליב געהאַט, זאָל איצט מיך ניט ליבען. אָבער אָט־אָ־דאָס געפיהל האָט באַלד אָפּגעטראָטען זיין פּלאַץ פאַר אויפרעגונג. און דאַן איז געקומען, ווי אומצוברענגען מיין ענדליכען און אומפאַרמיידליכען אונטערגאַנג, דער גייסט פון צו־להכעיס. די פילאָזאָפיע קימערט זיך ניט

וועגען דעם דאָזיגען גייסט. דאָך בין איך ניט מעהר זיכער אין דעם, אַז מיין נשמה לעבט, ווי אין דעם אַז דאָס צו־להכעיס־געפיהל איז איינס פון די פרימיטיווע אימפולסען פונ'ם מענשליכען הארצען — איינס פון די אומטיילבאַרע גאָר ערשטע אייגענשאַפטען, אָדער סענטימענטען, וועלכע גיבען א ריכטונג צו דעם כאַראַקטער פון דעם מענשען. ווער האָט דאָס אַ הונדערט מאָל אויף זיך אַליין ניט געפיהלט, אַפּטוענדיג עפּעס שלעכטס אָדער אַ נאַרישקייט, אָהן אַ שום אורזאַך, נאָר ווייל ער ווייסט, אַז ער דאַרף דאָס ניט טאָן? האָבען מיר דען ניט אַן אייביגע נייגונג, אויף צו־להכעיס אונזער פעסטער אורטיילס־קראַפט, עובר צו זיין אויף אַ געזעץ, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז אַ געזעץ? דער דאָזיגער גייסט פון צו־להכעיס, זאָג איך, איז געקומען צו דערענדיגען מיך אינגאַנצען. עס איז געווען דער טיפער פאַרלאַנג פון אַ נשמה, צו פייניגען זיך אַליין, צו באַגעהן גוואַלדטאַט קעגען דער אייגענער נאַטור, צו טאָן אומרעכט בלויז פון אומרעכט וועגען, און געטריבען מיך פאַרטצוזעצען דאָס רשעות, וואָס איך האָב געטאָן איבער דער אומשולדיגער חיה. איין פריהמאָרגען האָב איך גאַנץ קאַלטבלוטיג פאַרצויגען אַ פעטליע ארום זיין האַלז, און איהם אויפגעהאַנגען אויף אַ צווייג פון אַ בוים: אויפגעהאַנגען איהם מיט גיסענדיגע טייכען טרערען פון מיינע אויגען און מיט דער ביטערסטער חרטה אין מיין הארצען: אויפגעהאַנגען איהם, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט מיך ליב געהאַט און ווייל איך האָב געפיהלט, אַז ער האָט מיך מיט קיין זאַך ניט באַליידיגט: אויפגעהאַנגען איהם, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז טוענדיג דאָס, טו איך אַן עבירה, אַ טויטליכע זינד, וועלכע וועט אַזוי שטעלען אין געפאַהר מיין אומשטערבליכע זעלע, אַז אויב דאָס וואָלט געווען מעגליך, וואָלט זי ניט געקענט דערגרייכען די אומענדליכע גנאָד פון דעם באַרעמהערציגסטען און שרעקליכסטען גאָט.

אין דער נאַכט פון דעם זעלבען טאָג, אין וועלכען די דאָזיגע העכסט־גרויזאַמע מעשה איז אָפּגעטאָן געוואָרען, בין איך אויפגעריסען געוואָרען פון שלאָף דורך אַ געשריי „עס ברענט!“ די

פארהאנגען פון מיין בעט זיינען געווען אין פלאמען. דאס גאנצע הויז האט געברענט. מיין ווייב, א דיענסט און איך אליין האבען קוים מיט'ן לעבען זיך געראטעוועט פון די פלאמען. דער חורבן איז געווען פולשטענדיג. פון מיין גאנצען וועלטליכען רייכטום איז א תל געווארען, און פון דעמאלט אן בין איך אינגאנצען אנגעפילט געווארען מיט יאוש.

איך בין גאנץ ווייט פון דער שוואכקייט צו זוכען א צוזאַמענקייטלונג פון אורזאך און ווירקונג צווישען דעם אומגליק און דער רציחה. אבער איך ברענג דא א קייט פון פאקטען און איך וויל ניט לאזען אומפאלקאמען אפילו א מעגליכען רינג. אויף מארגען נאך דער שרפה האב איך באזוכט די חורבות. די ווענט, א חוץ איינע, זיינען געווען איינגעפאלען. די איבערגעבליבענע וואנט איז געווען אן אינוועניגסטע, ניט קיין זעהר דיקע, וועלכע איז געשטאנען אן ערך אינמיטען הויז, און אן וועלכער עס איז געווען אנגעשפארט דער קאפען פון מיין בעט. דער טינק איז דא אין א גרויסער מאס ביינגעשטאנען דעם כח פון'ם פייער, א פאקט, וועלכען איך האב צוגעשריבען צו דעם, וואס דאס איז ניט לאנג געלעגט געווארען. ארום דער דאזיגער וואנט האט זיך אן עם רב צונויפגעקליבען, און פיעלע מענשען האבען, ווי עס שיינט, עקזאמינירט א באזונדערען טייל פון דער וואנט מיט א גענויער און טשיקאווער אויפמערקזאמקייט. די ווערטער „זונדערבאר!" „מאדנע!" און אנדערע עהנליכע אויסדריקען האבען ארויסגערופען מיין נייגעריגקייט. איך בין צוגעגאנגען און האב דערזעהן ווי אויסגעשניצט אין בארעליעף אויפ'ן ווייסען אויבערפלאך די געשטאלט פון א ריזיגער קאץ. דער איינדרוק האט זיך באקומען מיט אן אמת מערקווירדיגער פינקטליכקייט. עס איז געווען א שטריק ארום דעם האלז פון'ם באשעפעניש.

ווען איך האב צוערשט דערזעהן דעם דאזיגען געשפענסט — ווייל פאר ווייניגער ווי דאס, האב איך דאס ניט געקענט באטראכטען — בין איך פארוואונדערט און דערשראקען געווארען ביז גאר. אבער ענדליך האב איך זיך באדענקט. דער קאטער, האב איך זיך דערמאנט, איז אויפגעהאנגען געווארען אין א גארטען

דערביי ביים הויז. אז עס איז געווארען דער געשריי „עס ברענט!“.
איז דער דאָזיגער גאָרטען גלייך אַנגעפילט געווארען מיט אַן עולם,
און איינער פון זיי האָט געמוזט מסתמא אָפּשניידען דעם קאַטער
פון בוים און איהם אַריינגעוואָרפען דורך אַן אָפען פענסטער
אין מיין צימער אַריין. דאָס איז וואַרשיינליך געטאָן געווארען מיט
דער כוונה מיך אויפצואוועקען פון שלאָף. דאָס פאַלען פון די
אַנדערע ווענט האָט אַריינגעקוועטשט דעם קרבן פון מיין אכזריות
אין דער מאַטעריע פון דעם פריש־געלעגטען טינק, און די וואַפנע
דערפון, מיט די פלאַמען, און די אַמאָניאַק פון דער נבלה —
דאָס אַלעס צוזאַמען האָט אַרויסגעבראַכט די געשטאַלט פון דעם
קאַטער אויף דער וואַנט, ווי איך האָב עס געזעהן.

כאָטש איך האָב מיר אַזוי דערקלעהרט פאַר מיין פאַרשטאַנד,
אויב ניט גאָר פאַר מיין געוויסען, דעם דערשטוינענדען פאַקט,
וואָס איך האָב דאָ נאָר־וואָס דערצעהלט, האָט עס אָבער ניט פאַר־
קלענערט דעם איינדרוק, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף מיין
פאַנטאַזיע. מאָנאַטען־לאַנג האָב איך זיך ניט געקענט באַפרייען
פון דעם געשפּענסט פון'ם קאַטער, און אין דעם משך צייט איז
צוריקגעקומען אין מיין גייסט אַ האַלב־געפיהל, וואָס האָט אויס־
געדוכט צו זיין, אָבער איז ניט געווען, חרטה. איך בין שוין
אַזוי ווייט געגאַנגען, צו באַדויערען דעם פאַרלוסט פון דער חיה,
און צו זוכען אַרום זיך, צווישען די שלעכטע ערטער, וועלכע איך
האָב איצט רק באַזוכט, עפּעס אַן אַנדער ליבלינג פון דעם זעלבען
מין און פון עטוואָס עהנליכען אויסזעהן, וואָס זאָל מיר קענען
פאַרבייטען זיין פלאַץ.

איינמאָל ביינאַכט, ווען איך בין געזעסען האַלב באַטויבט
אין אַ פלאַץ, וואָס איז געווען מעהר ווי שענדליך, איז מיין אויפ־
מערקזאַמקייט פּלוצלונג צוגעצויגען געווארען צו עפּעס אַ שוואַרצער
זאַך, וואָס איז געלעגען אָנגעשפּאַרט אויף'ן קאָפּ פון איינער פון
די גרויסע פעסער מיט דזשין, אָדער מיט ראָם, וועלכע זיינען
געווען די הויפּט־מעבעל פון'ם הויז. איך האָב עטליכע מינוטען
נאָכאַנאַנד געקוקט אויף'ן אויבען פון אָט־אָ־דער פאַס, און וואָס
עס האָט מיך איצט איבערראַשט, איז געווען דער פאַקט,

וואָס איך האָב פריהער ניט באַמערקט די זאַך, וואָס איז געלעגען דאַרויף. איך בין צוגעגאַנגען און האָב עס אַנגעריהרט מיט מיין האַנט. עס איז געווען אַ שוואַרצער קאַטער, זעהר אַ גרויסער, איינגאַנצען אַזוי גרויס ווי פּלוטאָ, און שטאַרק געראָטען אין איהם אין יעדער הינזיכט, אויסער אין איין זאַך. פּלוטאָ האָט ניט געהאַט קיין ווייסע האָר אויף קיין שום טייל פון זיין קערפּער, אָבער אָט דער קאַטער האָט געהאַט אַ גרויסען, כאָטש אומבאַשטימטען, פלעק פון ווייסע האָר, באַדעקענדיג כמעט דעם גאַנצען פּלאַץ פון דער ברוסט.

ווען איך האָב איהם אָנגעריהרט, האָט ער זיך גלייך אויפגעשטעלט, מיט צופרידענהייט הויך אַ בורטשע געטאָן, זיך אַ ריב געטאָן אָן מיין האַנט, און איז, דאַכט זיך, געווען צופרידען מיט מיין אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז אַלזאָ געווען דאָס ריכטיגע באַשעפעניש, וואָס איך האָב געזוכט. איך האָב גלייך געבעטען דעם באַלעבאָס, ער זאָל עס מיר פאַרקויפען, אָבער ער האָט קיין שום תביעות אויף דעם ניט געמאַכט, האָט גאָרנישט געוואוסט פון דעם, האָט עס גאָר ביז אָהער ניט געזעהן.

איך האָב עס ווייטער געצערטעלט, און ווען איך האָב זיך געקליבען צו געהן אַהיים, האָט דאָס באַשעפעניש אַרויסגעוויזען אַ נייגונג צו געהן מיט מיר. איך האָב איהם געלאָזען געהן מיט מיר, און אויפ׳ן וועג האָב איך פון צייט צו צייט איינגעבויגען זיך און געגלעט איהם. ווען ער איז צוגעקומען צו מיין הויז, האָט ער זיך גלייך היימיש געמאַכט און איז באַלד געוואָרען שטאַרק באַליבט ביי מיין ווייב.

וואָס איז שייך מיר, האָב איך באַלד דערפיהלט, ווי עס וואַקסט אין מיר אַ שנאה צו איהם. דאָס איז געווען פּונקט דער היפּוך פון דעם, וואָס איך האָב ערוואַרט; אָבער איך ווייס ניט, ווי אַזוי און פאַרוואָס דאָס איז געוועזן, וואָס זיין באַשיינפּערליבע ליבשאַפט צו מיר האָט גיכער מיר דערעסען און באַלעסטיגט. ביסלאַכווייז זיינען די דאָזיגע געפיהלען פון איבערדריסיגקייט און באַלעסטיגונג אַריבער אין אַ ביטערער שנאה. איך האָב

געווייכט פונ׳ם באשעפעניש: א געוויסער געפיהל פון שאנדע און די ערינערונג אן מיין פריהערדיגער גרויזאמער טאט האט מיך אפגעהאלטען פון צו טאן איהם עפעס שלעכטס. איך האב פאר עטליכע וואכען ניט א קלאפ געטאן איהם, און אויך ניט געטשעפעט אויף אן אנדער אופן. אבער ביסלעכווייז, זעהר לאנג־זאם, האב איך אנגעהויבען צו קוקען אויף איהם מיט אומאויס־דריקבארען עקעל, און שטילערהייד צו וויכען פון זיין אב־שייליכער אנוועזענהייט, ווי מען וויכט פון א מגפה.

וואס עס האט אהן צווייפעל פארגרעסערט מיין שנאה צום באשעפעניש איז געווען מיין אויסגעפינען אויף מארגען, נאכדעם ווי איך האב עס געבראכט אהיים, אז פונקט ווי פלוטא, איז אויך ער בארויבט געווארען פון אן אויג. דער דאזיגער אומשטאנד, אבער, האט איהם נאך טייערער געמאכט ביי מיין ווייב, וועלכע, ווי איך האב שוין געזאגט, האט פארמאגט אין א הויכען גראד יענעם מענשליכע געפיהל, וואס איז אמאל געווען א שטריך אין מיין כאראקטער, מיט וועלכען איך האב זיך אויסגעצייכענט, און וואס איז געווען דער קוואל פון פיעלע מיינע איינפאכסטע און ריינסטע פארגעניגענס.

וואס גרעסער אבער מיין עקעל איז געווארען צום קאטער, אלץ גרעסער איז זיין ליעבשאפט געווארען צו מיר. ער איז נאכ־געגאנגען מיינע טריט מיט אזא איינגעשפארטקייט, אז ס׳איז פשוט שווער צו געבען דעם לעזער פארשטעהן דאס. וואו איך פלעג זיך ניט זעצען, פלעגט ער אונטערקריכען אונטער מיין שטול, אדער ארויפשפרינגען אויף מיינע קניע, באדעקענדיג מיך מיט זיינע אבשייליכע צערטליכקייטען. אז איך פלעג זיך אויפ־שטעלען און נעהמען געהן, פלעגט ער זיך אריינפלאנטערן צווי־שען מיינע פיס, אז איך פלעג שיער ניט אומפאלען, אדער איינ־טשעפענדיג זיך מיט זיינע לאנגע און שארפע נעגעל אין מיינע קליידער, פלעגט ער אזוי ארויפקלעטערן צו מיר אויפ׳ן ברוסט. אין אזעלכע צייטען, כאטש עס האט זיך מיר געחלש׳ש צו פטר׳ן עס מיט איין קלאפ, פלעג איך זיך דאך איינהאלטען און ניט טאן דאס, טיילווייז צוליעב דעם וואס איך פלעג זיך דערמאנען אן מיין

פריהערדיגען פּאַרברעכען, אָבער הויפּטזעכליך — לאָמיך זיך גלייך מודה זיין — צוליב דעם אבסאָלוטען שרעק פאַר דער חיה.

דער דאָזיגער שרעק איז אייגענטליך ניט געווען קיין שרעק פאַר עפּעס א קערפּערליכען בייז, און דאָך ווייס איך אויך ניט, ווי דאָס אַנדערש צו דעפינירען. איך שעם זיך שיער ניט מודה צו זיין — יאָ, אפילו אין אָט־א־דער פאַרברעכער־צעלע שעם איך זיך שיער ניט מודה צו זיין — אז דער שרעק און שוידער, מיט וועלכען די חיה האָט מיך אָנגעפילט, איז דערהויכט געוואָרען דורך איינע פון די ריינסטע כימערעס ,וועלכע מען קען זיך פאָרשטע־לען. מיין ווייב האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, מעהר ווי איין מאָל, אויף דעם כאַראַקטער פון דעם סימן מיט די ווייסע האָר, וועגען וועלכע איך האָב גערעדט, און וואָס איז געווען דער איינ־ציגער קענטיגער אונטערשייד צווישען דער זונדערבאַרער חיה און יענער, וועלכע איך האָב גע׳פּטר׳ט. דער לעזער וועט זיך דער־מאָנען, אז דער דאָזיגער סימן, כאָטש א גרויסער, איז צוערשט געווען זעהר אומבאַשטימט; אָבער לאַנגזאַם גראַדענווייז — גראַדען כמעט אוממערקבאַרע, און וועלכע מיין פאַרשטאַנד האָט א לאַנגע צייט געמאַטערט זיך צו פאַרוואַרפען אַלס פאַנטאַסטי־שע — איז דאָס ענדליך שטאַרק קאַנטיג געוואָרען. דאָס האָט איצט מיט זיך פאַרגעשטעלט עפּעס אַזוינס, וואָס איך שוידער עס אַנצורופען מיט׳ן נאָמען, און אָט־א־דאָס האָט מיר מעהר פון אַלעם געעקעלט און געשראָקען, און וואָלט איך געוואָגט, וואָלט איך זעהן פּטור צו ווערען פון דעם מאָנסטער. נון, דאָס איז געווען, זאָג איך, דאָס בילד פון אַן אָבשייליכער, פון א שויד־דערליכער זאַך — פון דעם גאַלגאַן! א טרויעריגע און מורא׳־דיגע מאַשין פון שרעק און פאַרברעכען, פון גסיסה און טויט!

און איצט בין איך ווירקליך געוואָרען אַן אמת׳ע חורבה פון א מענשען, און א חיה רעה, וועמעס גלייכען איך האָב מיט פאַר־אַכטונג גע׳פּטר׳ט — א חיה רעה, וואָס זאָל מיר פאַרשאַפען, מיר, דעם מענשען געפורעמט אין דער געשטאַלט פון דעם אויי־בערשטען, אַזוי פיעל אומערטרעגליכע יסורים! וועה געשריען! ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט האָב איך שוין מעהר ניט געוואוסט

די ברכה פון רוה! בייטאג האט מיך דאס באשעפעניש ניט אפּגעלאזען אויף א רגע ניט, און ביינאכט פלעג איך זיך יעדע שעה אויפכאפּען פון מאדנע שרעקליכע חלומות, דערפיהלענדיג דעם הייסען אטעם פונ'ם באשעפעניש אויף מיין פּנים, און זיין מורא'דיגע וואג, א פארקערפּערטען נאכט־שרעק, וועלכען איך האב קיין כח ניט געהאט אוועקצוטרייבען, איז געלעגען שווער אויף מיין הארץ!

אונטער'ן דרוק פון אזעלכע יסורים איז דאס שוואכע איבערבלייבעניש פון גוטס אין מיר אבגעשטארבען. בייזע מחשבות זיינען געווארען מיינע איינציגע אינטימע פריינד — די פינסטערסטע און די שלעכטסטע מחשבות. די געוועהנליכע אנגעבלאזענקייט פון מיין כאראקטער איז אריבער אין א שטארקע שנאה צו אלע זאכען און צו דער גאנצער מענשהייט, און פון די פּלוצליכע, אפטע און אומקאנטראלירבארע אויסברוכען פון ווילדען צארן, צו וואס איך האב זיך איצט בלינד אפּגעגעבען, האט מיין זיך־ניט־באקלאגענדע ווייב מעהר פון אלעמען מיט דער גרעסטער געדולד געליטען.

איינמאל איז זי מיט מיר געגאנגען נאך עפּעס אין קעלער אריין פון דער אלטער געביידע, וואו אונזער ארימקייט האט אונז געצוואונגען צו וואוינען. דער קאטער איז מיר נאכגעגאנגען אראפּ די שטארק־משופּע'דיגע טרעפּ, און שיער ניט פאלענדיג איבער איהם מיט'ן קאפּ אראפּ, בין איך דערצארענט געווארען ביז צו משוגעת. אויפהויבענדיג א האק און פארגעסענדיג אין מיין צארן די קינדערשע מורא, וועלכע האט ביז אהער אפּגעהאלטען מיין האנט, האב איך זיך געצילעוועט צו געבען דער חיה א קלאפּ, וועלכער וואלט אויגענבליק געווארען פאטאל, ווען עס לאזט זיך אראפּ אזוי ווי איך האב געוואלט. אבער מיין ווייב'ס האנט האט אפּגעהאלטען דעם דאזיגען קלאפּ. אריינגעבראכט אין אן איבער־דעמאנישען צארן דורך מיין ווייב'ס אריינמישען זיך, האב איך ארויסגעריסען פון איהר די האנט און האב אריינגעלאזען די האק איהר אין מארך אריין, זי איז געפאלען טויט אויפ'ן ארט אהן א קרעכץ אפילו.

אָפּטועענדיג דעם דאָזיגען אבשייליכען מאָרד, האָב איך גלייך גענומען טראַכטען און פּלאַנעווען, ווי אַזוי צו באַהאַלטען דעם קערפּער. איך האָב געוואוסט, אַז איך קען עס ניט אַוועקנעהמען פון הויז, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט, סיידען ריזיקירענדיג באַמערקט צו ווערען פון די שכנים. אַ סך פּלענער איז מיר אַריין אין קאָפּ. איין מאָל איז מיר איינגעפאַלען צעשניידען דעם קערפּער אין די קלענסטע שטיקלאַך און צו פאַרברענען דאָס. אַ צווייטען מאָל האָב איך באַשלאָסען אויסצוגראָבען אַ גרוב פאַר דעם אין דעם באָדען פון דעם קעלער. ווידער האָב איך געטראַכט וועגען אַריינוואַרפען דעם קערפּער אינ׳ם ברונים פון הויף; איינצופּאַקען דאָס אין אַ קעסטעל, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען סחורה, מיט דער געוועהנליכער איינאָרדנונג, און אַזוי קריגען אַ טרעגער, וואָס זאָל דאָס צונעהמען פון הויז. ענדליך איז מיר איינגעפאַלען אַ פּלאַן, וועלכען איך האָב באַטראַכט אַלס דעם בעסטען פון די אַלע. איך האָב באַשלאָסען איינצומויערן דאָס אין אַ וואַנט אין קעלער, אַזוי ווי די מאָנאַכען אין מיטעל־אַלטער, ווי עס שרייבט זיך, פּלעגען טאָן מיט זייערע קרבנות.

פאַר אַזאַ צוועק איז דער קעלער געווען ווי אָנגעמאָסטען. זיינע ווענט זיינען געווען שוואַך אויפגעשטעלט, און זיי זיינען ניט לאַנג איבערגעטינקעוועט געוואָרען מיט אַ פּראָסטען טינק, וואָס די פייכטקייט פון דער לופט האָט ניט געלאָזט פאַרהאַרטעוועט ווערען. נאָכמעהר, אין איין וואַנט האָט עפּעס אַרויסגעשטאַרצעט, אַזוי ווי דאָרטען וואָלט געווען כלומר׳שט אַ קוימען, אָדער אַ קאַמין, וואָס איז אויסגעפילט געוואָרען און אָפּגעמאַכט אַזוי, אַז עס זאָל גלייך זיין מיט די איבעריגע פונ׳ם קעלער. ביי מיר איז קיין שום ספק ניט געווען, אַז איך קען גלייך אַרויסנעהמען די ציגעל אויף אָט דעם פּלאַץ, אַריינמאַכען דעם קערפּער, און פאַרמאַכען צוריק די וואַנט ווי געווען, אַזוי, אַז קיין שום אויג זאָל גאָרנישט ניט קענען פאַרדעכטיגען.

און אין דער אויסרעכענונג האָב איך זיך ניט גענאַרט. מיט דער הילף פון אַ ברעכשטאַנג האָב איך לייכט אַרויסגענומען די ציגעל, און אַריינלעגענדיג פאָרזיכטיג דעם קערפּער, אָנשפּאַרענ־

דיג דאָס צו דער אינוועניגסטער וואַנט, האָב איך דאָס אַזוי צו־געהאַלטען, ביז איך האָב מיט ווייניג מיה צוריק פאַרמאַכט די וואַנט, אַזוי ווי זי איז צום אָנפאַנג געווען. קריגענדיג וואַפנע, זאַמד און האָר, האָב איך מיט כל המעגליכער פאָרזיכטיגקייט צו־געפּראַוועט אַ טינק, וואָס זאָל זיך ניט אונטערשיידען פונ'ם אַלטען טינק, און איך בין מיט דעם זעהר זאָרגפעלטיג איבערגע־גאַנגען איבער דער נייער געמויערטער וואַנט. ווען איך בין פאַר־טיג געוואָרען, האָב איך געפיהלט אין זיך אַז אַלעס איז כשורה. אויף דער וואַנט איז גאָרנישט ניט געווען קענטיג אַז מען האָט עס געטשעפּעט. די מיסט וואָס אויף דער ערד האָב איך אויפגע־קליבען מיט דער פּינקטליכסטער פאָרזיכטיגקייט. איך האָב נצחונ'דיג זיך ארומגעקוקט און זיך אָנגערופען צו זיך אַליין: „יאָ, דאָ וועניגסטענס איז מיין ארבייט ניט אומזיסט געווען“.

דער נעקסטער שריט מיינער איז געווען אויפצוזוכען די בעסטיע, וועלכע איז געווען די סיבה פון אַזוי פיעל צרות, וואָרים איך האָב ענדליך פעסט באַשלאָסען צו דער'הרג'ענען דאָס. וואָלט איך אימשטאַנד געווען צו טרעפען דאָס גלייך אויף דער הייסער מינוט, וואָלט קיין שום צווייפעל ניט געקענט זיין וועגען זיין שיקזאַל. אָבער עס האָט אויסגעזעהן, אַז דאָס כיטרע באַשעפ־ניש איז באַאומרוהיגט געוואָרען פון דער מעשה וואָס איך האָב פריהער פאַר כעס אָפּגעטאָן, און דאָס האָט געזעהן ניט צו ווייזען זיך מיר אויף די אויגען אין מיין איצטיגער שטימונג. עס איז אוממעגליך צו שילדערן אָדער פאָרצושטעלען זיך דאָס טיפע, גליקזעליגע געפיהל פון דערלייכטערונג, וואָס די אַבוועזענהייט פונ'ם עקעלהאַפטען באַשעפניש האָט ארויסגערופען ביי מיר אין הארצען. דאָס האָט זיך ניט באַוויזען אויך ביינאַכט, און אַזוי האָב איך וועניגסטענס איין נאַכט, זינט דאָס איז צו מיר אין הויז אריין, שטאַרק און רוהיג געשלאָפען: יאָ, געשלאָפען אפילו מיט דער לאַסט פון מאָרד אויף מיין זעלע.

דער צווייטער און דער דריטער טאָג איז אַוועק, און מיין פּייניגער איז נאָך ניט געקומען. איך האָב ווידער פריי געאָטעמט. דער מאָנסטער איז אין שרעק אויף אייביג אַנטלאָפען פונ'ם פּלאַץ.

איך וועל איהם מעהר ניט אנקוקען! צו מיין גליק איז קיין שיעור ניט געוועזן! די שולד פון מיין פינסטערער טאט האט מיך ווייניג באאומרוהיגט. מען האט מיר יאַ געשטעלט עפּעס איינינע פראַ־גען, אבער איך האב אויף זיי גלייך געענטפערט. מען האט אפילו געזוכט אומעטום, אבער פארשטעהט זיך, מען האט גאָר־נישט ניט געפונען. איך בין געוועזן זיכער מיט מיין צוקינפטיגער גליקזעליגקייט.

אויפ'ן פערטען טאג פונ'ם מאָרד איז אַ פּאַרטיע פּאַליציי־לייט גאָר אומגעריכט אנגעקומען אין מיין הויז און גענומען ווי־דער שטאַרק זוכען אומעטום. אבער אזוי ווי איך בין געווען זי־כער, אז זיי וועלען בשום אופן ניט געפינען דעם פּלאַץ, וואו איך האב באהאלטען דעם קערפּער, האב איך קיין שום פאַרלעגענהייט ניט געפיהלט. די בעאַמטע האבען מיר געזאגט, איך זאָל מיט זיי געהן זוכען. זיי האבען קיין שום לאָך, קיין שום ווינקעל ניט דורכגעלאזען. ענדליך צום דריטען אָדער פערטען מאָל זיינען זיי אַרונטער אין קעלער. איך האב מיט קיין גליד ניט אַ ציטער געטאן. מיין הארץ האט רוהיג געקלאַפּט, אזוי ווי ביי איינעם, וואָס שלאָפט אין אומשולד. איך בין ארומגעגאנגען אין קעלער פון עק ביז עק. איך האב צוזאַמענגעלעגט מיינע הענט אויפ'ן הארצען, און האב זיך רוהיג ארומגעשפּאַצירט הין און צוריק. די פּאַליציי איז געווען פאַלשטענדיג צופרידען, און זיך געקליבען שוין אוועקצוגעהן. די פרייד אין מיין הארצען איז געווען צו שטאַרק, אום דאָס איינצוהאלטען. מיר האט זיך גע'חלש'ט זאָגען כאָטש איין וואָרט, ארויסצואווייזען מיין נצחון און צו מאַכען נאָך אַ מאָל זיכער זייער זיכערקייט אין מיין אונשולד.

„מיינע העררען!" האב איך ענדליך געזאָגט, בעת די פּאַר־טיע איז ארויף די טרעפּ, „מיר פרעהט זעהר, וואָס איך האב בארוהיגט אייער פאַרדאַכט. איך ווינש אייך אַל'דאָס גוטס און אַ ביסעל מעהר איידעלקייט. און פאַרבייגעהענדיג, מיינע הער־רען, וויל איך אייך זאָגען, אז דאָס — דאָס איז אַ זעהר גוט אויפ־געשטעלט הויז" (אינ'ם ווילדען חשק צו זאָגען עפּעס לייכט, האב איך קוים געוואוסט וואָס איך רעד), „איך מעג זאָגען, אז אַ־ב־

געצייכענט גוט הויז. אט־א־די וועגט — איהר געהט שוין, מיינע הערדען? — אט די וועגט זיינען פעסט צוזאמענגעשטעלט״, — און דא, ווי צעקאכט פאר בראוואדא, האב איך מיט כח אראפ־געלאזען דעם שטעקען, וואס איך האב געהאלטען אין מיין האנט, אויף יענעם סאמען טייל פון וואנט, אין וועלכער עס איז געווען פארשטעקט דער קערפער פון דער ווייב פון מיין שוים.

אבער זאל גאט באשירמען און באשיצען מיך פון די נע־געל פון׳ם שטן! עס איז נאך ניט פארשטומט געווארען דער ווידער־קול פון מיינע קלעפ, ווי א שטימע האט מיר געענטפערט פון׳ם קבר ארויס! — א געשריי, צוערשט פארשטיקט און גע־בראכען, אזוי ווי דאס קרעכצען פון א קינד, און דאן זיך שנעל אויפגעהויבען, וועהרענדיג איין לאנגער, הויכער און אומאויפהער־ליכער שרייען, אינגאנצען אנאמאל און אוממענשליך — א וואיען, א יאמער־געשריי, האלב פון שרעק און האלב פון נצחון, אזא וואס עס קען נאר ארויס פון גיהנום, צוזאמען אי פון די העלזער פון די פאר׳משפט׳ע אין זייער אגאניע און אי פון די טייוואלים, וואס פרעהען זיך ביז גאר מיט די יסורים פון יענע.

וואס איך אליין האב געטראכט, איז נאריש צו רעדען. אהן כחות האב איך זיך צוגעשלעפט צו דער אנטקעגענדיגער וואנט. אויף איין אויגענבליק איז די פארטיע אויף די טרעפ געבליבען שטעהן באוועגלאז, ווי פאר אויסערסטען שרעק און אימה. אין דעם אנדער אויגענבליק האבען א טוץ געזונטע הענט גע־ארבייט ביי דער וואנט. איך בין געפאלען, מיט מיין קערפער אן דער ערד. דער טויטער קערפער, שוין היבש צעפוילט און בא־דעקט מיט פארגליווערט בלוט, איז געשטאנען גלייך פאר די אוי־גען פון די צוזעהער. אויפ׳ן קאפ, מיט א רויט געעפענטען מויל און איין־איינציגען אויג, וואס האט געברענט ווי פייער, איז גע־זעסען די אבשייליכע בעסטיע, וועמעס כיטרעקייט עס האט מיך געטריבען צום מארד, און וועמעס פאר׳מסר׳ענדע שטימע עס האט מיך איבערגעגעבען צום תליון אין האנט.

א הארץ א מסור.

אמת! נערוועז, זעהר, זעהר שרעקליך נערוועז בין איך געוועזן און איך בין; אבער פארוואס זאלט איהר זאגען, אז איך בין משוגע? די קרענק האט פארשארפט מיינע חושים, ניט אפגעטויט, ניט אפגעטעמפט. מעהר פון אלעם איז דער חוש השמיעה געווארען שארף. איך האב אלעם געהערט וואס אין הימעל און וואס אין דער ערד. איך האב געהערט א סך זאבען וואס אין גיהנום. היינט ווי אזוי בין איך משוגע? הארכט! און באמערקט, ווי געזונט, ווי קאלט איך קען דערצעהלען אייך די גאנצע געשיכטע.

ס'איז אוממעגליך צו זאגען, ווי אזוי איז דאס צוערשט דער געדאנק מיר אריין אין זינען; אבער אז עס איז שוין אריין, האט עס מיך פארפאלגט טאג און נאכט. קיין שום אבזיכט איז דערביי ניט געווען. קיין שום ליידענשאפט. איך האב ליב געהאט דעם אלטען מאן. ער האט קיין מאל מיר קיין אומרעכט ניט געטאן. ער האט מיך קיינמאל ניט באליידיגט. נאך זיין געלט האב איך זיך ניט געיאגט. איך רעכען, זיין אויג איז שולדיג געוועזן! יא, זיין אויג! איין אויג זיינס איז געוועזן עהנליך צו א קארשונ'ס אויג — א בלאס בלוי אויג, מיט א בעלעם פארצויגען. ווען דאס איז נאר געפאלען אויף מיר, איז מיין בלוט אין מיר פארקיהלט געווארען; און אט אזוי שטופענווייז — גאר צוביסלאך — האב איך באשלאסען צו נעהמען דאס לעבען פון דעם אלטען מאן, און אויף אזא אופן פטור ווערען פונ'ם אויג אויף אייביג.

יא, דאס איז די געשיכטע. איהר דענקט, אז איך בין משוגע. משוגעים וויסען גארנישט. איהר האט אבער מ י ד געדארפט

זעהן. איהר האט געדארפט זעהן, ווי קלוג איך בין אנגעגאנגען מיט דער ארבייט, מיט וואס פאר א פארזיכטיגקייט, מיט וואס פאר אנ׳אויסגערעכענטקייט, מיט וואס פאר א פארשטעלטקייט איך האב דאס גענומען ארבייטען! איך בין קיינמאל ניט געווען פריינדליכער צום אלטען מאן, ווי דורך דער גאנצער וואך, איידער איך האב איהם דער׳הרג׳עט. און יעדע נאכט, ארום האלבע נאכט, האב איך אויפגעהויבען די קליאמקע פון זיין טיר און געעפענט — אה, ווי שטיל איך האב דאס געטאן! און דאן, ווען איך האב אויפגעעפענט אויף אזוי פיעל, אז איך זאל קענען דעם קאפ דורכשפארען, האב איך אריינגערוקט א טונקעלע לאנטערנע, אינגאנצען פארמאכט, אזוי פארמאכט, אז קיין ליכט האט ניט ארויסגעשיינט, און דאן האב איך דורכגעשפארט מיין קאפ. אה, איהר וואלט לאכען, זעהענדיג ווי קלוג איך האב עס דורכגעשפארט! איך האב עס אריינגערוקט פאמעליך, זעהר, זעהר פאמעליך, אום ניט צו שטערען דעם אלטען מאנ׳ס שלאף. עס האט מיר גענומען א שטונדע אריינצורוקען מיין גאנצען קאפ אין דער עפענונג אזוי ווייט, אז איך זאל איהם קענען זעהן, ווי ער ליגט אויפ׳ן בעט. הא! וואלט א משוגע׳נער געהאט אויף אזוי פיעל פארשטאנד? און דערנאך, ווען מיין קאפ איז שוין געווען ווייט אין צימער, האב איך געמאכט די לאמטערנע אזוי פינסטער — איך האב עס אזוי פארזיכטיג געטאן (ווארים די זאוויעסעס פון טיר האבען א סקריפ געטאן) — איך האב עס געמאכט אזוי, אז איין שטראל נאר זאל פאלען אויפ׳ן קארשונען־אויג. און דאס האב איך געטאן זיבען נעכט נאכאנאנד — נאכט אין נאכט, פונקט אום האלבע נאכט — אבער איך האב דאס אויג אימער געפונען צוגעמאכט, און דעריבער איז געווען אוממעגליך צו טאן די ארבייט, ווארים ניט דער אלטער מאן האט מיך געערגערט, נאר זיין „בייז אויג“. און יעדען פריהמארגען, ווי עס פלעגט ווערען טאג, פלעג איך דרייסט אריין אין צימער און מוטיג רעדען מיט איהם, רופענדיג איהם מיט א הארציגען טאן ביים נאמען, און פרעגען איהם, ווי אזוי האט ער די נאכט געשלאפען. זעהט איהר דאך, אז ער וואלט ווירקליך געדארפט זיין א גרויסער חכם,

דער זקן, צו פּאַרדעכטיגען, אַז יעדע נאַכט, פּונקט צוועלף, כאַפּ איך אַ קוק אויף איהם בעת ער שלאָפט.

די אַכטע נאַכט בין איך געווען מעהר פאַרזיכטיג ווי אימער ביים עפענען די טיר. אַ מינוטען־ווייזער פון אַ זייגער ריהרט זיך פיעל שנעלער ווי מיין האַנט האָט זיך געריהרט. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געפיהלט, ווי גרויס מיינע קרעפטען זיינען, ווי גרויס מיין שאַרפזיניגקייט איז. איך האָב קוים געקענט איינ־האַלטען מיינע געפיהלען פון נצחון. דער איין געדאַנק, אַז איך בין דאָרטען געווען, ביסלעכווייז עפענענדיג די טיר, און איהם האָט זיך אפילו ניט גע'חלומ'ט פון מיינע באַהאַלטענע מעשים אָדער מחשבות! איך האָב זיך געשטיקט אין זיך פאַר געלעכטער, טראַכטענדיג פון דעם; און אפשר האָט ער דערהערט, וואָרים ער האָט זיך אַ קעהר געטאָן פּלוצלונג אין בעט, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקען. איהר קענט דאָך מסתמא רעכענען, אַז איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן אויף צוריק, — זאָג איך אייך, אַז ניין. זיין צימער איז געווען שוואַרץ ווי פּעך, מיט אַ געדיכטער פינסטער־ניש (וואָרים די לאָדען זיינען געווען האַרט פאַרמאַכט אויס מורא פאַר רויבער), האָב איך געוואוסט, אַז ער קען ניט זעהן, ווי די טיר איז אָפען, און איך האָב זי אַלץ געשטופּט און גע־שטופּט.

איך האָב שוין מיין קאָפּ געהאַט אינוועניג, און האָב שוין געוואָלט עפענען די לאַנטערנע, ערשט מיין גראָבער פינגער האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן בלעכענעם פאַררוקער, און דער אַלטער מאַן איז אויפגעשפּרונגען אין בעט, אויסשרייענדיג: „ווער איז דאָס?“

איך האָב זיך געהאַלטען גאַנץ שטיל און גאָרנישט געזאָגט. פאַר אַ גאַנצע שטונדע צייט האָב איך מיט קיין מוסקעל ניט אַ ריהר געטאָן, און דערווייל הער איך ניט, ער זאָל זיך צוריקלעגען. ער איז נאָך געזעסען אין בעט און האָט זיך צוגעהערט, פּונקט ווי איך פלעג טאָן נאַכט אין נאַכט צוהערענדיג זיך צו די טויטען־זייגערס אין וואַנט.

באַלד האָב איך דערהערט אַ לייכטען קרעכץ, און איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז געווען דער קרעכץ פון טויט־שרעק. עס

איז ניט געווען קיין קרעכץ פון פיין אדער קומער. אה, ניין! עס איז געווען דער שטילער פארשטיקטער קלאנג, וועלכער רייסט זיך ארויס פון דער טיפעניש פון דער נשמה, בעת זי ווערט איבערפילט מיט אימה. איך האב גוט געקענט דעם קלאנג. א סך נעכט, פונקט אום האלבע נאכט, ווען די גאנצע וועלט פלעגט שלאפען, פלעגט עס ארויסציהען פון מיין אייגענער ברוסט, פארטיפענדיג, מיט זייער שוידערליכען ווידערקול, די שרעקען, וואס פלעגען מיך משוגע מאכען. איך זאג אייך, אז איך האב עס גוט געקענט. איך האב געוואוסט, וואס דער אלטער מאן האט געפיהלט און איך האב אויף איהם רחמנות געהאט, כאטש איך האט אין הארצען געשטיקט זיך פאר געלעכטער. איך האב געוואוסט אז ער איז געלעגען וואכעדיג זינט ער האט דערהערט דעם ערשטען לייכטען גערויש, בעת ער האט זיך איבערגעקעהרט אין בעט. זיין מורא איז פון דאן אן געוואקסען אין איהם. ער האט זיך געמאטערט פארצושטעלען זיך, אז זיין מורא איז אן אומזיסטע, אבער ער האט ניט געקאנט. ער האט געטאן און גערעדט צו זיך: „עס איז גארנישט, דאס איז דער ווינט אין קוימען, דאס איז נאר א מויז איבערגעלאפען דעם דיל“, אדער: „דאס האט נאר א גריל איין מאל א צווייטשער געטאן“. יא, ער האט געזוכט צו טרייסטען זיך מיט די דאזיגע השערות, אבער ס'איז אלץ אומזיסט געווען. א ל ץ א ו מ ז י ס ט, ווייל דער טויט, דערנעהנטערענדיג זיך צו איהם, האט זיך צו איהם צוגע'גנב'עט מיט זיין שווארצען שאטען, און איינגעוויקעלט דעם קרבן. און דאס האט דער שמערצליכער איינפלוס פון דעם אומבאמערקטען שאטען איהם געמאכט צו פיהלען. — כאטש ער האט ניט געזעהן און ניט געהערט — צו פ י ה ל ע ן די אנוועזענהייט פון מיין קאפ אין צימער.

ווען איך האב אפגעווארט א לאנגע צייט, זעהר געדולדיג, און האב ניט געהערט איהם אוועקלעגענדיג זיך, האב איך באשלאסען צו עפענען א קליין, גאר א קליין שפעלטעל אין דער לאנטערנע. האב איך געעפענט — איהר קענט זיך גאר ניט פארשטעלען, ווי גע'גנב'עט, ווי גע'גנב'עט איך האב דאס געטאן, —

ביז עס האָט ענדליך זיך אַרויסגעשפּאַרט פון שפּאַלט איין איינציגער טונקעלער שטראַל, אַזוי ווי דער פאָדים פון אַ שפּין, און איז געפאַלען אויפ׳ן קאַרשונען־אויג.

עס איז געווען אָפען — ברייט, ברייט אָפען — און איך בין ווילד געוואָרען קוקענדיג אויף דעם. איך האָב עס גאַנץ דייטליך געזעהן — אין גאַנצען טונקעל־בלוי, מיט אַן אַבשייליך הייטעל פאַרצויגען איבער דעם, וואָס האָט פאַרקיהלט דעם סאַמען מאַרך פון מיינע ביינער: אָבער איך האָב מעהר גאָרנישט געקענט זעהן פון דעם אַלטען מאַנ׳ס פּנים אָדער פּערזאָן, וואָרים, איך האָב געלאָזט פאַלען דעם שטראַל, ווי אינסטינקטיוו, פּונקט אויפ׳ן פאַרפלוכטען אָרט.

און איצטער זעהט איהר, האָב איך ניט געזאָגט, אַז דאָס וואָס איהר נעהמט אָן על פּי טעות פאַר משוגעת, איז ניט מעהר ווי איבערגעשאַרפטקייט פון די חושים? זאָג איך אייך, אַז עס איז דערגאַנגען צו מיינע אויערן אַ שטילער, טעמפּער, שנעלער קלאַנג, אַזוי ווי פון אַ זייגער, בעת ער איז איינגעוויקעלט אין וואַטע. איך האָב דעם קלאַנג אויך גוט געקענט. דאָס האָט געקלאַפּט דעם אַלטען מאַנ׳ס האַרץ. דאָס האָט מיך נאָך מעהר אַריינגעבראַכט אין צאָרן, פּונקט ווי דאָס קלאַפּען פון אַ פּויק מונטערט אויף דעם סאָלדאַט.

אָבער אַפילו דאַן האָב איך זיך איינגעהאַלטען און בין געווען שטיל. איך האָב קוים געאָטעמט. איך האָב באַוועגלאָז געהאַלטען די לאַנטערנע. איך האָב געוואָלט זעהן, ווי לאַנג וועל איך קענען האַלטען דעם שטראַל גלייך אויפ׳ן אויג. דערווייל איז דאָס העלישע קלאַפּען פון האַרץ שטאַרקער געוואָרען. מיט יעדער רגע האָט עס געקלאַפּט אַלץ שנעלער און שנעלער, אַלץ העכער און העכער. דעם זקנ׳ס שרעק האָט געמוזט זיין ביז גאָר! איך זאָג, אַז מיט יעדען מאָמענט האָט עס געקלאַפּט אַלץ העכער און העכער — באַמערקט איהר גוט, וואָס איך זאָג? איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך בין נערוועז: בין איך עס. נו, אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, אין דער שרעקליכער שטילקייט פון יענעם אַלטען הויז, האָט אַזאַ מאָדנער גערויש אַרויסגערופען אין מיר אַן אומקאָנטראָליר־

בארען שרעק. דאַך, פאַר אַ צייט פון נאָך עטליכע מינוטען, האָב איך זיך איינגעהאַלטען און בין געשטאַנען שטיל. אָבער עס האָט גענומען קלאַפּען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער! איך האָב גע־מיינט, דאָס האַרץ וועט צעפּלאַצט ווערען. און דאָ האָט מיך אַ נייער שרעק אָנגעכאַפּט — אַ שכן קען דערהערען דעם קלאַנג! דעם זקנ׳ס שטונדע איז געקומען! מיט אַ הויכען אויסגעשריי האָב איך אויפגעעפענט די לאַנטערנע און אריינגעשפּרונגען אין צימער. ער האָט אַ געשריי געטאָן איין מאָל — איין מאָל נאָר. אין איין רגע האָב איך איהם אַראָפּגעשלעפּט אויפ׳ן דיל, און האָב אויף איהם אַרויפגעוואָרפען דאָס שווערע בעט. איך האָב דאַן לוסטיג געשמייכעלט, וואָס די ארבייט איז שוין אויף אַזוי פיעל אָפּגעטאָן. אָבער מינוטען לאַנג נאָך האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט מיט אַ פאַרשטיקטען קלאַנג. דאָס אָבער האָט מיר ניט געקימערט; איבער׳ן וואַנט וואָלט מען עס ניט געקענט הערען. ענדליך האָט עס אויפגעהערט. דער אַלטער מאַן איז געווען טויט. איך האָב אַראָפּגענומען דאָס בעט און עקזאַ־מינירט דעם קערפּער. יאָ, ער איז געווען טויט ווי אַ שטיין. איך האָב אַרויפגעלעגט מיין האַנט אויף זיין האַרץ, און עס גע־האַלטען מינוטען לאַנג. עס האָט ניט געקלאַפּט. ער איז געווען טויט ווי אַ שטיין. זיין אויג וועט מיך שוין מעהר ניט באַאומרו־היגען.

אויב איהר קלערט נאָך אַלץ, אַז איך בין משוגע, וועט איהר עס שוין מעהר ניט קלערען, ווען איך וועל אייך שילדערן, וואָס פאַר אַ קלוגע פאָרזיכטס־מיטלען איך האָב אָנגענומען, אום דעם קערפּער צו באַהאַלטען. די נאַכט איז געקומען צו איהר ענדע, און איך האָב געאַרבייט אין איילעניש, אָבער שטיל. די ערשטע זאַך האָב איך צעשניטען דעם קערפּער גלידערווייז. איך האָב אָב־געשניטען דעם קאָפּ, די הענט און די פיס.

איך האָב דאַן אויפגעהויבען דריי ברעטער פונ׳ם דיל פון צי־מער און האָב אַלעס אַריינגעלעגט צווישען די קלעצער. דאַן האָב איך די ברעטער צוריקגעלעגט אויף זייער אָרט אַזוי געשיקט, אַזוי קונציג, אַז קיין שום מענשליך אויג — אפילו ניט ז י י נ ס —

וואָלט געקענט פאַרדעכטיגען, אַז עפּעס איז ניט גלאַט. עס איז גאָרנישט ניט געווען וואָס צו אויסוואַשען — קיין שום פלעק, קיין שום בלוט־פלעק. איך בין געווען זעהר פאָרזיכטיג אין דעם פּרט. אַ צעבער האָט אַלעס צוגענומען — כאַ! כאַ!

ווען איך בין פאַרטיג געוואָרען מיט דער גאַנצער אַרבייט, איז שוין געווען פיער דער זייגער — נאָך פינסטער ווי אין האַל־בער נאַכט. ווען דער גלאָק האָט געשלאָגען פיער, האָט זיך דער־הערט אַ קלאַפּ אין דער טיר פון דרויסען. איך בין אַרונטער עפע־נען מיט אַ לייכט האַרץ, — וואָרים פאַר וואָס האָב איך איצט מורא צו האָבען? עס זיינען אַריין דריי מענשען, וועלכע האָבען זיך פאָרגעשטעלט מיט אמת'ער ליבליכקייט אַלס פּאָליציי־באַאַמ־טע. אַ שכן האָט דערהערט אַ געשריי ביינאַכט; עס איז געוועז־רען פאַרדעכטיג, אַז עפּעס אַ מיאוס'ע מעשה איז געשעהן; מען האָט גלייך מודיע געווען אין פּאָליציי־אַמט, און זיי (די פּאָליציי־לייט) זיינען געשיקט געוואָרען צו מאַכען אַ הויז־זוכונג.

איך האָב געשמייכעלט: וואָרים וואָס האָב איך מורא צו האָבען? איך האָב די העררען געזאָגט: ווילקאָמען! דער אויסגעשריי, האָב איך געזאָגט, איז געווען מיין אייגענער — פון שלאָף איז דאָס געווען. דער אַלטער מאַן, האָב איך דערמאָנט, איז ניטאָ היע. איך האָב מיינע געסט אַרומגעפיהרט איבער'ן גאַנ־צען הויז. איך האָב זיי געהייסען זוכען — ג ו ט זוכען. צום סוף האָב איך זיי אַריינגעפיהרט אין ז י י ן צימער. איך האָב זיי געוויזען זיינע אוצרות, גאַנץ, ניט געריהרט. פאַר התפּעלות, וואָס איך בין אַזוי זיכער געווען, האָב איך אַריינגע־בראַכט שטולען אין צימער, און איך האָב זיי געבעטען אָפּרוהען פון זייער מידקייט, און אַזיך אַליין, אין דער ווילדער דרייסט־קייט פון מיין פאָלקאָמענעם טריאומף, האָב מיר אַוועקגעשטעלט מיין שטול צום זעצען זיך אויפ'ן זעלבען פּלאַץ דאָרט וואו ס'איז אונטען געלעגען באַגראָבען דער קערפּער פון דעם קרבן.

די פּאָליציי־באַאַמטע האָבען זיך צופרידענגעשטעלט. מיין ה אַ ל ט ע ן ז י ך האָט זיי איבערציינגט. איך בין געווען מאָדנע רוהיג. זיי זיינען געזעסען, און אין דער צייט וואָס איך

האב גענטפערט גאנץ לעבעדיג, האבען זיי געפלוידערט פון געוועהנליכע זאכען. אבער אינגיכען האב איך דערפיהלט, ווי איך ווער בלאס און איך האב גע'חלש'ט, זיי זאלען שוין אוועקגעהן. עס האט מיר וועה געטאן דער קאפ, און עס האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז עס קלינגט מיר אין די אויערן: אבער זיי זיינען נאך געזעסען און האבען געפלוידערט. דאס קלינגען איז געווארען דייטליכער — עס האט געהאלטען אין איין קלינגען און אלץ העכער און העכער. איך האב גענומען רעדען אהן אן אפהאלט, אום לויז צו ווערען פון דעם געפיהל, אבער עס האט געקלונגען און געקלונגען, און אלץ דייטליכער און דייטליכער, ביז איך האב ענדליך אויסגעפונען, אז דאס גערויש איז גארניט אין מיינע אויערן.

עס איז קיין שום ספק ניט געווען, אז איך בין געווארען זעהר בלייך, אבער איך האב גערעדט פליסיגער און מיט א העכערען קול. דאך האט זיך דער קלאנג פארשטארקט — און וואס האב איך געקענט טאן? עס איז געווען א שטילער, טעמפער, שנעלער קלאנג — פיעל עהנליך צום קלאנג פון א זייגער, וואס איז איינגעוויקעלט אין וואטע. איך האב שווער געאטעמט — און דאך האבען דאס די באאמטע ניט געהערט. איך האב גערעדט שנעלער, קרעפטיגער, אבער דער גערויש האט זיך כסדר פארגרעסערט. איך האב זיך אויפגעהויבען און ארגומענטירט וועגען קלייניגקייטען, אויף א הויכען טאן און מיט שטארקע זשעסטיקולאציעס, אבער דער גערויש איז כסדר גרעסער געווארען. פארוואס געהען זיי ניט אוועק? איך האב ארומגעשפרייזט איבערן צימער מיט שווערע טריט, אזוי ווי איך וואלט שטארק אויפגערעגט געווארען פון די באאבאכטונגען פון די מענער — אבער דער גערויש איז כסדר גרעסער געווארען. אך גאט! וואס קען איך טאן? איך האב גע'כעס'ט, געליארעמט, געשאלטען. איך האב א כאפ געטאן דעם שטול, אויף וועלכען איך בין געזעסען, און א זעץ געטאן מיט איהם איבער די ברעטער, אבער דער גערויש האט זיך אויפגעהויבען איבער אלעם און איז כסדר גרעסער געווארען. ער איז געווארען העכער, העכער, העכ־

כ ע ר ! און די מענער האָבען נאָך אַלץ פריינדליך געפּלוידערט און געשמייכעלט. איז עס מעגליך, אַז זיי האָבען ניט געהערט? אַלמעכטיגער גאָט! — ניין, ניין! זיי האָבען יאָ געהערט! זיי האָבען פאַרדעכטיגט! זיי האָבען ג ע ו ו א ו ס ט ! זיי האָבען חוזק געמאַכט איבער מיין שרעק! דאָס האָב איך געטראַכט און דאָס טראַכט איך. אָבער אַלצדינג וואָלט געווען בעסער איידער די דאָזיגע עינוּיים! אַלצדינג וואָלט געווען דערטרעגליכער איידער דער דאָזיגער שפּאָט! איך האָב שוין מעהר ניט געקענט פאַרטראָגען אָט די היפּאָקריטישע שמייכלען! איך האָב געפיהלט, אַז איך מוז אַ געשריי טאָן, אָדער שטאַרבען — און אָט — ווידער! האָרכט! העכער! העכער! העכער! העכער! העכער! ה ע כ ע ר!

— לומפּען! — האָב איך אויסגעשריען, — פאַרשטעלט זיך מעהר ניט! איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דאָס געטאָן! רייסט אויף די ברעטער! אָט דאָ, אָט דאָ! זיין אַבשייליך האַרץ קלאַפּט דאָס!

וויליאם ווילסאן.

"What say at it, what say **conscience** grim
That spectre in my path?"

טשעמבערלייג׳ס „פאראנידא".

לאמיך זיך רופען דערהוויל וויליאם ווילסאן. דאס ריינע בלאט וואס ליגט פאר מיר, דארף ניט באפלעקט ווערען מיט מיין אמת׳ן נאמען. ער איז שוין געוועזן צופיעל צילבערעט פאר דער פאראכטונג, פאר׳ן שוידער, פאר׳ן האס פון מיין שטאם. האבען ניט די צארנדיגע ווינטען פארטראגען אין די ווייטסטע ערטער פונ׳ם ערד־קוגעל דעם שענדליכען נאמען, וועלכער האט צו זיך קיין גלייכען ניט? א, אויסוואורף פון אלע אויסווארפען, די זינדיגסטע! ביזטו דען ניט אויף אייביג טויט פאר דער ערד, מיט איהר עהרע, מיט איהרע בלומען, מיט איהרע גאלדענע שטרע־בונגען? און טוט דען ניט הענגען אייביג א וואלקען, א געדיכטער, א פינסטערער און אומענדליכער צווישען דיינע האפנונגען און דעם הימעל?

איך וועל דא היינט, אפילו ווען איך זאל קענען, ניט אפגע־בען דין־וחשבון פון מיינע לעצטע יאהרען פון אומבאשרייבליכען עלענד און פון אומפארגלייכליכען פארברעכען. אט די עפאכע — די דאזיגע לעצטע יאהרען — האט פון זיך אליין זיך פלוצלונג דערהויבען צו פארדארבענקייט, און מיין איצטיגער צוועק איז נאר דעם אורשפרונג דערפון צו באצייכענען. מענשען ווערען גע־וועהנליך פארדארבען שטופענווייז. פון מיר איז די גאנצע טוגענד אין איין כהרף־עין ארונטערגעפאלען ווי א שלייער פונ׳ם קערפער.

פון פּאַרהעלטניסמעסיג אומבאַדייטענדע רשעות, בין איך מיט׳ן שפּרייז פון אַ ריז אַריבער צו נאָך גרעסערע גרויזאַמקייטען, ווי פון אַן עלאַה־גאַבאַלוס. וואָס פאַר אַ געלעגענהייט, וואָס פאַר אַ פּאַסירונג עס האָט געפיהרט צו דעם דאָזיגען איבעל, — האָט מיט מיר מיטלייד בעת איך דערצעהל עס. דער מויט דערנעהנטערט זיך, און דער שאָטען, וואָס לויפט איהם פאָראויס, האָט געוואָרפען אַ מילדערענדען איינפלוס איבער מיין גייסט. אין מיין דורכ־געהן דורכ׳ן טונקעלען טאָל לעבין איך נאָכ׳ן מיטגעפיהל — איך האָב שיער ניט געזאָגט רחמנות — פון מיינע מיטמענשען. איך וואָלט זיין צופרידען, זיי זאָלען גלויבען, אַז איך בין אין אַ געווייסער מאָס געווען דער שקלאַף פון אומשטענדען, וואָס זיינען ניט ביים מענשען אין די הענט. איך וואָלט ווען, זיי זאָלען פאַר מיר אויסזוכען אין די דעטאַלען וואָס איך וועל געבען דאָ, עפּעס אַ קליינעם אָאַזיס פון פ אַ ט אַ ל י ט ע ט צווישען דער ווילדערניש פון אירטום. איך וואָלט ווען, זיי זאָלען צוגעבען — וואָס זיי קענען ניט צוריקהאַלטען זיך פון צוצוגעבען — אַז כאָטש דער נסיון איז אפשר אויך פריהער געווען גרויס, איז דער מענש פריהער קיינמאָל א ז ו י, לכל־הפחות, ניט געפּרואווט געוואָרען, זיכער, קיינמאָל א ז ו י ניט געפאַלען. און דערפאַר איז עס, וואָס ער האָט קיינמאָל אַזוי ניט געליטען? האָב איך דען ווירקליך ניט געלעבט ווי אין אַ חלום? און שטאַרב איך דען איצט ניט אַ קרבן פאַר דעם שוידער און געהיימנים פון די ווילדסטע פון אַלע ערדישע וויזיאָנען?

איך שטאַם אָפּ פון אַ גזע, וועלכע האָט זיך תמיד אויסגע־צייכענט מיט איהר איינגעבילדעטען און זיך לייכט־אויפרעגענדען טעמפּעראַמענט, און אין מיין פריהסטער קינדהייט האָב איך שוין געוויזען סימנים, אַז איך האָב אינגאַנצען גע׳ירש׳ענט דעם פאַ־מיליען־כאַראַקטער. וואָס עלטער איך בין געוואָרען, אַלץ שטאַר־קער האָט זיך דאָס ענטוויקעלט, ווערענדיג צוליעב פיעלע טעמים אַן אורזאַך פון ערנסטער זאָרג פאַר מיינע פריינד און פון זיכערען שאָדען פאַר מיר אַליין. איך בין געוואַקסען אַן עקשן, איבער־געגעבען צו די ווילדסטע קאַפּריזען, און אַ קרבן צו די אומקאָנ

טראַלירבאַרסטע ליידענשאַפטען. שוואַכזיניג און באַפאַלען מיט אָרגאַנישע קראַנקייטען אַזעלכע ווי מיינע, האָבען מיינע עלטערן ווייניג וואָס געקענט טאָן אַפּצוהאַלטען די שלעכטע נייגונגען, מיט וועלכע איך האָב זיך אויסגעצייכענט. איינינע שוואַכע און שלעכט־געוועהנדטע באַמיהונגען האָבען זיך געענדיגט מיט אַ פאַלשטענדיגען דורכפאַל פאַר זיי, און געווים, מיט אַ טאָטאַלען טריאומף פאַר מיר. פון דענסטמאָל אָן איז מיין שטימע געוואָרען אַ געזעץ פאַר'ן הויז־געזינד, און אין דעם עלטער, וואָס ווייניג קינדער פאַרלאָזען זייערע געהוועגעלאַר, בין איך שוין איבערגעלאָזען געוואָרען צו דער השגחה פון מיין אייגענעם ווילען און איך בין געוואָרען אין אַלעם, אויסער אין נאָמען, דער באַלעבאָס פון מיינע אייגענע האַנדלונגען.

מיינע פריהסטע ערינערונגען פון אַ שול־לעבען זיינען פאַרבונדען מיט אַ גרויס, אומגעלומפּערט עליזאַבעטיש הויז אין אַ נעבעלדיגען דאָרף אין ענגלאַנד, וואו ס'איז געווען אַ גרויסע צאָהל ריזיגע סוקעוואַטע בוימער, און וואו אַלע הייזער האָבען אויסגעקוקט שטאַרק פאַרצייטיג. ווירקליך, עס איז געווען אַ פאַנטאַסטישער און גייסט־באַרוהיגענדער פּלאַץ, אָט יענעם בכבוד'יגע אַלטע שטעטעל. ביים איצטיגען מאָמענט פיהל איך אין מיין פאַנטאַזיע די דערפרישענדע קיהלקייט פון זיינע טיף־שאָטענדיגע אַלעען, זאַפּ איין די ריחות פון זיינע טויזענדער קוסטעס, און ווער דורכגעדרונגען פון דאָס ניי מיט אומבאַשטימבאַרער פרייד פון דעם טיפען דומפּען טאָן פון דעם קירכענגלאָק, וואָס קלינגט יעדע שטונדע מיט אַ מעלאַנכאָלישען און פּלוצלונגען ברום איבער דער שטילקייט פון דער בין־השמשות'דיגער אַטמאָספערע, אין וועלכער דער פאַרצירטער גאָטישער קירכען־טורעם ליגט איינגעגראָבען און איינגעשלאָפען.

עס פאַרשאַפט מיר אפשר אַזוי פיעל פאַרגעניגען, ווי איך קען איצטער אויף וואָסער עס איז אופן פיהלען, אָפּצושטעלען זיך אויף גענויע ערינערונגען פון דער שולע און איהרע עסקים, איינגעווייקט אין עלענד ווי איך בין, — אוי, עלענד! שוין צו רעאַלער — וועט מען מיר פאַרצייהען, פאַרוואָס איך זוך טרייסט, יוי קליין און צייטווייליג דאָס זאָל ניט זיין, אין דער שוואַכקייט פון

עטליכע איינצעלהייטען, וואָס זיינען אויסער'ן וועג. נאָכמעהר־ אַט די דורכאויס טריוויאַלע דעטאַלען, און זאָגאָר לעכערליכע אין זיך אַליין, ווערען אין מיין פאַנטאַזיע צופעליג וויכטיג, אַלס פאַרבונדען מיט אַ צייט און מיט אַן אָרט, ווען און וואו איך דערקען די ערשטע אומזיכערע ווארנונגען פון דעם שיקזאַל, וואָס האָט זיך דערנאָך אַזוי ביז גאָר ארויפגעלעגט אויף מיר. לאָמיך אַלזאָ דערמאָנען זיך.

דאָס הויז, האָב איך געזאָגט, איז געווען אַלט און אומרעגעל־ מעסיג. דער פּלאַץ איז געווען גרויס, און אָרום און אָרום איז געווען אַ הויכע סאָלידע געמויערטע וואַנט, באַדעקט מיט אַ שיכט פון צעמענט און צעבראָכענע גלאָז. דאָס דאָזיגע פעסטונגס־ווערק, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ תפיסה, האָט געבילדעט די גרעניץ פון אונזער טעריטאָריע. דאָס, וואָס געפינט זיך הינטער דעם, האָבען מיר געזעהן נאָר דריי מאָל אַ וואָך — איין מאָל יעדען שבת נאָכמיטאָג, ווען געפיהרט פון צוויי באָהעלפערס, האָבען מיר געמעגט געהן פאַר אַ קורצען שפּאַציר אַלע צוזאַמען איבער אַ דערבייאיגען פעלד, און צוויי מאָל יעדען זונטאָג, מאַרשירענדיג אויף דעם זעלבען פאָרמעלען אופן אין דער פריה און אין אָווענט צו דער גאָטעסדיענסט אין דער איין־איינציגער קירכע פון'ם דאָרף. פון אַט דער קירכע איז דאָס דער דירעקטאָר פון אונזער שולע געווען דער פּאַסטאָר. מיט וואָס פאַר אַ טיפען גייסט פון פאַר־ וואונדערונג און פאַרווירונג בין איך געוועזן געוועהנט צו באַטראַכ־ טען איהם פון אונזער ווייטער באַנק אין דער גאַלערעע פון דער קירכע, ווי ער פלעגט מיט יום־טוב'דיגע און לאַנגזאַמע טריט ארויף אויף דער בימה! אַט דער בכבוד'ער מאַן, מיט אַזאַ אַנגעצווי־ גענער מילדקייט אויף זיין געזיכט, מיט אַזעלכע גלאַנציגע און גלח'יש פלאַטערנדיגע קליידער, מיט אַזאַ פּינקטליך אַנגעפּודרע־ וועטען פּאַריק, אַזוי שטרענג און אַזוי וואַזשנע — קען ער דאָס זיין דער זעלבער וואָס האָט ערשט ניט לאַנג מיט אַ זויערען פּנים און אין פאַרשמאַלצענע בגדים דורכגעפיהרט מיט דער ווירע אין האַנט די דראַקאָנישע געזעצען פון דער אַקאַדעמיע? אַ, ריזיגער פּאַ־ ראַדאָקס, צו דורכאויס מאָנסטערהאַפט, צו קענען לייזען דיך!

אין א ווינקעל פון דער שווערער וואנט האט בייז ארויס־געקוקט נאך א שווערערער טויער. עס איז געווען איינגעפעסטיגט און באשלאגען מיט אייזערנע ריגלען, און פארשפיצט מיט שמיע־כיגע אייזערנע שטאקעטען. וואס פאר אן איינדרוק פון טיפער אימה דאס האט ארויסגערופען! עס איז קיינמאל ניט געעפענט געווארען א חוץ פאר די דריי פעריאדישע ארויסגאנגען און אריינ־גאנגען, וועלכע זיינען אויבען דערמאנט געווארען. היינט, איז יעדען סקריפ פון זיינע מעכטיגע זאוויעסעם האבען מיר געפונען גאנצע סודות — א וועלט פון זאכען פאר ערנסטער באמערקונג, אדער פאר נאך מעהר ערנסטער נאכדענקונג.

דער גרויסער פלאץ, אין וועלכען מיר זיינען געווען איינ־געצאמט, איז געווען אומרעגעלמעסיג אין דער פארמע, האבענדיג פיעלע געראמע פארטיפונגען. דריי אדער פיער פון די דאזיגע פארטיפונגען האבען צונויפגעשטעלט דעם שפיל־פלאץ. עס איז געווען פלאך און באדעקט מיט דינע הארטע זאמד־שטיינדלאך. איך געדענק גוט, אז עס האט ניט געהאט קיין ביימער, ניט קיין בענק, אדער עפעס עהנליכעס. פארשטעהט זיך, עס איז גע־ווען הינטער'ן הויז. פארענט איז געווען א קליין גערטענדעל, פארפלאנצט מיט בוקסבוימלאך און אנדערע קוסטעס. אבער דורך אט דעם הייליגען פלאץ פלעגען מיר, באמת, דורכגעהן נאר ביי זעלטענע געלעגענהייטען, אזוי ווי ביים אנקומען אין שולע אדער ביים אוועקגעהן פון דארט צום לעצטען מאל, אדער אפשר ווען ווער פון די עלטערן אדער א פריינד פלעגט קומען נאך אונז, פלעגן מיר מיט פרייד געהן דורך דארט אהיים אויף וויינאכטען אדער אויף די מיטענזומערדיגע יום־טובים.

אבער דאס הויז! — ווי אלטפרענקיש די געביידע איז ניט געווען, פאר מיר איז עס באמת געווען א צויבער־פאלאץ. עס איז ווירקליך קיין ענד ניט געווען צו די געדרעהטע צימערען, צו די אומבאגרייפליכע אפטיילונגען אויף אפטיילונגען. ווען מען גיט זיך א כאפ, איז געווען שווער צו זאגען מיט א זיכערקייט, אויף וועלכען פון די צוויי שטאקען מען געפינט זיך. פון איין צימער צום אנדערען האט מען זיכער געקענט געפינען דריי אדער

פיער טרעפּ אויף ארויפצוגעהן אָדער אראָפּצוגעהן. היינט די זייטיגע גפּטיילונגען זיינען געווען אהן א שיעור, אומבאַגרייפליך און אַזוי געדרעהט איינע אין די אנדערע, אַז אונזערע פּינקט־ליכסטע השגות בנוגע דאָס גאַנצע הויז זיינען געווען ניט זעהר ווייט פאַרשידען פון אונזערע באַגריפען מכח דעם אין־סוף. פאַר די פינף יאָהר וואָס איך בין דאָרט געווען, בין איך קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד גענוי צו דערגעהן, ווי ווייט עס איז געלעגען דאָס קליינע שלאָפצימער, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר מיר און נאָך אַכטצעהן אָדער צוואַנציג אַנדערע שילער.

דאָס שול־צימער איז געווען דאָס גרעסטע אינ׳ם הויז — ניין, עס האָט זיך מיר אָפּגעדוכט, אַז אין דער גאַנצער וועלט. עס איז געווען זעהר לאַנג, שמאָל און שרעקליך נידעריג מיט פאַרשפּיצטע גאָטישע פענסטער און אַ דעמבענעם סופיט. אין אַ ווייטען און שרעק־אַנוואַרפענדען ווינקעל איז געווען אַ פיערקאַנטיגער אָפּגע־צאַמטער אָרט פון אַכט אָדער צעהן פוס, און דאָרט איז געווען דער ק ד ש י ־ ק ד ש י ם, די „צווישען־שטונדען“, פון אונזער דירעקטאָר, דעם ר ע ו ו ע ר ע נ ד ד ר. ב ר אַ נ ס ב י. עס איז געווען אַ סאָלידער בנין מיט אַ מאַסיווער טיר, וואָס איידער זי זאָל זיין אָפען אין דער אָפּוועזענהייט פון דעם גלח, וואָלטען מיר בעסער אַלע וועלען אומקומען דורך די Peine forte et dure

אין אַנדערע ווינקלען זיינען געווען צוויי עהנליכע קאַסטענס, אמת, ווייט ניט אַזעלכע חשוב׳ע, אָבער נאָך אַלץ אַזעלכע, פאַר וועלכע מען דאַרף פיהלען אַ יראת־הכבוד. איינער פון די, איז געווען די בימה פון דעם „קלאַסישען“ באַהעלפער, און דער אנדערער — פון דעם „ענגלישען און מאַטעמאַטישען“. פאַנאַנדערגעוואָרפען איבער׳ן צימער, איבערקרייצענדיג הין און צוריק אין אַן אומענד־ליכען תהו־ובהו, זיינען געווען בענק און שרייב־טישען, שוואַרצע, אַלט־פרענקישע און אָפּגעניצטע, שרעקליך פאַרלעגט מיט פיעל־געבלעטערטע ביכער, און אַזוי פיעל באַצייכענט מיט איניציאַלען, נעמען אין דער גאַנצער לענג, אויסטערלישע פיגורען און אַנדערע פאַרפילפאַכטע באַמיהונגען פון דעם מעסער, אַז זיי האָבען אינ־גאַנצען פאַרלאָרען אפילו דאָס ביסעל פון דער אָריגינעלער פאָרמע,

וואס זיי האבען געקאנט האבען אין די לאנג אוועקגעגאנגענע טעג.
א גרויסער עמער מיט וואסער איז געשטאנען אין איין עק צימער,
און א זייגער פון משונה'דיגער גרויס — אין דעם אנדער עק.

איינגעשלאסען אין די מאסיווע ווענט פון אט דער בכבוד'יגער אקאדעמיע, האב איך פארבראכט, דאך ניט אין לאנגוויליגקייט אדער איבערדריסיגקייט, די יאהרען פון דעם דריטען פינפער פון מיין לעבען. דער פרוכטבארער מארך פון קינדהייט דארף ניט האבען קיין אויסערליכע וועלט פון פאסירונגען צו פארנעהמען עם אדער צו אמוזירען: און די דאכט זיך טרויעריגע מאנאטאָניגקייט פון א שולע איז אנגעפילט מיט מעהר אינטענסיווער אויפרעגונג, ווי מיין רייפערע יוגענד האט געקענט ציהען פון לוקסוס, אדער מיין פולער מענליכקייט — פון פארברעכען. דאך מוז איך גלויבען, אז מיין ערשטע גייסטיגע אנטוויקלונג האט געהאט אין זיך פיעל פון דעם אומגעוועהנליכען — און אפילו פון דעם משונה'דיגען. אויף מענשען בכלל לאזען די פאסירונגען פון דער פריהסטער עקזיסטענץ זעלטען איבער א באשטימטען איינדרוק אין דעם צייטיגען עלטער. אלעס איז גרויער שאטען — א שוואַכע און אומרעגעלמעסיגע ערינערונג, אן אומקלארע ווידעראויפזאמלונג פון שוואכע פארגעניגענס און פאנטאסמאגארישע שמערצען. מיט מיר איז אבער ניט אזוי. אין קינדהייט האב איך געמוזט פיהלען מיט דער ענערגיע פון א מאן, דאס וואס איך געפין איצט אפגעשטעמפעלט אויף מיין זכרון אין אזעלכע לעבעדיגע, טיפע און דויערהאפטע שורות, אזוי ווי די עקזערגען פון די קארטאגענישע מעדאלען.

דאך פאקטיש — פאקטיש פאר דער וועלט — ווי ווייניג עס איז דארטען געווען צו געדענקען! דאס אויפשטעהן אין דער פריה, דאס געהן בייגאכט שלאפען, דאס חזר'ן, די דעקלאמירונגען, די פעריאדישע „האלבע טעג" און די אינספעקציעס, דער שפילפלאץ מיט זיין טומעל, צייט-פארטרייב, אינטריגעס, — די אלע זאכען, דורך גייסטיגען כשוף לאנג-פארגעסענע, זיינען געמאכט געווארען צוגויפצובינדען א ווילדערניש פון עמפינדונגען, א וועלט

פון רייכע אינצידענטען, אַן אוניווערזום פון פֿאַרשיידענע עמאָציעס, פון אויפרעגונג, די העכסט ליידענשאַפטליכע און גייסט־אויפריהרענדע. “Oh, le bon temps, que ce cieècle de fer!”

ווירקליך, די היציגקייט, דער ענטוזיאַזם און די העזה'דיגקייט פון מיין כאַראַקטער האָט מיך אינגיכען אויסגעצייכענט צווישען מיינע שול־חברים, און דורך לאַנגזאַמע אָבער נאַטירליכע גראַדאַציעס האָט עס מיר געגעבען אַן איבערגעוויכט איבער אַלע, וואָס זיינען ניט פיעל עלטער געווען פון מיר, — איבער אַלע, מיט איין איינציגער אויסנאַם. די דאָזיגע אויסנאַם איז געפונען געוואָרען אין דער פּערזאָן פון אַ שילער, וועלכער איז, אמת, ניט געווען מיינער אַ קרוב, אָבער ער האָט געטראָגען דעם זעלבען ערשטען נאָמען און פאַמיליען־נאָמען, וואָס איך — אַן אומשטאַנד, וואָס איז אין דער אמת'ען פון די קליינע חידושים: וואָרים ניט אַכטענדיג אויף דער אַדעליגער אַפּשטאַמונג, איז מיין נאָמען געווען איינער פון יענע אַלטעגליכע נעמען, וועלכע שיינען צו זיין פון קדמונים אָן, ווי דורך אַ חזקה, דאָס אַלגעמיינע אייגענטום פון דעם המון. אין דער דאָזיגער דערצעהלונג האָב איך דעריבער זיך אָנגערופען וויליאַם ווילסאָן, — אַן אויסגעטראַכטער נאָמען, ניט גאָר אומעהנליך צו דעם אמת'ען. פון די אַלע, וועלכע האָבען, אויף דער שול־שפּראַך, צונויפגעשטעלט אונזער „כיתה“, איז מיין נאָמען־חבר געווען דער איינער, וואָס האָט געוואָגט צו קאָנקורירען מיט מיר אין די לימודים פון דעם קלאַס, אין די שפּיעלערייען און שטרייטיגקייטען פון שפּיל־פּלאַץ, ניט וועלען בלינד גלויבען אין מיינע באַהויפּטונגען, וואָס איך פלעג מאַכען, און אונטערוואַרפען זיך צו מיין ווילען — געוואַגט ווירקליך צו שטעלען זיך אַנטקעגען מיינע מוטווילִיגע באַפעהלען אין וואָסער הינזיכט עס זאָל ניט זיין. אויב עס איז דאָ אויף דער ערד אַן אַלערהעכסטער און אומבאַדינגטער דעספּאָטיזם, איז דאָס דער דעספּאָטיזם פון אַ הערשער־גייסט אין אינגעלשע יאָהרען איבער די וועניגער ענערגישע גייסטער פון זיינע חברים.

ווילסאָן'ס מרידה איז געווען פאַר מיר אַ קוואַל פון דער גרעסטער פאַרלעגענהייט. און נאָך מעהר איז דאָס געווען, וואָס

טראץ דעם קוראזש, וואס איך פלעג עפענטליך ארויסווייזן אנטקעגן איהם און זיינע פרעטענזיעס, האב איך אין דער שטיל געפיהלט, אז איך האב מורא פאר איהם, און ווי איך האב ניט געוואלט, האב איך געמוזט קלערען, אז דאס וואס עס גיט זיך איהם אזוי לייכט איין צו האלטען זיך גלייך מיט מיר, איז אין דער אמת'ען א סימן, אז ער שטעהט העכער פאר מיר: ווארים, אום ניט באזיגט צו ווערען, מוז איך כסדר קעמפען. דאך, די דאזיגע אויבערמאכט — זאל זיין אפילו גלייכקייט — איז אין דער אמת'ען פון קיינעם ניט אנערקענט געווארען, א חוץ פון מיר אליין. אונזערע חברים, עפעס דורך אן אומדערקלערבארע בלינדקייט, האבען, דאכט זיך, אפילו גארניט פארדעכטיגט דאס. ווירקליך, זיין קאנקורענץ, זיין ווידערשטאנד, און דערהויפט זיין העזה'דיג און איינגע'עקשנ'ט שטעלען זיך אנטקעגן מיינע אנזיכטען, האבען זיך ניט אזוי געווארפען אין די אויגען. עס האט אויסגעזעהן, אז איהם פעהלט אי די אמביציע, וועלכע האט מיך געטריבען, אי די ליידענשאפטליכע קראפט פון פארשטאנד, וועלכע האט מיך אימשטאנד געמאכט זיך אויסצוצייכענען. אין זיין קאנקורענץ איז ער אפשר געטריבען געווארען דורכאוים פון א קאפריזנעם וואונש צו־להכעים צו טאן, צו דערשטוינען, אדער מיר עגמת־נפש אנצוטאן, כאטש עס זיינען געווען צייטען, ווען איך האב ניט־ווילענדיג געמוזט באמערקען מיט א געפיהל, צוזאמענגעשטעלט פון פארוואונדערונג, דערנידעריגונג און באליידיגונג, אז אין זיין שעדיגען, בעליידיגען, אדער ווידערשפרעכען האט ער אריינגעמישט א העכסט־אומפאסיגע און זיכער העכסט־אומגעווינשטע ל י ב ל י כ ע האלטונג. איך האב נאר געקענט באגרייפען, אז אט די מאדנע אויפפיהרונג שטאמט פון א פאלקאמענער זעלבסטנארעריי, אננעמענדיג דאס וואולגארע אויסזעהן פון א באשירמער און באשיצער.

אפשר איז עס געווען אט דער לעצטער שטריך אין ווילסאן'ס אויפפיהרונג, צוזאמען מיט דעם וואס מיר האבען איין נאמען געטראגען, און דער הוילער צופאל, וואס מיר זיינען אין איין טאג אנגעקומען אין שולע, — אפשר איז דאס אלעס געווען, וואס

האָט געמאַכט צו דענקען די עלטערע קלאַסען פון דער אַקאַדעמיע, אַז מיר זיינען ברידער. אַזעלכע זיינען זיך ניט נוהג זעהר פּינקט־ליך חוקר ודורש זיין וועגען די עסקים פון זייערע אינגערע חברים. איך האָב פריהער געזאָגט, אָדער איך האָב געדאַרפט זאָגען, אַז ווילסאָן איז אפילו אין דעם ווייטסטען גראַד ניט געווען פאַרבונ־דען מיט מיין משפחה. אָבער דאָס איז זיכער, אַז ווען מיר וואָלטען געווען ברידער, וואָלטען מיר געמוזט זיין אַ צוווי־לינג, וואָרים נאָכדעם, ווי איך האָב פאַרלאָזען דר. בראַנסבי'ס שולע, האָב איך זיך צופעליג דערוואוסט, אַז מיין נאָמען־חבר איז גע־באָרען געוואָרען דעם 19טען יאַנואַר 1813 — און דאָס איז שוין עטוואָס אַ מערקווירדיגע צוזאַמענטרעפונג, וואָרים דאָס איז פּונקט דער טאָג, אין וועלכען איך בין אויך געבאָרען געוואָרען.

עס קען אויסקומען זונדערבאַר, וואָס טראָץ מיין שטענדיגע זאָרג, וועלכע ווילסאָן'ס קאָנקורענץ פלעגט מיר פאַרשאַפען, און טראָץ זיין אומדערטרעגליכען גייסט פון קידער־ווידער, האָב איך בשום אופן ביי זיך ניט געקענט פועל'ן גאָר אינגאַנצען צו האַ־סען איהם. עס איז זיכער, אַז כמעט אַלע טאָג האָבען מיר געהאַט צווישען זיך אַ קריג, וואו ער, נאָכגעבענדיג מיר אין דער עפענטליכקייט דעם לאָרבער־קראַנץ פון אַ זיגער, האָט אָבער אויף וועלכען עס איז אופן געמאַכט מיר צו פיהלען, אַז פאַרדינען האָט ער עס פאַרדינט. דאָך, אַ געפיהל פון שטאָלץ פון מיין זייט און אַ ווירקליכע ווירדיגע האַלטונג פון זיין זייט, האָט ניט דער־לאָזען, אַז מיר זאָלען זיין ברוגז, כאָטש עס זיינען געווען אַ סך פּונקטען פון שטאַרקער עהנליכקייט אין אונזערע טעמפּעראַמענ־טען, וועלכע האָבען געאַרבייט אַרויסצורופען אין מיר אַ געפיהל, וואָס נאָר אונזער לאַגע אַליין אפשר האָט ניט דערלאָזען, אַז דאָס זאָל זיך אַנטוויקלען אין אַ פריינדשאַפט. עס איז ווירקליך שווער צו דעפינירען, אָדער אפילו צו שילדערען, מיינע ריכטיגע געפיה־לען צו איהם. זיי האָבען געבילדעט אַ בונטענפאַרביגע און פאַר־שיידענאַרטיגע געמישעכץ, — אַ געוויסע קאַפּריזנע פיינדשאַפט, וועלכע איז אָבער ניט געווען קיין האַס; עטוואָס אַכטונג, מעהר רעספּעקט, אַ סך מורא, מיט אַ וועלט פון פיינליכער נייגעריגקייט.

פאר'ן מאראליסט וועט זיין איבעריג נאך צוצוגעבען, אז ווילסאן און איך זיינען געווען די אומצעשיידבארסטע חברים.

עס איז אהן צווייפעל געווען דער אנאמאלער צושטאנד צווישען אונז, וואס האט פארוואנדעלט אלע מיינע אטאקעס אויף איהם (און זיי זיינען געווען א סך, אדער אפען אדער פארשטעלט) אין א קוואל פון שפאט אדער שפיצלעך (וועלכע האבען פארשאפט שמערץ, כלומר'שט אויסזעהענדיג ניט מעהר, ווי א שפאס) איידער אין א מעהר ערנסטע און אן אנטשלאסענע פיינדשאפט. אבער מיינע באמיהונגען אין דעם פרט האבען זיך פאר קיין פאל ניט אין גלייכער מאס זיך איינגעגעבען, אפילו ווען מיינע פלענער זיינען געווען די שארפזיניגסט־געפלאנטע. ווארים מיין נאמען חבר האט געהאט פיעלעס אין זיין כאראקטער פון יענער איינפאבער און רוהיגער הארטקייט, וואס הנאה־האבענדיג פון דער שטעבעדיגקייט פון זיינע אייגענע וויצען, האט ער לחלוטין ניט געלאזען, אז מען זאל פון איהם אליין לאכען. איך האב אבער געקענט געפינען נאר איין אנגרייפבארען פונקט, און דאס איז געווען אזא, וואס באשטעהענדיג פון א פערזענליכער אייגענטימליכקייט, וועלכע שטאמט אפשר פון אן ארגאנישער קראנקהייט, וואלט עס געשאנעוועט געווארען פון אבי־וועלכען געגנער, וואס זוכט ניט, אזוי ווי איך, חוזק צו מאכען פון יענעם: מיין געגנער האט געהאט א פעהלער אין די שפרעך־ארגאנען, וואס האט איהם קיינמאל ניט דערלאזען אויפהייבען זיין שטימע *העכער פון א זעהר נידעריגען פליסטער*. איך האב קיינמאל ניט דורכגעלאזען די קלענסטע געלעגענהייט, וואס איז געווען אין מיין מאכט, צו באנוצען זיך מיט אט דעם פעהלער זיינעם.

ווילסאן האט געהאט א סך אופנים, ווי אפצורעכענען זיך מיט מיר: עס איז אבער געווען איין פארמע פון זיינע שפיצלעך, וואס האט מיך באאומרוהיגט אהן א שיעור. ווי אזוי זיין שארפזיניגקייט האט צוערשט בכלל אויסגעפונען, אז אזא קלייניגקייט קען מיך ערגערען, איז א פראגע, וואס איך קען קיינמאל ניט פארענטפערען; אבער אויסגעפינענדיג דאס, האט ער געטאן און

באַלעסטיגט מיך דערמיט. איך האָב אימער געפיהלט אַ ווידער־ווילען צו מיין ניט־עלעגאַנטען פאַמיליען־נאָמען, און צו זיין זעהר איינפאַכען, אויב ניט פּלעבעאישען, פאָרנאָמען. די ווערטער זיינען געוועזען גיפט פאַר מיינע אויערען, און ווען אין דעם טאָג פון מיין אַנקומען, איז אַ צווייטער וויליאם ווילסאָן אויך אַנגעקומען אין דער אַקאַדעמיע, בין איך אויף איהם געוועזען בייז, פאַר־וואָס ער טראָגט דעם נאָמען, און טאָפּעלט איבערדריסיג בין איך געוועזען מיט דעם נאָמען, ווייל אַ פרעמדער טראָגט איהם, וועלכער וועט זיין די אורזאַך פון זיין צווייענדיגער ווידערהאָלונג, וועלכער וועט שטענדיג זיין אין מיין אַנוועזענהייט, און וועמעס עסקים, אין דער געוועהנליכער רוטינע פון די שול־געשעפטען, מוזען אומ־פערמיידליך, צוליב דער אַבשייליכער צוזאַמענטרעפונג, אָפט פאַרמישט ווערען מיט מיינע עסקים.

דאָס געפיהל פון ערגערונג, וואָס איז אַזוי אַרויסגעקומען, איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער מיט יעמווידער אומשטאַנד, וואָס האָט געצייגט צו באַווייזען די עהנליכקייט, מאָראַלישע אָדער פיזישע, צווישען מיין געגנער און מיר. איך האָב דענסטמאָל נאָך ניט אויסגעפונען דעם מערקווירדיגען פאַקט, וואָס מיר זיינען ביידע געוועזען פון איינע יאָהרען, אָבער איך האָב געזעהן, אַז מיר זיינען ביידע געוועזען פון איין הויך, און איך האָב באַמערקט, אַז מיר זיינען אפילו מאָדנע עהנליך געוועזען אין דער אַלגעמיינער קאָנ־טור פון פערזאָן און געזיכטסציגען. מיך האָט אויך זעהר גע־ערגערט דער קלאַנג וועגען קרובה׳שאַפט, וואָס האָט זיך פאַר־שפּרייט אין די העכערע קלאַסען. מיט איין וואָרט, קיין זאַך האָט מיך ניט געקענט מעהר ערנסט באַאומרוהיגען (כאָטש איך האָב פאַרזיכטיג באַהאַלטען די באַאומרוהיגונג), ווי וועלכע עס איז אַנדייטונג וועגען עהנליכקייט אין גייסט, פערזאָן אָדער אומ־שטענדען, וואָס עקזיסטירט צווישען אונז ביידען. אָבער איז דער אמת, האָב איך קיין אורזאַך ניט געהאַט צו גלויבען, אַז (מיט דער אויסנאַם פון דער געשיכטע וועגען קרובה׳שאַפט און אין דעם פאַל פון ווילסאָן׳ען אַליין) די דאָזיגע עהנליכקייט איז גאָר ווען געמאַכט געוואָרען פאַר אַ ענין צו רעדען וועגען דעם,

אדער איז גאר באמערקט געווארען פון אונזערע שול־חברים. אז ער האט עס באמערקט אין אלע פרטים, און פונקט אזוי שטארק, ווי איך, דאס איז געווען קענטיג. אבער אז ער זאל קענען אנט־דעקען אין אזעלכע אומשטענדען אזא פרוכטבאר פעלד פון באַ־לעסטיגונג, קען גאר צוגעשריבען ווערען, ווי איך האב פריהער געזאגט, צו זיין מעהר ווי געוועהנליכער קראפט צו קענען אריינ־דרינגען אין יענעמ'ס נשמה.

זיין ראליע, וועלכע איז געווען פונקט נאכגעמאכט מיינע, איז באשטאנען אי אין די ווערטער, אי אין די האנדלונגען, און געשפיעלט האט ער זיין ראליע זעהר וואונדערבאר. מיין קליי־דונג איז געווען לייכט צו קאפירען: מיין גאנג און מיין אלגע־מיינע האלטונג האט מען אהן שוועריגקייט זיך געקענט צופאסען, און טראץ זיין ארגאנישען פעהלער האט אפילו מיין שטים איהם ניט געקענט אויסמיידען. מיינע אויבערשטע טענער האט ער, פארשטעהט זיך, ניט געקענט נאכמאכען, אבער דערפאר איז דער גרונד־טאן שוין געווען עהנליך, און זיין זונדערבארער פליסטער איז פונקט געווארען דער אפקלאנג פון מיינעם.

ווי שטארק אט די העכסט־אויסגעצייכענטע פארטרעטור האט מיך געקרענקט (ווארים קיין קאריקאטור האט מען דאס באמת ניט געקענט אנרופען), וועל איך איצט ניט אונטערנע־מען זיך צו בעשרייבען. איך האב נאר איין טרייסט געהאט — אין דעם פאקט, אז די אימיטאציע איז שיינבאר נאר פון מיר אליין באמערקט געווארען, און אז איך האב געהאט איבערצו־טראגען נאר דעם וויסען און מאדנע סארקאסטישע שמייכלען פון מיין נאמען־חבר אליין. צופריעדענשטעלענדיג זיך וואס ער האט ביי מיר אין ברוסט ארויסגערופען דעם געמיינטען רושם, האט ער געשיינט צו שטיקען זיך באהאלטענערהייט פאר געלעכטער איבער דעם שטאך וואס ער האט מיר געגעבען, און ער האט כאראקטע־ריסטישערווייז זיך ניט געקימערט וועגען די עפענטליכע אפלא־דיסמענטען, וואס דער ערפאלג פון זיינע שארפזיניגע באמיהונגען וואלטען געקאנט אזוי לייכט ארויסרופען. וואס די שולע האט

ווירקליך ניט געפֿיהלט זיין קונסט, ניט באַגריפֿען די דורכפֿיהרונג און ניט טיילגענומען אין זיין שפּאַס, איז פֿאַר פֿיעלע ענגסטליכע מאַנאַטען געווען אַ רעטעניש, וואָס איך האָב ניט געקענט טרעפֿען. אפֿשר האָט די גראַדאַציע פֿון זיין קאַפּיע געמאַכט עס ניט אַזוי ליכט באַמערקליך: אָבער וואָס מעהר מעגליך, האָב איך געהאַט צו פֿאַרדאַנקען מיין זיכערקייט די מייסטערהאַפֿטע תנועות פֿון דעם קאָפּירער, וועלכער, פֿאַראַכטענדיג די בוכשטעבליכקייט (וואָס איז מאַלעריי איז דאָס אַלעס וואָס דער טעמפּער מענש קען זעהן), האָט געגעבען נור דעם פֿולשטענדיגסטען גייסט פֿון זיין אָריגינאַל פֿאַר מיין פֿערזענליכער באָאָבאַכטונג און ערגערניש.

איך האָב שוין מעהר ווי איין מאָל גערעדט פֿון דער איבערדריסיגער מינע פֿון אַ באַשיצער, וואָס ער האָט אָנגענומען בנוגע צו מיר, און פֿון זיין אָפֿטען אומגעבעטענעם אריינמישען זיך אין מיינע עסקים. דאָס אריינמישען זיך האָט אָפֿט אָנגענומען דעם אומהעפֿליכען אופֿן פֿון עצות געבען — עצות געבען ניט אָפֿענערהייט, נאָר מיט אָנצוהערעניש, אָדער אויף אַ פֿאַרשטעלטען אופֿן. איך פֿלעג עס אָננעמען מיט אַ ווידערווילען, וועלכער איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען וואָס עלטער איך בין געוואָרען. דאָך, אין דעם היינטיגען וויטען טאָג, לאָמיך איהם טאָן די איינפאַכע גערעכטיגקייט, מודה צו זיין זיך, אַז איך קען זיך ניט דערמאָנען קיין שום פֿאַל, ווען די עצות פֿון מיין געגנער זיינען געווען פֿעהלערהאַפֿט אָדער נאַריש, וואָס איז אַזוי געוועהנליך פֿאַר אַז אומרייפֿען עלטער און באַשיינפּערליכער אומערפֿאַהרענהייט: אַז זיין מאָראַלישער חוש, ווענינגסטענס, אויב ניט זיינע אַלגעמיינע פֿעהיגקייטען און וועלטליכע וויזהייט, איז געווען פֿיעל שאַרפֿער ווי מיינער, און אַז איך וואָלט אפֿשר היינט געווען אַ בעסערער, און פֿאָלגליך אויך אַ גליקליכערער מענש, ווען איך וואָלט ניט אַזוי אָפֿט צוריקגעוויזען די עצות, וואָס זיינען אויסגעדריקט געוואָרען אין יענע באַדייטונגספֿולע פֿליסטערס, וועלכע איך האָב דענסטמאָל צו האַרציג געהאַסט און צו ביטער פֿאַראַכטעט.

ווי דאס איז געווען, ביז איך סוף־כל־סוף געווארען ווידערשפעניג אויפ׳ן העכסטען גראד אונטער זיין עקעלהאפטער השגחה, און פון טאג צו טאג האב איך אלץ אפענער ארויסגעוויזען מיין אומצופרידענהייט מיט זיין אומדערטרעגליכער חוצפה. ווי איך האב שוין געזאגט, איז אין די ערשטע יאהרען פון אונזער פארבינדונג אלס שול־חברים, האבען מיינע געפיהלען צו איהם געקאנט לייכט אנטוויקעלט ווערען אין פריינדשאפט: אבער אין די לעצטע מאנאטען פון מיין זיין אין דער אקאדעמיע, כאטש זיין דאקומשען מיר אויף זיין געוועהנליכען גאנג איז אהן שום ספק אין א געוויסער מאס קלענער געווארען, האבען מיינע געפיהלען, אין כמעט אן עהנליכער פראפארציע, אנגענומען פיעל מעהר פון פאזיטיווען האס. ביי איין געלעגענהייט, רעכען איך, האט ער דאס דערזעהן, און נאכדעם האט ער אויסגעמיטען, אדער ער האט געמאכט אן אנשטעל ווי ער מיידט מיך אויס.

עס איז געווען ארום דערזעלבער צייט, אויב איך געדענק עס ריכטיג, איז אין א העפטיגען קריג מיט איהם, ווען ער איז מעהר ווי אימער ארונטערגעשליידערט געווארען פון זיין פאזיציע, אנן ער האט גערעדט און געהאנדעלט מיט אן אפענהערציגער האל־טונג, וואס איז געווען גאר פרעמד פאר זיין נאטור, האב איך אנטדעקט, אדער מיר האט זיך אויסגעדוכט אז איך האב אנט־דעקט, אין זיין אקצענט, אין זיין מינע און אלגעמיינעם אויסזעהן אן עפעס, וואס האט צוערשט דערשטוינט, און דערנאך מיך טיף פאראינטערעסירט, ברענגענדיג אויף מיין זכרון טונקעלע וויזיא־נען פון מיין פריהסטער קינדהייט — ווילדע, צעמישטע און מחנות־וויין ערינערונגען פון א צייט, ווען די ערינערונג אליין איז נאך ניט געבארען געווארען. איך קען בעסער ניט באשרייבען דאס געפיהל, וואס האט מיך געדריקט, ווי זאגענדיג, אז איך האב מיט מאטערניש אפגעטרייסעלט פון זיך דעם געדאנק, אז איך בין גאר געווען באקאנט מיט דער בריאה, וואס איז געשטאנען פאר מיר, אין א געוויסער עפאכע זעהר לאנג צוריק — א געווי־סער פונקט פון דער פארגאנגענהייט, כאטש אומענדליך ווייט. די אילוזיע אבער איז פארשוואונדען, אזוי שנעל ווי זי איז געקו־

מעז, און אויב איך דערמאַן עס איצט, איז עס נאָר צו דעפינירען דעם טאָג פון דעם לעצטען געשפּרעך, וואָס איך האָב דאָרטען געהאַט מיט מיין זונדערבאַרען נאָמען־חבר.

דאָס גרויסע אַלטע הויז, מיט זיינע צאָהללאָזע אָפּטיילונגען אויף אָפּטיילונגען, האָט געהאַט עטליכע גרויסע חדרים, וואָס זיינען געווען פאַרבונדען צווישען זיך, וואו די גרעסטע צאָהל פון די סטודענטען איז געשלאָפען. עס זיינען אָבער געווען (ווי עס מוז נויטווענדיגערווייז טרעפען אין אַזאַ אומגעלומפּערט־געפּלאָנטער געביידע) — אַ סך קליינע ווינקלאַך, אָדער נישען, די פּאָרשיידענע צוטשעפּענישען פון׳ם בניז, און אָט די דאָזיגע האָט די עקאָנאָמישע שאַרפזינגקייט פון דר. בראַנסבי אויך איינגערוכט אַלס שלאָפצימערען: און הגם זיי האָבען אויסגעזעהן ווי צימערען, אמת, די קלענסטע, האָבען זיי מעהר ניט געקענט אריינגעמען ווי איין־איינציגען מענשען. איינס פון אָט די קליינע צימערען האָט ווילסאָן פאַרנומען.

איין נאַכט, ווען עס האָט זיך געדאַרפט באַלד ענדיגען מיין פינפטע יאָהר אין דער שולע, און גלייך נאָך אָט דעם קריג וואָס איך האָב אָקאָרשט דערמאָנט, געפינענדיג איטליכען איינגעהילט אין שלאָף, בין איך אַראָפּ פון בעט און מיט׳ן לאָמפּ אין האַנט האָב איך זיך דורכגע׳גנב׳עט דורך אַ ווילדערניש פון שמאָלע דורכגאַנגען, פון מיין אייגענעם שלאָפצימער ביז צו מיין געגנער׳ס. איך האָב שוין לאַנג געפּלאַנעוועט אויף זיין רעכענונג עפּעס אַ בייזמוטיג שטיקעל, פון יענע שפּיצלאַך, אין וועלכע איך בין ביז אַהער בסדר אומערפאָלגרייך געווען. מיין כוונה איז איצטער געווען צו לאָזען מיין פּלאַן ארבייטען, און איך האָב באַשלאָסען געבען איהם צו פיהלען ביז גאָר די רשעות מיט וועלכער איך בין געווען דורכגעדרונגען. דערגרייכענדיג זיין צימער, בין איך שטילינקערהייט אריין, איבערלאָזענדיג אין דרויסען דעם לאָמפּ מיט׳ן קאָלפּאַק איבער איהם. איך האָב געמאַכט אַ טראָט, און זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון זיין רוהיגען אָטעמען. דערקונדיגענדיג זיך, אַז ער שלאָפט, האָב איך זיך אומגעקערט, גענומען דאָס פייער, און מיט דעם ווידער צוגעגאַנגען צום בעט.

פעסט־צוזאמענגעצויגענע פארהאנגען זיינען געווען ארום בעט. און אום דורכצופיהרען מיין פלאן, האב איך זיי פאמעליך און שטיל פארנאנדערגערוקט, און די העלע שטראלען זיינען לעבעדיג געפאלען אויפ'ן שלאפער, און מיינע אויגען אין דעם זעלבען אויגענבליק — אויף זיין געזיכט. איך האב געקוקט, און א פאבגליוווערטקייט, אן אייזיגקייט פון געפיהל האט אויגענבליקליך דורכגענומען מיין נשמה דורך און דורך. מיין ברוסט האט זיך געהויבען, מיינע קני האבען זיך געטרייסעלט, מיין גאנצער גייסט איז דורכגענומען געווארען מיט א צוועקלאזען, דאך אומדערטרעגליכען שוידער. עפענענדיג דאס מויל אום אפצוכאפען דעם אטעם, האב איך ארונטערגעלאזען דעם לאמפ נאך נעהענטער צו זיין פנים. זיינען דאס געווען — *דאס* די געזיכטס־ציגען פון וויליאם ווילסאן? איך האב געזעהן, ווירקליך געזעהן, אז דאס זיינען זיינע געווען, אבער עס האט מיך א טרייסעל געטאן, ווי אין אן אנפאל פון קאלטען פיבער, זיך פארשטעלענדיג, אז ניט. וואס־זשע איז *געווען* אזוינס אין זיי, וואס זאל מיך צעמישען אויף דעם אופן? איך האב ניט אראפגענומען די אויגען פון איהם, און אין מיין מח האבען זיך געדרעהט מאסען אומצוזאמענהענגליכע געדאנקען. ניט אזוי האט ער אויסגעקוקט — זיכער, ניט *אזוי* — אין דער לעבעדיגקייט פון זיינע וואכיגע שטונדען. דער זעלבער נאמען! די זעלבע קאנטור פון פערזאן! און דעם זעלבען טאג אנגעקומען אין דער אקאדעמיע! און דאן זיין איינגעשפארטע און זינלאזע אימיטאציע פון מיין גאנג, מיין שטימע, מיינע געוועהנהייטען און מיין האלטונג! איז עס געווען, באמת, אין די גרעניצען פון מענשליכער מעגליכקייט, אז *דאס וואס איך האב איצט געזעהן*, איז געווען דער רעזולטאט בלויז פון באשטענדיגען פראקטיצירען פון אט דער סארקאסטישער אימיטאציע? דורכגענומען מיט אימה און מיט א קריכענדען שוידער האב איך אויסגעלאשען דעם לאמפ, בין שטיל ארויס פון צימער און האב גלייך פארלאזען די ווענט פון יענער אלטער אקאדעמיע, אום מעהר זיך אהין ניט צוריקקערען.

נאכדעם ווי עס זיינען אריבער עטליכע מאנאטען, וועלכע איך האב פארבראכט אינדערהיים, ממש גארנישט טוענדיג, בין איך געווארען א סטודענט אין איטאן. דער קורצער אינטערוואל איז גענוג געווען אפצושוואכען מיין זכרון וועגען די פאסירונגען אין דר. בראנסבי'ס, אדער לכל הפחות אריינצוברענגען א באדייטענדע ענדערונג אין דעם אופן פון די געפיהלען, ווי אזוי איך האב זיי געקענט געדענקען. דער אמת, די טראגעדיע פון דער דראמע איז שוין מעהר ניט געווען. איצט האב איך שוין געקענט געפינען אורזאכען צו צווייפלען אין דער ממשות'דיגקייט פון מיינע חושים, און זיך זעלטען אינגאנצען דערמאנט דעם ענין, סיידען וואונדערענדיג זיך אויף ווי ווייט עס קען פארקריכען דעם מענשען'ס לייכטגלויביגקייט, און שמייכלענדיג איבער דער לעבהאפטער קראפט פון דער פאנטאזיע, וועלכע איך האב געקראגען בירושה. עס האט אויך ניט אויסגעזעהן, דער סארט סקעפטיציזם זאל זיך פארמינדערן דורך דעם אופן, ווי איך האב געלעבט אין איטאן. דער ווירבעל־שטראם פון ניט־בארעכענטע נארישקייטען, אין וועלכע איך האב זיך אזוי שנעל און אזוי זארגלאז אריינגעווארפען, האט אפגעוואשען אלעס, איבערלאזענדיג נאר דעם שוים פון מיינע פארגאנגענע שטונדען, האט גלייך איינגעשלונגען יעטווידען סאלידען אדער ערנסטען איינדרוק, און האט איבערלאזען אין זכרון נאר די סאמע פלאכקייטען פון א פריהערדיגער עקזיסטענץ.

איך וויל אבער ניט אויסשפירען דעם גאנג פון מיין מיזעראבלער פארדארבענקייט דא — א פארדארבענקייט וואס האט זיך אויסגעלאכט פון די געזעצען, אין דערזעלבער צייט אויסמיידענדיג די השגחה פון דעם אנשטאלט. דריי יאהר נארישקייט, וואס זיינען אוועק אהן שום נוצען, האבען נאר געלאזען אין מיר איינגעווארצעלטע געוואוינהייטען פון זינד, און צוגעגעבען, אין עטוואס אן אומגעוועהנליכען גראד, צו מיין קערפערליכען וואוקס — ווען נאך א וואך פון צעלאזענקייט האב איך איינגעלאדען א קליינע קאמפאניע פון די צעלאזענסטע סטודענטען צו א געהיימען קערמישעל אין מיין צימער. מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען שפעט

ביי דער נאכט, ווארים אונזער הוליאנקע האט געדארפט מיט איבערגעבענהייט ציהען זיך ביז אינדערפריה. וויין האט זיך פריי געגאסען, און עס האט ניט געפעהלט אויך אנדערע, און אפשר מעהר געפעהרליכע פארפיהרונגען, אזוי, אז דער גרויער פריהמארגען איז שוין בלאס ערשינען אין מזרח, און אונזער וואנזיניגע צעלאזענקייט איז נאך געווען אויף דער העכסטער מדרגה. ווילד צעהיצט פון קארטען און שכרות, האב איך געהאל־טען אין איין באשטעהן אויף א טאסט פון מעהר ווי געוועהנליכע גבול־פה, ערשט מיין אויפמערקזאמקייט איז פלוצלונג אפגעווענ־דעט געווארען דורך א העפטיגען, הגם טיילווייזען אויפעפענען פון דער טיר פונ׳ם צימער, און דורך דער אויפגערעגטער שטימע פון א דיענער פון דרויסען. ער האט געזאגט, אז אימיצער, קענטיג אין גרויס איילעניש, וויל מיט מיר רעדען אין קארידאר.

און ווייל איך בין געווען ווילד צעקאכט פון וויין, האט די אומערווארטעטע איבעררייסונג מיך גיכער דער־פרעהט, ווי איבערראשט. איך האב זיך גלייך געלאזט געהן, וואקלענדיג זיך פון שכרות, און מיט עטליכע טריט בין איך שוין געווען אין דעם וועסטיביול פון דער געביידע. אין דעם דאזיגען נידעריגען און קליינעם צימער איז קיין לאמפ ניט געהאנגען, און איצט איז גאר קיין ליכט ניט אריינגעקומען, אחוץ דאס זעהר שוואכע ליכט פונ׳ם טאגען, וואס האט זיך דורכ־געשלאגען דורכ׳ן האלב־רונדען פענסטער. ווי נאר איך האב איבערגעטראטען די שוועל, האב איך דערזעהן פאר זיך די פיגור פון א בחור׳ל, אז ערד פון מיין וואוקס, און אנגעטאן אין א ווייסען קאזימירענעם מארגען־ראק, צוגעשניטען אין א מאדנעם פאסאן פון דעם זעלבען, וואס איך אליין האב געטראגען אין יענעם מא־מענט. דאס בין איך געווען אימשטאנד צו באמערקען אינ׳ם שוואכען ליכט, אבער די געזיכטסציגען זיינע האב איך ניט גע־קאנט דערקענען. ווי איך בין נאר אריינגעקומען, אזוי איז ער שנעל צוגעגאנגען צו מיר, און אנכאפענדיג מיך פאר׳ן ארעם מיט א זשעסט פון גראבער אומגעדולד, האט ער א פליסטער געטאן די ווערטער „וויליאם ווילסאן!“ אין מיין אויער.

איך בין אין איין אויגענבליק אינגאנצען אויסגעניכטערט געווארען.

עס איז געווען אזוינס אין דער האלטונג פון דעם פרעמדען און אין דעם שרעקעדיגען מאך פון זיין אויפגעהויבענעם פינגער, בעת ער האט איהם געהאלטען צווישען מיינע אויגען און דעם ליכט, וואס האט מיך אנגעפילט מיט אבסאלוטער דערשטוינונג: אבער עס איז ניט געווען דאס, וואס האט מיך אזוי העפטיג גע־ריהרט. עס איז געווען די באדייטונג פון א פייערליכער ווארנונג אין דעם זונדערבארען, נידעריגען, פייפענדען ארויסרעדען פון די ווערטער, און מעהר פון אלץ, איז עס געווען דער כאראקטער, דער טאן, דער גרונדטאן פון יענע עטליכע איינפאכע און באקאנטע, דאך אויסגעפליסטערטע זילבען, וועל־כע זיינען געקומען צושפארען זיך צו מיר מיט א טויזענט זכרונות פון פארגאנגענע טעג, און האט א קלאפ געטאן איבער מיין נשמה מיט א שטוים פון א גאלוואנישער באטארעע. איידער איך האב נאך געקענט צוריקקומען צו מיינע חושים, איז ער שוין געווען אוועקגעגאנגען.

כאטש די דאזיגע פאסירונג האט ניט געקענט ניט איבערלא־זען א לעבעדיגען רושם אויף מיין צערודערטער פאנטאזיע, דאך איז עס פונקט אזוי שנעל אוועק, ווי ס'איז געקומען. עטליכע וואכען בין איך ווירקליך געווען פארנומען מיט מאכען ערנסטע אויספארשונגען, אבער איך בין געווען איינגעהילט אין א וואל־קען פון קראנקהאפטע השערות. איך האב ניט געמיינט צו בא־האלטען פון מיין השגה די אידענטיטעט פון דעם מאדנעם פאר־שויז, וועלכער האט זיך מיט אזא עקשנות ארייגגעמישט אין מיינע געשעפטען און מיך באלעסטיגט מיט זיינע פארשטעלטע עצות. אבער ווער און וואס איז געווען אט דער ווילסאן? און פון וואנען איז ער געקומען? און וואס זיינען זיינע אבזיכטען געווען? — אויף קיין איינע פון די דאזיגע פונקטען האב איך זיך ניט געקענט צופרידענשטעלען, מעהר נישט, וואס איז שייך צו איהם, האב איך באשלאסען, אז צוליב א פלוצלינגע סיבה אין זיין פאמיליע איז ער אוועק פון דר. בראנסבי'ס אקאדעמיע אין דעם זעלבען־

נאכמיטאג, ווען איך אליין בין אנטלאפען. אבער אין א קורצער צייט האב איך אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דעם עניין, ווייל מיין קאפ איז שוין געווען אינגאנצען פארנומען מיט דעם געפלאנטען פאהרען קיין אקספארד. איך בין אהין גלייך אוועק, און צוליעב דער ניט אויסגערעכנטער פוסטער גאוה פון מיינע עלטערן בין איך באזארגט געווארען מיט אן אויסשטאטונג און יעהרליכער הכנסה, וועלכע האט מיר געגעבען די מעגליכקייט אריינצולאזען זיך מיט לייב און לעבען אין דעם לוקסוס, וואס איז שוין געווען אזוי טייער צו מיין הארצען — צו קאנקורירען אין געלט־פארשווענדען מיט די שטאלצעסטע יורשים פון די רייכסטע גראפען פון גרויס־בריטאניען.

צעהיצט פון אזא איבערגעבען זיך צו פארדארבענהייט, האט זיך מיין ארגאנישער טעמפעראמענט א לאז געטאן מיט פארטאפעלטע ברען, און איך האב צוריקגעשטויסען אפילו די איינפאכע צוריקהאלטונגען פון אנשטענדיגקייט אין דער וואנזיניגער ליבע צו מיינע הוליאנקעס. אבער עס וואלט געווען נאריש אפצושטעלען זיך אויף די איינצעלהייטען פון מיין פארשווענדעריי. עס וועט זיין גענוג צו זאגען, אז פון אלע פארשווענדער האב איך אריבערגע'הורדוס'ט הורדוס'ען, און אז געבענדיג נעמען צו א מאסע ניי־אויסגעטראכטע שטות'ערייען, האב איך צוגעגעבען ניט קיין קורצע ביילאגע צו דעם לאנגען קאטאלאג פון חטאים, וואס זיינען דאן געווען אין מאדע אין דעם צעלאזענסטען אוניווערזיטעט אין אייראפא.

מען וואלט עס אבער קוים געקאנט גלויבען, אז אפילו דא בין איך אזוי געפאלען ביז גאר פון דעם דזשענטעלמענישען שטאנד, צו זוכען באקאנטשאפט מיט די ערגסטע קונץ־שטיק פון דעם פראפעסיאנעלען קארטענשפיעלער, און ווערענדיג א קענער אין זיין געמיינער וויסענשאפט, צו פראקטיצירען עס כסדר אלס א מיטעל צו פארגרעסערען מיין שוין אזוי אויך אומגעהויערען איינקונפט אויפ'ן חשבון פון די שוואכזיניגע צווישען מיינע חברים־סטודענטען. אבער דאס איז געווען א פאקט. און די גרעסטע אבשייליכקייט פון דעם דאזיגען פארברעכען קעגען אלע

מענליכע און עהרענהאַפטע סענטימענטען האָט אָהן צווייפעל באַ־וויזען די הויפּט, אויב ניט די איינציגע, אורזאַך פון דער אומ־באַשטראָפטקייט, מיט וועלכער דאָס איז באַגאַנגען געוואָרען. ווער וואָלט, ווירקליך, פון מיינע צעלאַזענסטע חברים גיכער ניט באַ־שטריטען דעם קלאָרסטען באַווייז פון זיינע חושים, איידער צו פאַרדעכטיגען אין אַזעלכע שטיק דעם לוסטיגען, דעם אָפענהער־ציגען, דעם גרויסמוטיגען וויליאַם ווילסאָן, דעם איידעלסטען און ברייטהערציגסטען פּראָסטען בירגער פון אָקספאָרד — איהם, וועמעס נאַרישקייטען (זאָל זיין, זיין פּאַראַזיטיזם) זיינען ניט מעהר ווי די נאַרישקייטען פון יוגענד און אומגעצוימטער פאַנ־טאַזיע, וועמעס פעלערען זיינען ניט מעהר ווי ניט־אימיטיר־באַרער קאַפּריז, וועמעס טונקעלסטע מעשים זיינען ניט מעהר ווי זאַרגלאָזע און שטורמישע פאַרשווענדעריי?

איך בין שוין געווען צוויי יאָהר ערפאָלגרייך באַשעפטיגט אויף אָט דעם אופן, ערשט אין אוניווערזיטעט איז אָנגעקומען אַ יונגער פּאַרוועניו, אַ אַדעלמאַן, גלענדינינג — רייך, זאָגט מען, ווי העראָדעס אַטיקוס — און זיין רייכקייט איז אויך פּונקט אַזוי לייכט דערוואָרבען. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז ער האָט אַ שוואַכען פאַרשטאַנד, און פאַרשטעהט זיך, איך האָב איהם באַצייכענט אַלס פּאַסענדען סוביעקט פאַר מיין קונסט. איך האָב איהם אָפט אַריינגעשלעפּט אין שפּיל און איך האָב מיט אַ ביון געזעהן, דורך די געוועהנליכע קאָרטענשפּילערישע קונץ־שטיק, צו לאָזען איהם געווינען באַדייטענדע סומען, כדי מיט מעהר ער־פאָלג פאַרפּלאָנטערען איהם אין מיין נעץ. ענדליך, ווען מיינע פּלענער זיינען רייף געוואָרען, האָב איך זיך געטראָפען מיט איהם (מיט דער פולער אַבזיכט, אַז דאָס באַגעגעניש זאָל זיין דאָס לעצטע און די אַנטשיידענדע) אין דעם צימער פון אַ חבר, אויך אַ פּראָסטער בירגער ווי איך (מר. פּרעסטאָן), וועלכער איז געווען גלייך אינטים מיט ביידען, אָבער אוים נערעכטיגקייט צו איהם, מוז איך זאָגען, אַז ער האָט אַפילו דעם מינדסטען פאַרדאַכט ניט געהאַט וועגען מיין פּלאַן. צו מאַכען די זאַך זאָל אויסקוקען ראַ־יעלער, האָב איך מיט אַ ביון געזעהן, עס זאָלען זיך צונויפקומען

א חברה פון אכט אדער צעהן, און איך בין געווען זעהר שטארק פארזיכטיג, אז דאס קארטענשפיעל זאל זיך כלומר׳שט אנפאנגען צופעליג, און דער פארשלאג זאל געמאכט ווערען טאקע פון דעם, וועמען איך וויל באטריגען. צו זיין קורץ וועגען אזא מיאוס׳ען עניין, וויל איך זאגען, אז קיין שום זאך פון די געמיינע ביטרעקייט איז ניט אויסענגעלאזען געווארען. וואס איז אזוי געוועהנליך אין אזעלכע געלעגענהייטען, אז עס איז איינפאך א וואונדער, ווי אזוי עס געפינען זיך נאך אזעלכע דומע מענשען, וואס לאזען זיך באשווינדלען.

מיר האבען פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט, און צום סוף האב איך אזוי געמאכט, אז גלענדינינג זאל ווערען מיין איינציגער געגנער. אויך דאס שפיעל איז געווען מיין באליבט écarte, די איבעריגע פון דער קאמפאניע, פאראינטערעסירט אין דעם גאנג פון אונזער שפיעל, האבען געלאזען זייערע אייגענע קארטען, און זיך ארומגעשטעלט ארום אונז אלס צוקוקער. דער פארוועניו, וועלכען איך האב אין אנהויב אווענט מיט מיינע שפיצלאד איינגעשמועסט צו טרינקען א סך, האט איצט שוין געטאשט די קארטען, געטיילט, אדער געשפילט מיט א ווילדער נערוועזער האלטונג, אין וועלכער, איך רעכען, זיין שכרות האט געקענט טיילווייז זיין שולדיג, אבער ניט אינגאנצען. אין א זעהר קורצער צייט איז ער מיר געווארען בעל־חוב אויף א גרויסע סומע געלט, און נעמענדיג א גרויסען זופ פארט־וויין, האט ער פונקט געטאן דאס, וואס איך האב קאלט ערווארט — ער האט פארגעשלאגען צו פארטאפלען אונזער שוין אזוי אויך גרויסע איינשטעל־געלט. מיט א גוט־געמאכטער מינע ווי איך וויל כלומר׳שט ניט, און ערשט דעמאלט, ווען מיין בסדר׳דיג אנטזאגען זיך האט פון איהם ארויסגערופען עטליכע בייזע ווערטער, וועלכע האבען כלומר׳שט געמאכט, אז איך גיב ניט נאך מיט׳ן גוטען ווילען,—ערשט דעמאלט האב איך צוגעשטימט. דער רעזולטאט, פארשטעהט זיך, איז געווען, אז דער פויגעל איז אינגאנצען אין מיין נעץ אריינגעפאלען: אין וועניגער ווי אין א שטונדע האט ער זיין חוב שוין פארפיערפאכט. א געוויסע צייט האט זיין געזיכט פארלארען דעם העל־

רויטען קאליר, וואס ער האט געקראגען פונ'ם וויין: אבער דערנאך, האב איך צו מיין דערשטוינונג באמערקט, אז ער איז געווארען שרעקליך בלאס. איך זאג: צו מיין דערשטוינונג. גלענדינינג, ווי איך בין פריהער געווען טשיקאווע נאכצופרעגען, איז פארגעשטעלט געווארען פאר זעהר א רייכען, און די סומען, וועלכע ער האט ביז אהער פארלארען, כאטש פאר זיך אליין זיי־נען זיי געווען זעהר גרויס, האבען, ווי איך האב זיך משער גע־ווען, פארט ניט געקענט זעהר ערנסט באאומרוהיגען, און געוויס ניט אזוי שטארק איהם אנריהרען. דער געדאנק וואס האט אויפ'ן שטעל געקאנט איינפאלען איז געווען, אז דאס האט איהם דער וויין אזוי געמאכט: און גיכער מיט'ן מיין איינהיטען די אייגענע רעפוטאציע אין די אויגען פון מיינע חברים, איידער צוליב וואסער ניט איז ווענינער פערזענליכען מאטיוו, האב איך שוין געהאלטען צו באשטעהן, פעסט אנטשלאסען, אויף דעם, אז מעהר זאלען מיר ניט שפילען, ערשט פון דער חברה האט מען מיר א שטוים געטאן עטליכע מאל אין עלענבויגען, און גלענדי־נינג אליין האט ארויסגעלאזען אן אויסגעשריי, וואס האט אויס־געדריקט פולשטענדיגע פארצווייפלונג, און דאס האט מיר נעגע־בען צו פארשטעהן, אז איך האב איהם אינגאנצען רואינירט אונ־טער אזעלכע אומשטענדען, אז ער דארף ארויסרופען צו זיך רחמנות אפילו פון דעם טייוועל אליין.

ווי עס האט איצט געקאנט זיין מיין האלטונג, איז שווער צו זאגען. דער קלעגליכער צושטאנד פון מיין קרבן האט אריינ־געווארפען אלעמען אין א געדריקטער שטימונג, און אייניגע מינוטען האט געהערשט א טיפע שטילקייט, אין פארלויף פון וועלכע איך האב ניט־ווילענדיג געפיהלט, ווי מיינע באקען ווערען רויט פון די פיעלע ברענענדיגע בליקען פון פאראכטונג, אדער פארוואורף, געווארפען אויף מיר פון די וועניגער צעלאזענע פון דער חברה. איך וועל אפילו צוגעבען, אז אן אומדערטרעג־ליכע משא פון זארג איז אויף א קורצע ווייל אראפ פון מיין ברוסט דורך די פלוצלונגע און אויסערגעוועהנליכע איבערהאקונג וואס איז געקומען נאכדעם. די ברייטע, שווערע פליגעל־טיר

פונ׳ם צימער איז מיט אמאל ברייט געעפענט געווארען מיט א שטארקען און ראשיגען אימפעט, וואס האט, ווי דורך א כישוף, אויסגעלאשען יעטווידע ליכט אין צימער. ביי זייער אויסגעהענדען שיין זיינען מיר אימשטאנד געווען צו באמערקען, אז א פרעמדער איזאריין, אן ערד פון מיין וואוקס, און גוט איינגעהילט אין א מאנ־טעל. אבער ס׳איז שוין געווען אינגאנצען פינסטער, און מיר האָ־בען נאר געקענט פ י ה ל ע ן , אז ער שטעהט צווישען אונז. ביז ווער פון אונז האט געקענט צו זיך קומען פון דער אויסערסטער דערשטוינונג, אין וועלכער די דאזיגע שטורעמדיגקייט האט אלע־מען אריינגעווארפען, האבען מיר דערהערט די שטימע פון דעם אומגעבעטענעם גאסט.

— מיינע הערען! — האט ער געזאגט אין א נידעריגען, קלארען און אומפארגעסליכען פ ל י ס ט ע ר , וועלכער האט דורכגעדרונגען ביז צום מארך פון מיינע ביינער, — מיינע הערען! איך אנטשולדיג זיך פאר מיין האנדלונג, ווייל פיהלענדיג אזוי ערפיל איך נאר א פליכט. איהר זייט, אהן צווייפעל, אומבאקאנט מיט דעם ריכטיגען כאראקטער פון דעם פארשוין, וועלכער האט היינט ביינאכט געוואונען אין écarté א גרויסע סומע געלט ביי לארד גלענדינינג. איך וועל דערפאר אייך געבען א שנעלען און זיכערען וועג ווי אזוי ארויסצוקריגען אט די זעהר נויטיגע אינפארמאציע. זייט אזוי גוט און קוקט איבער, ווען איהר האט צייט, אינוועניג דעם אונטערשלאג פון דעם מאנטעל פון זיין לינקען ארבעל און די עטליכע קליינע פעקלאך, וועלכע מען קען געפינען אין די עטוואס־גרעסמע קעשענעס פון זיין אויסגעשטיק־טען מארגען־ראק.

בעת ער האט גערעדט, איז די שטילקייט אזוי טיף געווען, אז מען האט געקענט הערען ווי א שפילקע פאלט ארונטער אויפ׳ן דיל. ענדיגענדיג, איז ער גלייך אוועקגעגאנגען, און אזוי פלוצ־לונג, ווי ער איז געקומען. קען איך, זאל איך באשרייבען מיינע געפיהלען? זאל איך זאגען, אז איך האב געפיהלט די אלע שרעקען פון גיהנום? זיכערער ווי אלץ, איך האב ווייניג צייט געהאט צו טראכטען. א סך הענט האבען מיך גראב אנגעכאפט

גלייך אויפ'ן אָרט, און עס איז צוריק באַלד ליכטיג געוואָרען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ זוכעניש. אין דעם אונטערשלאַג האָט מען געפונען אַלע פיגור־קאָרטען, וואָס ס'איז נויטיג אין écarté , און אין די קעשענעס פון מיין מאָרגען־ראָק — אַ צאָהל פּעקלאַך קאָרטען, וואָס זייערע פאַקסימילעס זיינען גע־ברויכט געוואָרען ביי אונזער שפּילען, מיט דער איינציגער אויס־נאַם, וואָס מיינע זיינען געווען פון דעם סאָרט, וואָס טעכניש רופט מען זיי arrondées : די גרעסטע טרומף־קאָרטען זיינען ליכט געווען קאָנוועקסירט ביי די ברעגען, די קלענערע קאָרטען ליכט קאָנוועקסירט ביי די זייטען. אין אַזאַ איינאָרדנונג, איז דער קרבן, וואָס הויבט אָפּ, ווי געוועהנליך, די קאָרטען אין דער לענג פון דעם פּעקעל, וועט בסדר מוזען אָפּהויבען פאַר זיין געגנער אַ גרויסע טרומף־קאָרט, אָבער דער אָפּעריסט, אָפּהויבענ־דיג די קאָרטען אין דער ברייט, וועט זיכער שוין ניט אָפּהויבען פאַר זיין קרבן אַזעלכע קאָרטען, וואָס זאָלען האָבען עפּעס אַ ווערדע ביים שפּילען.

דער גרעסטער אויסברוך פון צאָרן וואָלט מיר ווייניגער גע־האַרט, ווי די שטילע פאַראַכטונג, אָדער די סאַרקאַסטישע רוהיג־קייט, מיט וועלכע דאָס איז אויפגענומען געוואָרען, בעת מען האָט דאָס אויסגעפונען.

— מר. ווילסאָן, — האָט אונזער באַלעבאָס געזאָגט, איינ־בויענדיג זיך אויפצוהויבען פון אונטער זיינע פיס אַ זעהר, זעהר רייכען מאַנטעל פון זעלטענעם פוטער, — מר. ווילסאָן, דאָס איז אייער אייגענטום! — (דאָס וועטער איז געווען קאַלט, און ווען איך האָב פאַרלאָזען מיין צימער, האָב איך אַרויפגעוואָרפען אַ מאַנטעל איבער מיין שלאַפראָק, אויסטוענדיג עס צוריק ווען איך בין צוגעקומען צום פּלאַץ פון'ם שפּיל). — איך רעכען, עס איז איבעריג צו זוכען דאָ — (באַטראַכטענדיג די פאַלדען פון'ם בגד מיט אַ ביטערען שמייכעל) — וואָסערע ניט איז ווייטערע באַ־ווייזע פון אייערע קונץ־שטיק. ווירקליך, מיר האָבען געהאַט גענוג. איך האָף, איהר וועט געפינען פאַר נויטיג צו פאַרלאָזען אָקספאָרד. אַלענפאַלס, צו פאַרלאָזען גלייך מיין צימער.

דערשלאגען, דערנידעריגט ביז צום שטויב, ווי איך בין דאן געווען, איז עס ווארשיינליך, אז איך זאל ענטפערען גלייך אויף אט דער גאליגער שפראך מיט פערזענליכער גוואלדטאט, ווען אין דער רגע וואלט מיין גאנצע אויפמערקזאמקייט ניט אפגעצויגען געווארען פון א פאקט פון העכסט־דערשטוינענדען כאראקטער. דער מאנטעל, וואס איך האב געטראגען, איז געווען פון א זעלטענעם סארט פוטער: ווי זעלטען, ווי פארשווענדעריש קאסטבאר, וויל איך גארניט אויסזאגען. הייגט דער פאסאן איז געווען מיין אייגענע פאנטאסטישע ערפינדונג, ווארים אין אזעלכע פוסטע זאכען בין איך געווען איבערקלייבעריש ביז צו א זינלאזען גראד פון פראנטאוסטווע. און דעריבער, ווען מר. פרעסטאן האט מיר דערלאנגט דאס, וואס ער האט אויפגעהויבען פון דיל, לעבען דער פליגעל־טיר פונ'ם צימער, האב איך מיט א דערשטוינונג, וואס איז שיער ניט געווען נאהענט צו שרעק, באמערקט, אז מיין אייגענער מאנטעל הענגט שוין אויף מיין ארעם (וואו איך האב אהן צווייפעל ניט ווסענדיג עס ארויפגעלעגט), און אז יענער מאנטעל, וועלכען מען האט מיר דערלאנגט, איז נאר געווען א ריכטיגער דופליקאט פון מיינעם אין אלע, אפילו אין די מעגליכסט קלענסטע, פרטים. דער משונה'דיגער נפש וואס האט אזוי שוידערליך פון מיר ארונטערגעריסען די מאסקע, איז געווען איינגעהילט, ווי איך געדענק, אין א מאנטעל: און קיינער פון די איבעריגע חברים פון אונזער קאמפאניע, אחוץ מיר, האט אזא מאנטעל ניט געטראגען. קומענדיג עטוואס צו זיך, האב איך גענומען דעם מאנטעל, וואס פרעסטאן האט מיר דערלאנגט, האב עס אומבאמערקט ארויפגעווארפען איבער מיינעם, האב פארלאזען דאס צימער מיט אן אנטשלאסענער בייזער מינע פון טראציגקייט, און גלייך אויף מארגען, נאך איידער עס האט געגנומען טאגען, האב איך זיך שנעל געלאזען אין וועג אריין פון אקספארד נאכ'ן קאנטינענט, אין א פאלקאמענער אגאניע פון שרעק און שאנדע.

א י ך ב י ן א ו מ ז י ס ט א נ ט ל א פ ע ן. מיין שלימזל האט ווי טריאומפירענדיג מיך פארפאלגט, און ער האט

ווירקליד באוויזען, אז די אויסאיבונג פון זיין מיסטעריעזער הערשאפט האט זיד ערשט אנגעהויבען. איד האב קוים מיין פוס געשטעלט אין פאריז, האב איד שוין אפריהער געהאט א פרישען באווייז פון דעם אבשייליכען אינטערעס, וואס דער דאזיגער ווילסאן האט גענומען אין מיינע געשעפטען. יאהרען זיינען געפלויגען, און קיין שום דערלייזונג איז מיר ניט געקומען. לומפ! — ווי ניט אין דער צייט, דאד מיט וואס פאר א גייסטערהאפטער אומגעבעטענער פריינדשאפט ער האט זיד אין רוים געשטעלט צווישען מיר און מיין אמביציע! אין וויען אויד, אין בערלין און אין מאסקווע! וואו, אין דער אמת'ן, האב איד ניט געהאט קיין ביטערע אורזאד צו שילטען איהם אין מיין הארץ? פון זיין אומערפארשליכער טיראניי בין איד ענדליד אין טויט־שרעק געפלויגען ווי פון א מגפה, און צום סאמען עק וועלט ב י ז א י ד א ו מ ז י ס ט ג ע ל א פ ע ן.

און אבער אמאל און ווידער אמאל האב איד אליין ביי זיד געפרעגט: „ווער איז ער? פון וואנען איז ער געקומען? און וואס וויל ער?“ אבער איד האב קיין שום ענטפער ניט געפונען. היינט האב איד געפארשט, אויף א געוויסען אופן, די פארמען און די מעטאדען און די הויפט־שטריכען פון זיין חוצפה'דיגער השגחה. אבער אפילו אין דעם פרט האב איד ווייניג וואס געפונען אויף וואס צו בויען אן השערה. מען האט ווירקליד געקענט באמערקען, אז אין די אלע פיעלפאכע ביישפילען, אין וועלכע ער האט די לעצטע צייט זיד געשטעלט מיר אין וועג, האט ער זיד נאר געשטעלט, צו נישט צו מאכען יענע פלענער, אדער צו שטערען יענע האנדלונגען, וועלכע, אויב אויסגעפיהרט ביז צום סוף, וואלטען זיד געקענט ענדיגען שלעכט. דאס איז, באמת, א צרה'דיגע רעכטפערטיגונג פאר אן אויטאריטעט. אזוי העזה'דיג זיד גענומען! א צרה'דיגע פארגיטיגונג פאר נאטירליכע רעכט פון זעלבסט־טעטיגקייט, אזוי הארטנעקיג, אזוי באליידיגענד אוועקגערויבט!

איד האב אויד געמוזט באמערקען, אז מיין פייניגער האט פאר א זעהר לאנגע צייט (פארזיכטיג און מיט וואונדערבארער

געשיקטקייט אנהאלטענדיג זיין קאפריז צו טראגען די זעלבע קליי־
דער וואס איך) עס אזוי דערגרייכט אין זיין ארבייט צו שטע־
רען מיין ווילען אויף פארשיידענע אופנים, אז איך האב אויף
קיין איין מאמענט ניט געקענט זעהן זיינע געזיכטסציגען. זאל
ווילסאן זיין וואס ער איז — ד א ס וועניגסטענס איז נאר גע־
ווען דער סאמער שפיץ פון אויספיינערייי אדער נארישקייט. האט
ער אויף איין ווײלע געקענט זיך פארשטעלען, אז אין מיין בעל־
עצה פון איטאן, אין דעם צעשטערער פון מיין עהרע אין אקספארד,
אין דעם וואס האט געשטערט מיין אמביציע אין רוים. מיין
נקמה אין פאריז, מיין ליידענשאפטליכע ליבע אין נעאפעל,
אדער דאס, וואס ער האט פאלש אנגערופען מיין זשעדנעקייט אין
עגיפטען — אז אין די אלע, מיין ארכי־שונא און בייזער גייסט,
האב איך ניט געקענט דערקענען דעם ווילאם ווילסאן. פון מיינע
אינגעלשע שול־יאהרען, דעם נאמען־חבר, דעם קאמפאניאן, דעם
קאנקורענט פון דר. בראסבי'ס? אוממעגליך! אבער לאמיר זיך
איילען צו דער לעצטער געשעהנישפולער סצענע פון דער דראמע.

ביז אהער האב איך נאכלעסיג זיך אונטערגעגעבען צו זיין
חוצפה'דיגער אויבערהערשאפט. דאס געפיהל פון טיפער עהר־
פורכט, מיט וועלכען איך פלעג געוועהנליך באטראכטען דעם גע־
הויבענעם כאראקטער, די מאיעסטעטישע ווייזהייט, די שיינבארע
אל־אנוועזענהייט און אלמעכטיגקייט פון ווילסאנ'ען, היינט דער
צו נאך דאס געפיהל פון שרעק אפילו, מיט וועלכען געוויסע אנ־
דערע שטריכען פון זיין נאטור און אנגענומענע געשטאלטען האַ־
בען מיך אנגעפילט, האבען ביז אהער געארבייט אריינצוגעבען
אין מיר א געדאנק פון מיין אייגענער פאלשטענדיגער שוואכקייט
און הילפלאזיגקייט, און איינשמועסען מיך בלינד, כאטש שטארק
ווידערהוויליג, אונטערהווארפען זיך צו זיין מוטוויליגקייט. אבער
אין די לעצטע טעג האב איך זיך אינגאנצען אפגעגעבען צו וויין,
און זיין ווילדמאכענדער איינפלוס אויף מיין גע'ירשנ'טען טעמפע־
ראמענט האט מיך אלץ מעהר און מעהר פון געדולד ארויסגע־
בראכט. איך האב גענומען מורמלען, קווינקלען זיך, שטעלען זיך
אנטקעגען. און איז דאס נאר געווען אז איינבילדונג, וואס האט

מיר געמאַכט צו גלייבעז, אַז מיט'ן וואוקס פון מיין אייגענער שטאַרקייט, פאַלט פּראָפּאָרציאָנעל די שטאַרקייט פון מיין פיי־ניגער? נאָר ווי דאָס זאָל ניט זיין, איך האָב איצט אָנגע־הויבען צו פיהלען די אינספּיראַציע פון אַ ברענענדיגער האָפנונג, און ענדליך האָב איך טיף אין מיינע מחשבות אַרויסגעבראַכט אַ פעסטען און אַ פאַרצווייפעלטען באַשלוס, אַז מעהר וועל איך זיך שוין ניט לאָזען פאַרשקלאַפען.

דאָס איז געווען אין רוים, בעת'ן קאַרניוואַל פון —— 18, ווען איך בין אַנוועזענד געווען אויף אַ מאַסקאַראַד אין דעם פּאַלאַץ פון דעם נעאַפּאָליטאַנישען הערצאָג די־בראָגליאַ. איך האָב זיך נאָך שטאַרקער ווי אימער צוגעכאַפּט צום וויין־טיש, און דאַן די שטיקענדיגע אַטמאָספערע פון די געפּאַקטע צימערן האָט מיך געריייצט אָהן אַ שיעור און אָהן אַ ערך. אַ חוץ דעם, די שוועריג־קייט דורכצוקריכען דורך די לאַבירינטען פון דער געזעלשאַפט האָט צוגעגעבען ניט קיין ביסעל צו דער אויפרעגונג פון מיין גע־מיט, ווארים איך האָב געריג געזוכט (איך וועל ניט זאָגען, מיט וואָס פאַר אַ אומווירדיגען מאָטיוו) די יונגע, די לוסטיגע, די שעהנע ווייב פון דעם אַלטען עובר־בטל די־בראָגליאַ. מיט אַ צו געוויסענלאָזען צוטרויען האָט זי מיר פריהער נאָך פאַרטרויט דעם סוד, אין וואָס פאַר אַ קאָסטיום זי וועט זיין אָנגעטאָן, און איצט, דערזעהענדיג זי, האָב איך זיך געאיילט צוצוגעהן צו איהר. אין דער רגע האָב איך דערפיהלט, ווי אַ לייכטע האַנט האָט זיך אָוועקגעלעגט אויף מיין אַקסעל, און דערהערט האָט זיך יענער אייביג־אומפאַרגעסליכער, נידריגער פאַרדאַמטער פ ל י ס ט ע ר אין מיין אויער.

איז אַז אַבסאָלוטער ווילדקייט פון צאָרן, האָב איך זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם, וואָס האָט זיך מיר אַזוי אין וועג געשטעלט, און האָב איהם מיט רציחה אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָל־נער. ווי איך האָב ערוואַרט, איז ער געווען געקליידט פּונקט אין אַזאַ קאָסטיום ווי מיינער, טראָגענדיג אַ שפּאַנישען מאַנטעל פון בלויען סאַמעט, און אויף די לענדען אָנגעגורט אַ ראַפּיער אויף

א בלוט־רויטע גארטעל. א מאסקע פון שווארצן זייד האט אינ־
גאנצן פארדעקט זיין פנים.

— לומפ! — האב איך אויסגערופן מיט א שטימע הייזע־
ריג פאר צארן, און יעדע זילבע, וואס איך האב ארויסגערעדט,
האט געשיינט צו זיין נייער עהל אויפ'ן פייער, אויפצופלאקערן
מיין צארן, — לומפ! שווינדלער! פארפלוכטער באנדיט! קום
נאך מיר, אויב ניט, דערשטעך איך דיך אט דא וואו דו
שטעהסט! — און איך האב זיך א לאז געטאן פון באל־צימער
אין א קליין דערבייאיג פארצימער אריין, שלעפענדיג איהם מיט
זיך אהן ווידערשטאנד.

ארייננעהענדיג, האב איך איהם פון זיך א שליידער געטאן
מיט רציחה. מיט וואקעלדיגע טריט איז ער צוגעפאלען צום
וואנט, און איך האב דערווייל פארהאקט די טיר מיט א קללה,
און געהייסען איהם ציהען דעם שווערד. אויף איין ווייל האט
ער זיך געקווינקעלט: דערנאך אבער מיט א לייכטען זיפץ,
האט ער שטיל געצויגען דעם שווערד, צו פארטיידיגען זיך.

דער שטרייט איז ווירקליך קורץ געווען. וואס פאר א סארט
ווילדע אויפרעגונג ס'איז דא נאר אויף דער וועלט, בין איך דער־
מיט פול געווען, און איך האב געפיהלט אין מיין איין אייינצי־
גען ארעם די ענערגיע און די קראפט פון טויזענדער. אין עט־
ליכע סעקונדען האב איך מיט מיין כח אליין צוגעשפארט איהם
צו דער וואנט, און האבענדיג איהם אזוי אין מיינע הענט, האב
איך מיט א ברוטאלער רציחה ארייננעהאקט מיין שווערד, איין
מאל און א צווייטען מאל, דורך און דורך זיין ברוסט.

אין יענער רגע האט אימיצער א מאך געטאן מיט דער קליאמ־
קע פון טיר. איך האב אויף שנעל געמאכט, אז קיינער זאל ניט
קענען אריינגעהן, און דאן האב איך זיך גלייך צוריקגעקערט צו מיין
גוסס'ען געגנער. נאר וואס פאר א מענשליכע שפראך קען ריכ־
טיג איבערגעבען י ע נ ע דערשטוינונג, י ע נ ע ם שוידער,
וואס האט מיך באהערשט דערזעהענדיג דאס בילד? די קורצע
ווייל, וואס איך האב אפגעקערט מיינע אויגען, איז גענוג געווען

צו מאכן באשיינפּערליך א וויכטיגע ענדערונג אין דער איינארד־נונג פון דעם העכערען אדער ווייטערדיגען עק פון׳ם צימער. א גרויסער שפּיגעל — אזוי האָט צוערשט מיר אויסגעזעהן אין מיין צעמישונג — איז איצט געשטאַנען דאָרטען וואו מען האָט גאר פריהער קיין שפּיגעל ניט געזעהן: און ווען איך האָב גע־נומען געהן אהין אין דער גרעסטער שרעק, האָט מיין אייגענע געשטאַלט, אבער מיט געזיכטסציגען איינגאַנצען בלאַס און פאר־שפּריצט אין בלוט, זיך געלאַזען געהן צו מיר מיט א שוואַכען און וואַקעלדיגען טראָט.

אזוי האָט אויסגעזעהן, זאָג איך, אבער געווען איז דאָס ניט. דאָס איז געווען מיין געגנער — דאָס איז געווען ווילסאָן, וועל־כער איז דאַן געשטאַנען פאר מיר אין דער גסיסה פון זיין אויפ־לעזונג. זיין מאַסקע און מאַנטעל זיינען געלעגען דאָרט וואו ער האָט זיי א וואָרף געטאָן, אויפ׳ן דיל. קיין איין פּאָדים אין זיין גאַנצער קליידונג, קיין איין שטריך אין די אַלע בולט׳ע און איי־גענטימליכע שטריכען פון זיין געזיכט, אפילו אין דער אבסאָלוט־סטער אידענטיטעט, איז ניט געווען אין איהם, וואָס איז ניט געווען מ י י נ ס !

עס איז געווען ווילסאָן, אבער ער האָט שוין מעהר ניט גערעדט מיט א פליסטער, און איך האָב זיך געקענט פאָרשטע־לען, אז איך אַליין האָב גערעדט דאָס וואָס ער האָט געזאָגט:

— ד ו ה א ס ט ב א ז י ג ט , א ו נ א י ך ג י ב ז י ך א ו נ ט ע ר . ד א ך פ ו ן א י צ ט א ן ב י ס ט ד ו א ו י ך ט ו י ט — ט ו י ט פ א ר ד ע ר ו ו ע ל ט , פ א ר ׳ ן ה י מ ע ל א ו ן פ א ר ה א פ־ נ ו נ ג ! א י ן מ י ר ה א ס ט ד ו ג ע ט א ן ע ק־ ז י ס ט י ר ע ן , א ו ן א י ן מ י י ן ט ו י ט , ז ע ה א י ן א ט ד ע ר ג ע ש ט א ל ט , ו ו א ס א י ז ד י י ן א י י ג ע נ ע . ו ו י ג ע נ צ ל י ך ד ו ה א ס ט ז י ך א ל י י ן ד ע ר מ א ר ד ע ט !

דער וואלער פארטרעט

דער שלאס, וואוהין מיין דיענער האט זיך דערוועגט אריינגעהן אויפברעכענדיג די טיר, אום ניט צו לאזען מיך אין מיין פארצווייפעלטען פארוואונדעטען צושטאנד פארברענגען א נאכט אונטער'ן אפענעם הימעל, איז געווען איינע פון יענע גרויסע געביידעס פון צענויפגעמישטע חושכ'ניש און הערליכקייט, וועלכע זיינען אזוי לאנג פארכמורעט געשטאנען צווישען די אפענינען, ניט וועניגער אין דער ווירקליכקייט, ווי אין דער פאנטאזיע פון מרס. ראדקליף. איטליכער האט געקענט זעהן, אז עס איז צייטווייליג און זעהר ניט לאנג פארלאזען געווארען. מיר האבען זיך איינגעארדענט אין איינעם פון די קלענסטע און גאר ניט זעהר רייך צוגעקליבענע חדרים. עס איז געלעגען אין א ווייטען טורעם פון דער געביידע. די באפוצונגען זיינען געווען רייך, דאך אלט און אפגעריסען. די ווענט זיינען געווען באהאנגען מיט טאפעטען און באצירט מיט פיעלפאכיגע און פיעלפארמיגע וואפען־טראפעען, צוזאמען מיט אן אומגעוועהנליך גרויסער צאהל פון זעהר לעבהאפטע מאדערנע בילדער אין ראמען פון רייכע גאלדענע אראבעסקען. אין די דאזיגע בילדער, וואס זיינען ארונטערגעהאנגען פון די ווענט, ניט נאר אויף זייערע הויפט־אויבערפלעכען, נאר אויך אין זעהר א סך ווינקלען, וועלכע די פאנטאסטישע ארביטעקטור פונ'ם שלאס האט פאר נויטיג געמאכט — אין די דאזיגע בילדער האט, אפשר, מיין צעמישטקייט אין אנהויב געטריבען מיך טיף צו פאראינטערעסירען זיך. האב איך אלזא געהייסען פעדרא'ן פארמאכען די שווערע לאדען פונ'ם צימער — ווייל ס'איז דאך שוין געווען נאכט — אנצינדען די רעהרען פון א גרויסען קאנדעלאבער, וואס איז געשטאנען צוקאפען פון מיין בעט, און פארנאנדערעפענען ווייט און ברייט די פראנזיגע פארהאנגען פון שווארצען סאמעט, וועלכע האבען ארומגעהילט דאס בעט אליין. איך האב געוואלט, דאס אלעס זאל געטאן ווערען,

בכדי איך זאָל זיך קענען אָפּגעבען, אויב נים צו שלאָפען, איז ווענינסטענס צו באַטראַכטען דאָס איין בילד און דאָס אַן אַנדער בילד, און דורכצוקוקען אַ קליין ביכעל, וואָס איך האָב געפונען ליגענדיג אויפ׳ן קישען און וואָס האָט באַצוועקט צו קריטיקירען און צו באַשרייבען די בילדער.

לאַנג, לאַנג האָב איך געלייענט, און מיט ערנסט און מיט התמדה האָב איך געקוקט און געקוקט. שנעל און הערליך זיינען די שטונדען פאַרבייגעפלויגען, און די טיפע מיטען־נאַכט איז אָנגעקומען. עס איז מיר ניט געפעלען געווען, ווי דער קאַנדעלאַ־בער איז געשטאַנען, און אויסציהענדיג אַליין מיט שוועריגקייט מיין האַנט, אָבי ניט צו טשעפּען מיין דרעמלענדיגען דיענער, האָב איך עס אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז די שטראַלען זאָלען מעהר פאַלען אויפ׳ן בוך.

אָבער דאָס, וואָס איך האָב געטאָן, האָט גאָר געהאַט אַן אומ־ערוואַרטעטען עפעקט. די שטראַלען פון די סך ליכט (זיי זיינען געווען זעהר פיעל) זיינען איצט אַריינגעפאַלען אין אַ נישע פון׳ם צימער, וואָס איז ביז אַהער געווען איינגעהילט אין אַ טיפען שאָטען, צוליעב איינעם פון די פיסלאַך פון׳ם בעט. איך האָב דער־ווייל דערזעהן אין אַ לעבעדיגען ליכט אַ בילד, וואָס איך האָב גאָר פריהער ניט באַמערקט. עס איז געווען דער פּאָרטרעט פון אַ יונגער מיידעל, וואָס האָט זיך אין אַנטוויקלען אין אַ פרוי. איך האָב שנעל געכאַפּט אַ קוק אויפ׳ן בילד, און דאַן מיינע אויגען פאַרמאַכט. פאַרוואָס האָב איך דאָס געטאָן, איז צוערשט ניט געווען קלאָר אפילו פאַר מיין אייגענער השגה. אָבער פאַר דער צייט וואָס מיינע אויגען־דעקלאַך זיינען געבליבען אַזוי צוגע־מאַכט, האָב איך אין געדאַנק שנעל דורכגעטראַכט, וואָס פאַר אַ גרונד האָב איך געהאַט, זיי אַזוי צוצומאַכען. עס איז געווען אַן אימפּולסיווער צוג, אום צו געווינען צייט פאַר נאָכדענקען. צו איבערצייגען זיך, אַז מיין וויזיאָן האָט מיך ניט אָפּגענאַרט, צו באַרוהיגען און איינשטילען מיין פאַנטאַזיע, זי זאָל קענען ניכטערער און באַשטימטער באַטראַכטען. אין עטליכע מינוט אַרום האָב איך שוין ווידער געקוקט גלייך אויפ׳ן בילד.

אז איך האב איצט ריכטיג געזעהן — קען איך ניט און וועל ניט צווייפלען: ווארים דער ערשטער אפגלאנץ פון די ליכט אויף יענעם לייוונט האט געשיינט צו צעשפרייטען די טרוימע־רישע באוואוסטלאזיגקייט, וואס האט זיך גע'גנב'עט איבער מיינע חושים, און צוריקצושטויסען מיך גלייך צום וואכעדיגען לעבען.

דער פארטרעט, ווי איך האב שוין געזאגט, איז געווען פון א יונגער מיידעל. עס איז געווען נאר א קאפ און אקסלען, געמאכט אזוי, ווי מען רופט עס טעכניש אז, א ווינקעט שטייגער: פיעל אין דעם סטיל פון די באליבטע קעפ פון סאלי. די ארעמס, דעם בוזים, און אפילו די עקען פון די גלאנציגע האר, זיינען אומ־מערקבאר צעשמאלצען געווארען אין דעם אומקלארען, דאך טיפען שאטען, וועלכער האט געבילדעט דעם הינטערגרונד פון גאנצען. די ראם איז געווען אוואל, רייך באגולדעט און פיליגרירט אין מ א ר ע ס ק. אלס א קונסטווערק, האט ניט געקענט זיין וואונדערבארער, ווי דאס בילד אליין. אבער עס האט ניט געקענט זיין די אויספיהרונג פון דער ארבייט און אויך ניט די אומ־שטערבליכע שעהנקייט פון'ם געזיכט, וואס האט מיך אזוי פלוצ־לונג און אזוי שטארק געריהרט. וועניגער פון אלעם האט עס געקענט זיין, אז מיין פאנטאזיע, אויפגעטרייסעלט פון איהר האלב־דרעמעל, זאל מיינען, אז דאס איז דער קאפ פון א לעבע־דיגען מענשען. איך האב גלייך געזעהן, אז די זונדערבארקייטען פון דער צייכענונג, פון דער ווינ'עט־ארבייט און פון דער ראם, האבען אויפ'ן שטעל געמוזט פארטרייבען אזא געדאנק, געמוזט אפילו ניט אויף א מאמענט דערלאזען אזא געדאנק. טראכטענדיג ערנסט איבער די דאזיגע פונקטען, בין איך פאר אפשר א שטונדע צייט געבליבען האלב־זיצענדיג, האלב אנגעלעהנט, מיט מיינע אויגען צוגעשמידט צום פארטרעט. ענדליך, צופרידענשטעלענדיג זיך מיט דעם ריכטיגען סוד פון זיין ווירקונג, בין איך צוריקגעפא־לען אין בעט. איך האב געפונען דעם צויבער פון'ם בילד אין אן אבסאלוטער ל ע ב ע נ ס ־ ע ה נ ל י כ ק י י ט פון אויסדרוק, וואס, צוערשט האט מיך דערשטוינט, און צולעצט צעמישט, באַ־זיגט און דערשראקען. מיט טיפער עהרפורכט האב איך איועק־

געשטעלט דעם קאַנדעלאַבער צוריק אויף זיין פריהערדיגען אָרט. אַזוי איז די אורזאַך פון מיין טיפער אויפרעגונג אַוועקגענומען געוואָרען פון מיינע אויגען, און איך האָב גערינג געזוכט דאָס ביכעל, וואָס האָט באַהאַנדעלט די בילדער און זייער געשיכטע. ווענדענדיג זיך צו דעם נומער, וואָס האָט באַצייכענט דעם אָוואַלען פּאָרטרעט, האָב איך געלייענט די אומקלאָרע און זונדערבאַרע ווערטער, וועלכע קומען דאָ:

„זי איז געווען אַ מיידעל פון זעלטענסטער שעהנקייט, און ניט אַזוי ליבליך, ווי פול מיט לעבען. און שלימזל'דיג איז געווען די שטונדע, ווען זי האָט דערזעהן דעם מאָלער, ליב געקראָגען איהם און חתונה געהאַט. ער — לייִדענשאַפטליך, איבערגעגעבען, ערנסט, און שוין געהאַט אַ ווייב — זיין קונסט. זי — אַ מיידעל פון זעלטענסטער שעהנקייט, און ניט אַזוי ליבליך ווי פול מיט לעבען: אינגאַנצען ליכט און שמייכעל, און שטיפעריש, ווי אַ יונג הירשעל: ליבט און לאַשטשעט יעט־ווידע זאַך: האַסט נאָר די קונסט, וועלכע איז איהר קאָנקורענטקע געווען: ציטערט נאָר פאַר דאָס מאָלברעטעל און די פּענזלען און אַנדערע אומפריינדליכע געצייג, וועלכע האָבען פון איהר אַוועקגערויבט דאָס געזיכט פון איהר געליבטען. עס איז דאַרום געווען אַ שרעקליכע זאַך פאַר דער דאָזיגער פרוי צו הערען דעם מאָלער רעדענדיג פון זיין וואונש צו מאַכען אַ פּאָרטרעט אפילו פון זיין יונגער ווייב אויך. אָבער זי איז געווען קליינהאַלטיג און געהאָרכזאַם, און זי איז וואָכענלאַנג געזעסען הכנעה'דיג אין דעם טונקעלען הויכען טורעם־צימער, וואו דאָס ליכט האָט געטריפט אויפ'ן בלאַסען לייוועגט נאָר פון איבער'ן קאָפּ. אָבער ער, דער מאָלער, האָט זיך גרויס געהאַלטען מיט זיין אַרבייט, וועלכע איז געוואַקסען פון שטונדע צו שטונדע און פון טאָג צו טאָג. און ער איז געווען אַ לייִדענשאַפטליכער און אַ ווילדער און אַ קאַפּריזנער מענש, וועלכער איז פאַרדאַרבען געוואָרען פון הוליאַנקעס: האָט ער אַלזאָ ניט געוואָלט זעהן, אַז דאָס ליכט, וואָס איז אַזוי טויטליך־בלאַס געפאַלען אין יענעם איינזאַמען טורעם, האָט גע'פּטר'ט דאָס געזונד און גייסט פון זיין ווייב,

וועלכע איז אזוי שטארק אויסגעגאנגען נאך איהם. דאך האט זי געשמייכעלט און געשמייכעלט, ניט באקלאגענדיג זיך, ווייל זי האט געזעהן, אז דער מאלער (וועלכער איז געווען זעהר באריהמט) האט געהאט א גרויסען פארגעניגען פון זיין ארבייט. און ער האט געארבייט טאג און נאכט, אום צו מאלען זי, וואס האט איהם אזוי ליעב, דאך וואס ווערט פון טאג צו טאג אלץ מעהר אראפגעשלאגען פון מוט און אפגעשוואכט. און אין דער אמת, ווער עס האט א קוק געטאן אויפ'ן פארטרעט, האט אין שטילע ווערטער גערעדט פון דער עהנליכקייט, ווי פון א געוואלדיגען וואונדער, און א באווייז, ניט אזוי פון דער קראפט פונ'ם מאלער, ווי פון זיין טיפער ליבע פאר איהר, וועלכע ער האט געמאלען אזוי אויסגעצייכענט. אבער, צום סוף, ווען די ארבייט האט זיך אלץ מעהר דערנעהנטערט צו איהר ענדע, איז שוין מעהר קיינער ניט ארייגעלאזען געווארען אינ'ם טורעם, ווארים דער מאלער איז ווילד געווארען מיט דעם אייפער פון זיין ארבייט, און האט זעלטען ווען אפגעקערט זיינע אויגען פונ'ם לייווענט, אפילו א קוק צו טאן אויף זיין ווייב'ס פנים. און ער האט *ניט געוואלט* זעהן, אז די קאלירען, וועלכע ער האט אויסגעגאסען אויפ'ן לייווענט, זיינען ארויסגעצויגען געווארען פון די באקען פון דער, וואס איז לעבען איהם געזעסען. און ווען א סך וואכען זיינען אוועק, און עס איז נאך ווייניג איבערגעבליבען צו טאן, אחוץ איין שמיר איבער'ן מויל און איין קאליר איבער'ן אויג, האט דער גייסט פון דער פרוי צוריק א פלאטער געטאן, אזוי ווי דער פלאם אין שפאלט פון דעם לאמפ. און דאן האט ער געגעבען דעם שמיר און אוועקגעלעגט דעם קאליר, און פאר איין ווייל איז דער מאלער אין עקסטאז געשטאנען פאר דער ארבייט, וועלכע ער האט געענדיגט; אבער באלד, נאך אלץ אנקוקענדיג, האט ער גענומען ציטערען און איז געווארען זעהר בלאס און דערשראקען, און שרייענדיג הויך אויפ'ן קול: „דאס איז ווירקליך דאס לעבען אליין!" — האט ער זיך פלוצלונג אפגעקערט צו באטראכטען זיין געליבטע: *זי איז שוין געווען טויט!*"

די מארדען אויף דער מארג־גאס.

„וואס פאר א ליד עס האבען די סירענען געזונגען, אדער וואס פאר א נאמען עס האט אכילעס זיך געגעבען, בעת ער האט זיך באהאלטען צווישען פרויען, כאטש דאס זיינען שווערע פראגען, פונדעסטוועגען קען מען זיי טרעפען“.—

ס ע ר ט א מ א ס ב ר א ו ן.

די גייסטיגע שטריכען, פון וועלכע עס רעדט זיך אלס אנאליטישע, זיינען אין זיך אליין, קנאפ־וואס מסוגל פאר אנא־ליז. מיר שעצען זיי אפ נאר אין זייער ווירקונג. מיר וויסען פון זיי, צווישען אנדערע זאכען, אז זיי זיינען פאר דעם וואס האט זיי, אויב ער האט זיי אהן א שיעור, אימער א קוואל פון דער העכסטער פרייד. פונקט ווי דער שטארקער מאן פרעהט זיך זעהר מיט זיין פיזישער קראפט הנאה האבענדיג ופון אזעלכע אי־בונגען, וועלכע מאכען טעטיג זיינע מוסקולען, אזוי איז דער אנאליטיקער מלא שמחה מיט דער מאראלישער אקטיוויטעט וואס פ ל א נ ט ע ר ט פ א נ א נ ד ע ר. ער האט פארגעניגען אפילו פון די אומוויכטיגסטע באשעפטיגונגען, אין וועלכע ער קען נאר ארויסווייזען זיין טאלענט. ער איז פארקאכט אין רעטעני־שען, שפיעלען. היערא־גליפען, און צו יעדען מאל טרעפען ווייזט ער ארויס א געוויסען גראד שארפזין, וואס פאר דעם געוועהנליכען מענשען זעהט דאס אויס אויסערנאטירליך. זיינע רעזולטאטען, וועלכע ווערען דערגרייכט דורכ'ן סאמען תוך און תמצית פון מעטאדע, האבען אין דער אמת'ן אינגאנצען דעם אויסזעהן פון אינטואיציע.

די פעהיגקייט צו לייזען פראבלעמען ווערט מעגליך פיעל

פארשטארקט דורך מאטעמאטישען שטודיום, און איבערהויפט דורך יענעם העכסטען צווייג פון מאטעמאטיק, וועלכער איז מיט אומרעכט, און צוליעב די רעטראגראדע אפעראציעס, אנגערופען געווארען, אזוי ווי פאר עקסעלאנס, אנאליז.

אבער אויסרעכענען הייסט נאך ניט אנאליזירען. א שאך־שפילער, צום ביישפיעל, טוט דאס ערשטע, ניט נעמענדיג זיך די מיה צו טאן דאס צווייטע. פאלגליך איז דאס שאך־שפיל, אין דעם אופן ווי עס ווירקט אויפ'ן גייסטיגען כאראקטער, היבש מיספארשטאנען. איך שרייב איצטער ניט קיין וויסענשאפטליכע אפהאנדלונג, נאר באאבאכטונגען, מעהרסטענס סתם אזוי, אלס הקדמה צו אן עטוואס זונדערבארער דערצעהלונג. איך וויל זיך דערפאר באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו באהויפטען, אז די העכערע קרעפטען פון דעם רעפלעקטיווען אינטעלעקט ווערען אויף אן אנטשיידענדען און ניצליכען אופן אנגעווענדט אין דעם ניט־פרעטענדיעזען שפיל פון דאמקעס, איידער אין דער גאנצער קונ־ציגער פוסטקייט פון שאך. אין דעם לעצטען, וואו די פיגורען האבען פארשיידענע און משונה'דיגע גאנגען, מיט אלערליי און אומ־באשטענדיגע באדייטונגען, און דאס וואס איז בלויז קאמפליצירט ווערט על פי טעות אנגענומען (ניט קיין אומגעוועהנליבער טעות) פאר טיפזיניגקייט. די א ו י פ מ ע ר ק ז א מ ק י י ט שפילט דא די שטארקסטע ראליע. אויב מען פארלירט דעם מוט אויף איין ווייל, פארזעהט מען א גאנג, און דאס פיהרט שוין צו א פארלוסט אדער א נידערלאגע. אזוי ווי די מעגליכע גאנגען זיינען ניט נאר פיעלפאך, נאר אויך פארפלאנטערט, ווערען די שאנסען צו פארזעהן א גאנג פארפיעלפאכט: און אין ניין פעלען פון צעהן איז דער געווינער דער וואס איז מעהר קאנצענטרירט איי־דער דער שארפזיניגער שפילער. אין דאמקעס אבער פארקעהרט. וואו די גאנגען זיינען מעהר איינציג און האבען זעהר ווניג פאר־שיידענהייט, זיינען די וואהרשיינליכקייטען פון מאכען א פאר־זעהן קלענער, און אזוי ווי די הוילע אויפמערקזאמקייט בלייבט פארהעלטניסמעסיג ניט אנגעווענדט, ווערט דער פארצוג, וואס איין צד קריגט איבער'ן צווייטען, דערגרייכט דורך העכערן

שאַרפזין. צו זיין ווייניגער אַבסטראַקט: לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַ שפּיל פון דאַמקעס, וואו פון די פּעשקעס איז גע־וואָרען פיער קעניגען, און וואו, פאַרשטעהט זיך, קיין פאַרזעהן קען נישט זיין. עס איז קלאָר, אַז דאָ קען דער זיג אַנטשיידען ווערען (ווען די שפּילערס זיינען צוויי גלייכע קרעפטען) נאָר דורך אַ קונציגען גאַנג, אויף וועלכען מען האָט באַזונדערס שטאַרק גע־דאַרפט אָנשטרענגען דעם מוח. באַרויבט פון די געוועהנליכע מיטלען, וואַרפט זיך דער אַנאַליטיקער אַריין אין דעם גייסט פון זיין אָפּאָנענט, אידענטיפיצירט זיך דערמיט, און ניט זעלטען זעהט ער אַזוי, מיט איין קוק, די איינציגע מעטאָדען (אָפטמאָל ווירקליך נאַריש־איינפאַכע), דורך וועלכע ער קען אַריינפיהרען אין אַ טעות אָדער אַריינכאַפּען אין אַ פאַלשער אויסרעכענונג.

וויסט איז פון לאַנג געווען באַריהמט פאַר זיין איינפלוס אויף דאָס, וואָס מען רופט אויסרעכענונגס־קראַפט, און מענ־שען פון העכסטען גראַד אינטעלעקט, איז באַוואוסט, פלעגען דאַכט זיך אומדערקלערבאַר, הנאה האָבען פון וויסט, אויסמיידענדיג שאַך אַלס אַ פּוסטע שפּיל. עס איז קיין שום ספק, אַז עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ זאַך, וואָס זאָל פאָדערן אַזוי פיעל די פעהיגקייט פון אַנאַליז. דער בעסטער שאַך־שפּילער אויף דער וועלט קאָן זיך קענען אַ ביסעל מעהר ווי דער בעסטער שפּילער אין שאַך; אָבער קענטשאַפט אין וויסט מיינט פעהיגקייט פאַר ערפאָלג אין די אַלע מעהר וויכטיגע אונטערנעמונגען, וואו שכל קעמפט מיט שכל. ווען איך זאָג „קענטשאַפט“, מיין איך יענע פאַרפאָלקאָמונג אין׳ם שפּיל, וואָס נעמט אַריין אין זיך דאָס באַגרייפען פון אַל׳די קוועלען, פון וואַנען מען קען ציהען לעגיטימע נוצען. די דאָזיגע זיינען ניט נאָר פיעל אין צאָהל, נאָר אויך פיעל אין פאָרמען, און זיי ליגען אָפט צווישען די טיפקייטען פון געדאַנק, וועלכע זיינען לגמרי ניט צוגענגליך פאַר׳ן געוועהנליכען פאַרשטאַנד. צו באַ־אָבאַכטען אויפמערקזאַם מיינט צו געדענקען קלאָר. און, אַזוי ווייט, וועט דער קאָנצענטראַטיווער שאַך־שפּילער אויך קענען גוט שפּילען וויסט, אַזוי לאַנג ווי די רעגלען פון האָיל (אַליין באַזירט אויף דעם הוילען מעכאַניזם פון׳ם שפּיל) זיינען גענייגענד און אַל־

געמיין באגרייפליך. אלזא, צו האבען א שטארקען זכרון און אנ־צוגעהן „נאכ'ן בוך" זיינע פאקטען, אלגעמיין באטראכט אלס דער סך־הכל פון גוט שפילען. אבער עס איז נאר אין זאכען, וואס געהען אריבער די גרענצען פון הוילע רעגלען, וואו די קונסט פון דעם אנאליטיקער ווייזט זיך ארויס. שטילערהייד מאכט ער זיך מאסען באאבאכטונגען און אויספיהרונגען. דאס זעלבע טוען אפשר אויך זיינע קאמפאניאנען, און דער אונטערשייד אין דעם סכום פון די ידיעות, וואס מען קריגט, ליגט ניט אזוי פיעל אין דער ריכטיגקייט פון דער אויספיהרונג ווי אין דער קוואליטעט פון דער באאבאכטונג. נויטיגער פאר אלעם דארף מען וויסען ו ו א ס צו באאבאכטען. אונזער שפילער באשרענקט זיך גאר־ניט: אויך ניט, ווייל דאס שפיל איז דער צוועק, פארווארפט ער דעריבער אויספיהרונגען פון זאכען, וואס זיינען אינערליך ניט פארבונדען מיט'ן שפיל. ער באטראכט דאס אויסזעהן פון זיין שותף, פארגלייכענדיג עס פארזיכטיג מיט'ן אויסזעהן פון איט־ליכען פון זיינע געגנער. ער באטראכט ווי אזוי די קארטען ווע־רען סארטירט אין איטליכער האנט, און נאך די אויגען דערקענט ער, וויפיעל טרומפען יענער האט און וויפיעל גרויסע טרומף־קאר־טען. ער באמערקט יעטווידע ענדערונג פון געזיכט בעת דאס שפיל געהט אן, זאמלענדיג אן אוצר פון געדאנקען פון די פאר־שיידענהייטען אין דעם אויסדרוק פון זיכערקייט, איבערראשונג, נצחון, אדער פארדרוס. צוקוקענדיג זיך גוט, ווי איינער נעמט איין די קארטען, אורטיילט ער, צי יענער קען עס טאן נאך א מאל מיט'ן זעלבען פארב קארטען, שפילט איינער מיט אן אנשטעל, דער־קענט ער עס נאך דער מינע, ווי אזוי יענער גיט א ווארף די קארט אויפ'ן טיש. א צופעליג אדער נאכלעסיגווארט: אז עס פאלט צופעליג אראפ א קארט, אדער עס קערט זיך איבער, און מען קימערט זיך דערביי אדער מען קימערט זיך ניט צו פארשטעלען עס, אז מען זאל עס ניט באמערקען: דאס צעהלען פון די שטי־כען, מיט דעם סדר ווי מען צולעגט זיי: פארלעגענהייט, קווענק־לען זיך, היציגקייט אדער שרעקעדיגקייט — דאס זיינען פאר זיין שיינבאר אינטואיטיווער השגה אלץ סמנים, וואס צייגען איהם,

וואו די ריכטיגע לאַגע האַלט. די ערשטע צוויי־דריי גאַנגען אָפּ־געשפּילט, ווייסט ער שוין, וואָס יעדערער האָט אין האַנט, און פון דאַן אָן לעגט ער אַרויס זיינע קאַרטען מיט אַזאַ אַבסאָלוטער גענויאיגקייט פון צוועק, גלייך ווי די איבעריגע פון דער קאָמפּאַ־ניע וואָלטען אויסגעקערט צו איהם זיינע קאַרטען.

די אַנאַליטישע קראַפט זאָל מען ניט צעמישען מיט איינפאַ־כער שאַרפזיניגקייט, ווארום בעת דער אַנאַליטיקער איז נויטווענ־דיגערוייז שאַרפזיניג, איז אָבער דער שאַרפזיניגער מענש אָפט מערקווירדיג אומפעהיג צו אַנאַליזירען. די קאָנסטרוקטיווע אָדער קאָמבינירענדע קראַפט, דורך וועלכער שאַרפזיניגקייט ווייזט זיך געוועהנליך אַרויס, און פאַר וועלכער דער פרענאָלאָג (איך גלויב, אַז דורך אַ טעות) האָט באַשטימט אַ באַזונדער אָרגאַן, זיך פאַר־שטעלענדיג אַז דאָס איז אַ פּרימיטיווע פעהיגקייט, האָט זיך אַזוי אָפט אַרויסגעזעהן ביי יענע, וועמעס אינטעלעקט האָט אין אַנ־דערע אופנים זיך געגרענעצט מיט אידיאָטסטווע, אַז דאָס האָט צוגעצויגען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט פון שרייבער איבער מאָראַל־פילאָזאָפיע. צווישען שאַרפזיניגקייט און אַנאַליטישער פעהיגקייט איז ווירקליך דאָ אַ פיעל גרעסערער אונטערשייד, ווי צווישען דעם איינבילדען זיך און דעם פאַרשטעלען זיך, אָבער פון אַ זעהר שטאַרק אַנאַלאָגישען כאַראַקטער. מען קען אין דער אמת'ן אויסגעפינען, אַז די שאַרפזיניגע זיינען אימער איינגעביל־דעט, און די מענשען וואָס זיינען אמת רייך אין פאַרשטעלונגען, זיינען אימער נאָר אַנאַליטיש.

די דערצעהלונג, וואָס קומט דאָ איצט וועט אויסזעהן פאַר'ן לעזער אַזוי ווי אַ מין פירוש אויף די נאָר־וואָס אַרויסגעבראַכטע פּראָפּאָזיציעס.

דעם פריהלינג און אַ טייל פון זומער פון יאָהר ——— 18, וואָס איך האָב געוואוינט אין פּאַריז, האָב איך געשלאָסען באַ־קאַנטשאַפט מיט אַ מאָסיע אַגיוסט דיופּען. דער דאָזיגער יונ־גער מאַן האָט געשטאַמט פון אַ גרויסאַרטיגער, ווירקליך פון אַ חשוב'ער משפּחה, נאָר איבער פאַרשיידענע אומגינסטיגע אומ־שטענדען, איז ער אַזוי פאַראָרימט געוואָרען, אַז די ענערגיע פון זיין

כאראקטער איז באגראבען געווארען אונטער דער ארימקייט, און ער האט אויפגעהערט צו טאן עפעס פאר זיך אויף דער וועלט אדער צו קימערען זיך וועגען צוריקקריגען זיין פארמעגען. דורך דער גוטס־קייט פון זיינע קרעדיטארען איז פאר איהם איבערגעבליבען א קליין רעשטעל פון זיין ירושה, און מיט׳ן איינקונפט, וואס דאס האט איהם ארייגעטראגען, האט ער, שטארק עקאנאמיזירענדיג, באוויזען דורכצושלאגען זיך דאס וויכטיגסטע, וואס מען דארף אין לעבען, ניט קימערנדיג זיך וועגען מותרות. ביכער, דאס איז ווירקליך געווען זיין איינציגער לוקסוס, און אין פאריז קען מען זיי לייכט קריגען.

דאס ערשטע מאל האבען מיר זיך געטראפען אין א פינסטע־רער ביבליאטעק אויף דער מאנטמארטר־גאס, וואו דער צופאל, וואס מירביידע האבען געזוכט א זעהר זעלטען און זעהר מערק־ווירדיג בוך, האט אונז געבראכט אין ענגערער פארבינדונג. מיר האבען געזעהן זיך ווידער אמאל און אבער א מאל. איך בין טיף פאראינטערעסירט געווארען אין דער קליינער פאמיליען־געשיכטע, וועלכע ער האט מיר דערצעהלט מיט אלע איינצעלהייטען, מיט דער גאנצער אפענהערציגקייט, וואס א פראנצויז ווייזט ארויס, ווען עס האנדעלט זיך נאר וועגען דער אייגענער פערזאן. איך בין אויך דערשטוינט געווארען זעהענדיג, ווי שטארק אנגעלעזען ער איז, און מעהר פון אלעם, האב איך געפיהלט, ווי מיין נשמה ווערט אין מיר אנגעצונדען פון דעם ווילדען ברען און דער לעבעדי־גער פרישקייט פון זיין פאנטאזיע. זוכענדיג אין פאריז די צוועק־קען, וואס איך האב דאן געזוכט, האב איך געפיהלט, אז די געזעל־שאפט פון אזא מאן וועט זיין פאר מיר אן אומשאצבארער אוצר, און דאס דאזיגע געפיהל האב איך איהם אפען פארטרויט. צום סוף איז אפגעמאכט געווארען, אז מיר זאלען וואוינען צוזאמען די צייט, וואס איך דארף זיין אין שטאט: און אזוי ווי מיינע מאטעריעלע אומשטענדען זיינען געווען עטוואס וועניגער צרה׳דיג, ווי זיינע, האב איך מיר ערלויבט דאס פארגעניגען צו דינגען א דירה, און אויסמעבלירען זי אין א סטיל, ווי עס האט געפאסט פאר דער העכסט פאנטאסטישער געדריקטער שטימונג פון אונ־

זער ביידענ׳ס טעמפעראמענט, א חרוב׳דיג און משונה׳דיג הויז, וואס איז שוין לאנג פארלאזען געווארען איבער אבערגלויבענס, וועגען וועלכע מיר האבען זיך ניט געקימערט נאכצופרעגען, און וואס האט געהאלטען ביי איינפאלען, איז א פארווארפענעם און איינזאמען טייל פון דער פארשטאט סט. זשערמען.

וואלט די וועלט געוואוסט פון דער רוטינע פון אונזער לעבען, וואלטען מיר באטראכט געווארען פאר משוגעים, כאטש, אפשר, פאר ניט קיין געפעהרליכע משוגעים. מיר זיינען געוועזען פאל־שטענדיג אפגעזונדערט פון דער וועלט. מיר האבען קיינעם ניט אריינגעלאזען צו אונז. ווירקליך, דעם ארט פון אונזער צוריק־געצויגענקייט האב איך געהאלטען שטארק בסוד אפילו פון מיינע פריהערדיגע באקאנטע, און ס׳איז שוין א סך יאהרען געוועזען, ווי דיופען האט אויפגעהערט צו קענען וועמען אדער צו זיין באקאנט אין פאריז. מיר האבען עקזיסטירט נאר אין אונז גופא.

עס איז געוועזען א שגעון ביי מיין פריינד (ווארום ווי אנדערש זאל איך עס רופען?) צו זיין פארליבט אין דער נ א כ ט, פאר־ליבט לשמה, און אין דער דאזיגער זונדערבארקייט, פונקט ווי אין אלע אנדערע זונדערבארקייטען זיינע, בין איך שטיל אריינגעפא־לען, איבערגעבענדיג זיך צו זיינע ווילדע קאפריזען מיט א פול־שטענדיגער גלייכגילטיגקייט. די פינסטערע געטליכקייט האט ניט אימער געוואוינט מיט אונז, אבער מיר האבען געקענט פעלשען איהר אנוועזענהייט. א בליאסק אויף טאג, אזוי פלעגען מיר גלייך פארמאכען די אלע שווערע לאדענס פון אונזער אלטע געביידע: האבען אנגעצונדען א פאר חלב׳נע ליכטלאך, וועלכע, שטארק שמע־קענדיג, האבען געווארפען נאר די בלייכסטע און שוואכסטע שטראַ־לען, וואס מען קען זיך פארשטעלען. מיט דער הילף פון אט די ליכטלאך האבען מיר דאן באשעפטיגט אונזערע זעלעם מיט טרוי־מען — געלייענט, געשריבען אדער געשמועסט, ביז דער זייגער האט אונז אנגעזאגט, אז די אמת׳ע פינסטערניש קומט אן. דאן האבען מיר זיך ארויסגעלאזט אין די גאסען, ארעם אין ארעם, פארטזעצענדיג די געשפרעכען פון טאג, אדער ארומשליאענדיג זיך ווייט און ברייט ביז שפעט אין דער נאכט, זוכענדיג צווישען

די ווילדע ליכט און שאטענס יענע אומענדליכקייט פון גייסטיגער התפעלות, וואס רוהיגע באאבאכטונגען קענען געבען.

אין אזעלכע צייטען האב איך ווילענדיג ניט־ווילענדיג געמוזט באמערקען און באוואונדערן (באטש פון דער דאזיגער רייכער אי־דעאליטעט בין איך געווען גרייט עס צו ערוואַרטען) א מאָדנע אנאליטישע פעהיגקייט אין דיופען׳ען. עס האט אויסגעזעהן, אז ער אויך האט שטארק הנאה, אויב ניט גאר צו ארויסווייזען דאס, אין צו פראקטיצירען דאס, און ער האט גארניט געלייקענט, אז ער האט דערפון הנאה. ער האט זיך פאר מיר באריהמט, מיט א שטילען איינגעהאלטענעם געלעכטער, אז פאר איהם טראגען דאס רוב מענשען פענסטער אין זייערע הערצער, און ער פלעגט באשטע־מיגען אזעלכע באהויפטונגען מיט דירעקטע און העכסט־דערשטוי־נענדע באווייזען. וויסענדיג מיינע פארבארגענסטע זאכען. זיין האלטען זיך אין די דאזיגע מאמענטען איז געווען קאלט און אב־סטראקט; זיינע אויגען האט געפעהלט אויסדרוק, און זיין שטי־מע, אזוי א רייכער טענאר, האט זיך פארריסען אין א סאפראן, וואס וואלט געקלונגען חוצפה׳דיג, ווען ניט די מיושב׳דיגקייט און קלארקייט פונ׳ם אויסדרוק. באאבאכטענדיג איהם אין דער דאזי־גער שטימונג, האב איך אפט נאכדענקענדיג זיך אפגעשטעלט אויף דער אלטער פילאזאפיע פון דער צוויי־פאכיגער זעלע, און האב מיך אמוזירט מיט דער פארשטעלונג פון א טאפעלטען דיופען — דעם שאפענדען און דעם אויפלעזענדען.

זאל מען זיך ניט משער זיין פון דעם וואס איז ערשט גע־זאגט געווארען, אז איך דערצעהל דא עפעס א געהיימניס אדער טראכט אויס עפעס א מעשה. דאס וואס איך האב באשריבען אין דעם פראנצויז, איז געווען בלויז דער רעזולטאט פון א אויפ־גערעגטען, אדער אפשר פון א קראנקהאפטען פארשטאנד. נאר אום צו האבען א בעסערען באגריף, ווי אזוי ער פלעגט טרעפען זאכען, וויל איך דא בעסער ברענגען א ביישפיל.

איינמאל ביינאכט האבען מיר געשפאצירט איבער א לאנגער שמוציגער גאס, ארום דער „פאלע ראיאל“. אזוי ווי מיר זיינען ביידע, מסתמא, געווען פארנומען מיט אונזערע געדאנקען, האט

קיינער פון אונז ניט ארויסגערעדט קיין איין זילבע, וועניגסטענס פאר פופצעהן מינוטען צייט. פּלוצלונג האט דיופּען א זאג געטאן:

— ער איז זעהר א קליינער יונג, דאס איז אמת, און ער וואלט בעסער געפּאסט פאר'ן „טעאטער דע וואריעטע".

— עס קען קיין שום צווייפעל אין דעם ניט זיין, — האב איך געענטפערט ניט־וויסענדיג, און צוערשט גארניט באמערקענדיג (אזוי שטארק בין איך געווען ארייגגעטאן אין מיינע רעיונות) דעם אויסערגעווהנליכען אופן, ווי אזוי דער רעדנער האט זיך אריינגעריסען אין מיינע געדאנקען. אין א אויגענבליק בין איך צו זיך געקומען, און מיין דערשטוינונג איז געווען טיף.

דיופּען! — האב איך ערנסט זיך אנגערופען — דאס קען איך שוין גארניט פארשטעהן. וואס זאל איך לייקענען, איך בין איבערראשט, און איך קען קוים גלויבען מיינע חושים. ווי אזוי איז דאס מעגליך געווען, דו זאלסט וויסען, אז איך טראכט וועגען — ?

דא האב איך זיך אפּגעשטעלט, אום צו דערגעהן אהן א שום ספק, צו ער האט ווירקליך געוואוסט, וועגען וועמען איך האב געטראכט.

— וועגען שאנטילי, — האט ער געזאגט, — וואס האסטו זיך אפּגעשטעלט? דו האסט אליין באמערקט צו זיך, אז זיין פּיצינקע פיגור קליידט איהם ניט פאר טראגעדיע.

דאס איז טאקע געווען דער ענין, וועגען וואס איך האב געטראכט. שאנטילי איז געווען פריהער א שוסטער אויף דער גאס סט. דעני, און דערנאך, ווערענדיג משוגע פאר דער ביהנע, האט ער פּרובירט שפּילען די ראליע פון קסערקסעס אין קרעביליאנ'ס אזוי־גערופענער טראגעדיע, און איז וויים און ברייט אויסגעלאכט געווארען פאר זיין מאטערן זיך.

— זאג מיר אויס, אום הימעל'ס ווילען, — האב איך אויסגעשריען, — די מעטאדע, אויב דא א י ז א מעטאדע, ווי אזוי האסטו געקענט אראפּלאזען זיך טיף אין מיין נשמה וועגען אט דעם ענין?

פאקטיש בין איך געווען זאגאר מעהר איבערראשט, ווי איך וואלט עס געקענט אויסדריקען.

— דאס איז געווען דער פרוכט־הענדלער, — האט מיין פריינד געענטפערט, — וואס האט דיך געבראכט צום שלוס, אז דער וואס פארריכט פאדעשוועס איז ניט גענוג די הויך פאר קסערקסעס et id genus omne

— דער פרוכט־הענדלער! דו דערשטוינסט מיך! איך ווייס גארניט פון קיין פרוכט־הענדלער.

— דער מאן, וועלכער איז אנגעלאפען אויף דיר, בעת מיר זיינען אריין אין דער גאס. דאס האט געמוזט זיין מיט א פופצעהן מינוטען פריהער.

איצטער האב איך זיך דערמאנט, אז ווירקליך א פרוכט־הענדלער, טראגענדיג אויפ'ן קאפ א גרויסען קארב עפעל, האט שיער מיך ניט אומגעווארפען על פי סיבה, בעת מיר זיינען אריבער פון דער גאס ס——— אויף דער גאס, וואו מיר זיינען געשטאנען; אבער וואס האט דאס געהאט צו טאן מיט שאנטילי'ן, דאס האב איך ניט געקענט פארשטעהן.

עס איז ניט געווען קיין ברעקעל שארלאטאנסטווע אין דיופען'ן.

— איך וועל דערקלערען, — האט ער געזאגט, — און כדי דו זאלסט אלץ קלאר פארשטעהן, וועלען מיר אפריהער איבערגעהן דעם גאנג פון דיינע געדאנקען, פון דער רגע אן, וואס איך האב גערעדט צו דיר ביז דער באגעגעניש מיט'ן פרוכט־הענדלער, וועגען וועלכען עס האנדעלט זיך דא. די גרעסטע רינגעלאך פון דער קייט לויפען אזוי: שאנטילי, אריאן, דר. ניקאלס, עפיקורוס, סטערעאטאמיע, די שטיינער פון גאס, דער פרוכט־הענדלער.

עס זיינען דא ווייניג מענשען, וואס האבען ניט ווען עס איז אין זייער לעבען געהאט דאס פארגעניגען צו איבערגעהן די טריט, דורך וועלכע עס זיינען דערגרייכט געווארען באזונדערע שלוסען פון זייערע אייגענע געדאנקען. דאס איז אן ארבייט, וואס איז אפט פול מיט אינטערעס, און דער וואס פרובירט עס צום ערשטען

מאַל, איז דערשטוינט דורך דעם אויגענשייניך גרענעצלאָזען שטח און אומצוזאַמענהאַנג צווישען דעם אָנהויב־פּונקט און דעם ציל. היינט ווי גרויס האָט געמוזט זיין מיין איבעררואשונג, ווען איך האָב געהערט דעם פראַנצויז רעדענדיג דאָס וואָס ער האָט ערשט געזאָגט, און ווען איך האָב געמוזט באַשטעטיגען, אַז ער האָט געזאָגט דעם אמת. ער האָט גערעדט ווייטער:

— מיר האָבען גערעדט פון פערד, אויב איך געדענק עס ריכטיג, פּונקט איידער מיר האָבען פאַרלאָזען די גאַס ם——. דאָס איז געווען דער לעצטער ענין, וועגען וועלכען מיר האָבען גערעדט. ווען מיר זיינען אַריבער אין דער אַנדער גאַס, האָט אַ פרוכטהענדלער מיט אַ גרויסער קאָרב אויף זיין קאָפּ, אַ שאַר טוענדיג זיך שנעל פאַרביי אונז, אַ וואָרף געטאָן דיך אויף אַ קופּע ברוקשטיינער, אָנגעלעגט אויף אַ פּלאַץ, וואו מען האָט געהאַלטען אין פאַרריכטען דעם ברוק. דו האָסט אַרויפגעטראָטען אויף איינם פון די צעוואָרפענע שטיקלאַך, האָסטו זיך אויסגעגליטשט, לייכט אַ לונק געטאָן דיין קנעכעל, האָסט אויסגעזעהן צו זיין געערגערט אָדער ברוגז, האָסט אַרויסגעמורמעלט עטליכע ווערטער, אַ קער געטאָן זיך אַ קוק צו געבען אויף דער קופּע, און דאַן ביסטו זיך ווייטער געגאַנגען שטיל דיין וועג. איך בין ניט געווען באַזונדערס אויפמערקזאַם צו דעם, וואָס דו האָסט געטאָן, אָבער די לעצטע צייט איז ביי מיר געוואָרען אַ מין נויטווענדיגקייט צו באָאָבאַכטען.

— דו האָסט געהאַלטען דיינע אויגען צו דער ערד, קוקענדיג מיט אַ בייזען אויסדרוק אויף די לעכער און שפּאַלטען אין דעם ברוק (אַזוי, אַז איך האָב געזעהן, דו טראַכסט נאָך פון די שטיינער), ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ קליין געסעל, וואָס רופט זיך לאַמאַרטין, וואָס איז געווען פאַר אַן עקספּערימענט געברוקירט מיט קלעצלעך, צוגעפּעסטיגט איינע אויף די אַנדערע. דאָ האָט דיין פּנים אויפגעשיינט, און באַמערקענדיג ווי דיינע ליפּען באַוועגען זיך, האָב איך קיין שום צווייפעל ניט געהאַט, אַז דו האָסט אַרויסגעמורמעלט דאָס וואָרט „סטערנעאָטאָמיע“, אַ טערמין, מיט וועלכען מען רופט כלומר׳שט אַזא דעם סאָרט ברוק. איך

האב געוואוסט, אז דו האסט ניט געקענט זאגען צו זיך „סטערנע־
אטאמיע“, ניט טראכטענדיג א פריהער וועגען אטאמען, און אויף
אזא אופן שוין אויך פון די טעאריעס פון עפיקורוס; און אזוי
ווי, בעת מיר האבען דיסקוטירט דעם דאזיגען ענין ניט לאנג צו־
ריק, האב איך דיר דערמאנט, ווי מערקווירדיג, דאך ווי וועניג בא־
מערקבאר, די אומבאשטימטע השערות פון יענעם נאבעלען גריך
זיינען באשטעטיגט געווארען אין דער שפעטערדיגער נעבולארער
קאסמאגאניע. האב איך געפיהלט, אז דו האסט ניט געקענט אוים־
מיידען ניט ווענדענדיג דיינע אויגען ארויפצוצו, צום גרויסען נע־
בעל־פלעק אין דעם אריאן, און איך האב געוויס ערווארט, אז דו
וועסט אזוי טאן. דו האסט ארויפגעקוקט, און איך בין איצט
געווען זיכער, אז איך האב פינקטליך נאכגעפאלגט דיינע טריט.
אבער אין יענער ביטערער טיראדע אויף שאנטילי, וואס איז ער־
שינען אין נעכטיגער „מיוסע“, האט דער סאטיריקער, מאכענדיג
אייניגע שענדליכע אנצוהערענישען אויף דעם וואס דער שוסטער
האט געענדערט דעם נאמען שפילענדיג די טראגעדיע, ציטירט א
לאטיינישע שורה, וועגען וועלכער מיר האבען אפט גערעדט. איך
מיין די שורה Perdidit antiquum litera prima sonum.

איך האב דיר געזאגט, אז דאס איז געווען אין באצוג צו א ר י א ן,
וואס פלעגט פריהער געשריבען ווערען א ו ר י א ן; און פון
געוויסע שטעכעדיגע אנצוהערענישען, וואס זיינען פארבונדען מיט
דער דאזיגער דערקלערונג, האב איך געוואוסט, אז דו האסט דאס
ניט געקענט פארגעסען. עס איז דארום געווען קלאר, אז דו
וואלסט ניט פארפעהלען צו פארבינדען די צוויי באגריפען פון
אריאן און שאנטילי. אז דו האסט זיי פארבונדען, דאס האב
איך געזעהן אין דעם אופן פון דעם שמייכעל, וואס איז דורכגע־
גאנגען איבער דיינע ליפען. דו האסט געטראכט וועגען דעם קרבן
פון דעם ארימען שוסטער. ביז אהער ביזטו געגאנגען איינגע־
בויגען, אבער דערנאך האב איך געזעהן, ווי דו האסט זיך אויס־
געצויגען אין דיין פולען וואוקס. איך בין דאן געווען זיכער,
אז דו האסט געטראכט וועגען דער פיצינקער פיגור פון שאנטילי.
דא האב איך איבערגעהאקט דיינע געדאנקען מיט דער באמערקונג,

היות ער איז טאקע זעהר א קליין מענשעלע אט דער שאנטילי, וואלט ער בעסער געפּאסט פאר'ן „טעאטער דע וואריעטע“.

ניט לאנג נאכדעם האבען מיר דורכגעקוקט אן אוועקט־אוים־גאבע פון דער „גאזעט דע טריבונא“, ערשט די פאלגענדע פּאראַגראפען האבען צוגעצויגען אונזער אויפמערקזאמקייט:

„אויסערגעוועהנליכע מארדען. — היינט פריה, ארום דריי א זייגער, זיינען די איינוואוינער פון דעם קווארטאל סט. ראש אויפגעוועקט געווארען פון שלאף דורך שרעקליכע געשרייען, וואס זיינען געקומען איינס נאכ'ן אנדערן, ווי עס זעהט אוים, פון דעם פערטען שטאק פון א הויז אויף דער מארג־גאס, וואו, ווי עס איז געווען באוואוסט, עס האבען אויסשליסליך געוואוינט איינע א מאדאם ל'עספּאנאי, און איהר טאכטער מאדמואזעל קאמיל ל'עספּאנאי. נאך א ביסעל שהיות, צו־ליב דעם פרובטלאזען פארזוך צו קענען אריינקומען אויפ'ן גע־וועהנליכען וועג, איז דער טויער אויפגעבראכען געווארען מיט א ברעכשטאנג, און אכט אדער צעהן שכנים זיינען אריין, באגלייט פון צוויי זשאנדארען. די געשרייען האבען דאן אויפגעהערט, אבער ווען די קאמפּאניע האט זיך ארויפגעכאפּט אויפ'ן ערשטען שטאק, האבען זיך דערהערט צוויי אדער מעהר גראבע שטימען קריגענדיג זיך. און עס האט געשיינט, אז די קולות געהען פון דעם אויבערשטען טייל פון הויז. ווען זיי זיינען ארויף אויפ'ן צווייטען שטאק, האבען אט די קולות אויך אויפגעהערט, און אלעס איז געווארען לגמרי שטיל. די קאמפּאניע האט זיך צעשפּרייט און איז געלאפען פון צימער צו צימער. אנקומענדיג אין א גרויסען הינטערשטען צימער אויפ'ן פערטען שטאק (פון וועלכען די טיר איז אויפגעריסען געווארען מיט געוואלד, ווייל זי איז געווען פאר־שלאסען מיט'ן שליסעל פון אינווייניג), האט מען דארט דערזעהן א בילד, וואס האט יעדען אנגעזענדען אי אויפגעשוידערט אי דערשטוינט.

„די וואוינונג איז געווען אין דער ווילדסטער אומארדנונג — דאס מעבעל צעבראכען און צעווארפען אין אלע זייטען. עס איז געווען נאר איין בעט־געשטעל, און דאס בעט אליין איז

געווען ארויסגענומען און אוועקגעווארפען אויפ'ן מיטען דיל. אויפ'ן שטול איז געלעגען א גאל־מעסער, באשמירט מיט בלוט. אויפ'ן פריפעטשאק איז געלעגען צוויי אדער דריי לאנגע דיקע לאַקען פון גראהע מענשליכע האר, אויך באשמירט מיט בלוט, און ווי עס שיינט זיינען זיי געווען אויסגעריסען מיט די ווארצלען. אויפ'ן דיל האט מען געפונען פיער נאפאלעאנס, אן אויער־רינגעל פון טאפאז, דריי גרויסע זילבערנע לעפעל, צוויי קלענערע פון מעטאל־ד'אלזשער, און צוויי זעקלעך, וואו עס איז געלעגען נאָהענט פון פיער טויזענד פראנק אין גאלד. די שופלאדען פון א קאמאד, וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל, זיינען געווען אפען, און ווי עס זעהט אויס, באַרויבט, כאטש א סך זאכען איז נאך דארט געבליבען ליגען. א קליינער אייזערנער געלד־שראנק איז געפונען געווארען אונטער'ן ב ע ט (ניט אונטער'ן בעט־געשטעל). עס איז געווען אפען, און דער שליסעל האט נאך געשטעקט אין טיר־רעל. דארטען איז קיין זאך ניט געווען, א חוץ עטליכע אלטע בריעף און אנדערע פאפירען פון קנאפער וויכטיגקייט.

„פון מאדאם ל'עספאנאי האט זיך קיין שום שפור ניט געזעהן; אבער אזוי ווי מען האט באמערקט מאדנע פיעל סאזשע אין דעם קאמין, האט מען גענומען זוכען אין קוימען, און (ס'איז שוידערליך צו דערצעהלען) דער טויטער קערפער פון דער טאכטער, מיט'ן קאפ אראפ, איז פון דארטען ארויסגעשלעפט געווארען; עס איז אזוי גאנץ ווייט ארייגעשטופט געווארען אין דער שמאלער לאך. דער קערפער איז געווען גאנץ ווארים. עקזאמענירענדיג עס, האט מען באמערקט אין א סך פלעצער אפגעשונדען די הויט: קיין צווייפעל, אז דאס איז געקומען פון דעם וואס מען האט דאס דורכגעשפארט מיט רציחה און ארויסגענומען. אויפ'ן פנים איז געווען א סך שטארקע דראפען, און אויפ'ן האלז שווארצע סימנים פון וואונדען און טיף אריינגעלאזענע נעגעל פון פינגער, אזוי ווי די פארשטארבענע וואלט דערווארגען געווארען אויף טויט.

„נאך א גרינדליכער אונטערזוכונג פון יעדען טייל פונ'ם הויז, און מעהר גארנישט געפינענדיג, איז די קאמפאניע אריין אין א

קליינעם געברוקירטען הויף הינטען פון דער געביידע, וואו עס איז געלעגן דער טויטער קערפּער פון דער אלטער פרוי, מיט איהר האלז אזוי שטארק איינגעשניטען, דאס ביי א פארזוך אויפצוהויבען זי, איז דער קאפּ ארונטערגעפאלען. דער קערפּער פונקט ווי דער קאפּ, איז געווען שרעקליך צעקאליעטשעט — דער קערפּער אזוי צעקאליעטשעט, אז ס'איז קוים געבליבען א סימן פון א מענשען.

„צו דער דאזיגער שוידערליכער געהיימניס, גלויבען מיר, איז נאך דער מינדסטער שפּור ניטא".

אויפ'ן אנדערען טאג האט די צייטונג געהאט צוגעגעבען די דאזיגע איינצעלהייטען:

„די טראגעדיע אויף דער מאָרגּ גאס. — א סך פארשוינען זיינען אויסגעפרעגט געווארען בנוגע דער דאזיגער אויסערגעוועהנליכסטער און שוידערליכסטער אפּערע" (דאס ווארט „אפּערע" האט נאך ניט אין פראנקרייך די לייכטזיניגקייט פון באדייטונג, וואס דאס דריקט ביי אונז אויס), אבער עס איז גארנישט ארויסגעקומען עפּעס וואס זאל ווארפען אויף דעם ליכט. מיר גיבען דא אונטען אל'דאס וויכטיגע עדות־זאגען וואס מען האט ארויסגעקראגען.

„פּאלין דיובורג, א וועשעריז, זאגט עדות, אז זי האט געקענט ביידע פארשטארבענע פאר דריי יאהר צייט, וואשענדיג פאר זיי פאר דער צייט. די אלטע פרוי און איהר טאכטער האבען געשיינט צו לעבען גוט צווישען זיך — זעהר איבערגעגעבען איינע צו דער אנדערער. זיי זיינען געווען אויסגעצייכענטע צאהלער. זי קאן גארנישט זאגען בנוגע זייער ארט לעבען אדער זייערע מיטלען. זי רעכענט, אז מאדאם ל. האט געמאכט א לעבען פון וואהרזאגעריי. מען האט געזאגט, אז זי האט געקליבען געלט. זי האט קיינמאל ניט געטראפען קיין פערזאנען אין הויז, בעת זי פלעגט קומען נאך די גרעט אדער אפּברענגען. זי איז זיכער, אז ביי זיי איז ניט געווען קיין דיענסט. ווי עס שיינט, איז קיין מעבעל ניט געווען אין קיין שום טייל פון דער געביידע, אויסער אויפ'ן פערטען שטאק.

„פ י ע ר מ א ר א , א טאבאק־הענדלער, זאגט עדות, אז ער פלעגט פארקויפען צוביסלעד טאבאק און שמעק־טאבאק צו מאדאם ל'עספאנאי פאר א משך פון נאהענט פיער יאהר. איז געבארען געווארען אין דער נאכבארשאפט, און האט שטענדיג גע־וואוינט דארטען. די פארשטארבענע און איהר טאכטער האבען באוואוינט דאס הויז, וואו די טויטע קערפערם זיינען געפונען גע־ווארען, פאר איבער זעקס יאהר. פריהער איז דאס געווען פאר־נומען פון א יאוועליר, וועלכער האט ארויסגעגעבען פון זיך די אויבערשטע צימערן צו פארשיידענע פערזאנען. דאס הויז איז געווען דאס אייגענטום פון מאדאם ל. איהר איז ניט געפעלען געווארען, ווי אזוי איהר שכן האלט די וואוינונג, האט זי זיך אליין ארייגעקליבען, ניט וועלענדיג פארדינגען קיים שום טייל. די אלטע פרוי איז געווען קינדעריש. דער עדות האט געזעהן די טאכטער א פינף־זעקס מאל פאר די זעקס יאהר צייט. די צוויי האבען געלעבט א העכסט צוריקגעצויגענעם לעבען — מען האט געזאגט, אז זיי האבען געלט. ער האט געהערט, שכנים פלעגען רעדען, אז מאדאם ל. איז א וואהרזאגערין — ער האט דאס ניט געגלויבט. ער האט קיינמאל ניט געזעהן א מענש זאל אריין אין הויז, אחוץ די אלטע פרוי און איהר טאכטער, א משרת איינמאל אדער צוויי מאל און א דאקטאר, עפעס א מאל אכט אדער צעהן.

„פיעלע אנדערע פערזאנען, שכנים, האבען עדות געזאגט וועגען דער זעלבער זאך. קיינער האט ניט דערצעהלט וועגען האבען באזוכט דאס הויז. עס איז אויך ניט געווען באקאנט, צי מאדאם ל. און איהר טאכטער האבען עפעס געהאט פארבינדונגען מיט וועמען. די לאדען פון די פאדערשטע פענסטער זיינען זעלטען געווען אפען. די פון די הינטערשטע זיינען אימער געווען צוגעמאכט, מיט דער אויסנאם פון דעם גרויסען הינטערשטען צימער אויפ'ן פערטען שטאק. דאס הויז איז געווען א גוט הויז — ניט זעהר אלט.

„א י ס י ד א ר מ י ו ס ע , א זשאנדאר, זאגט עדות, אז מען האט איהם גערופען צום הויז ארום דריי

א זייגער פארטאג, און ער האט געפונען א צוואנציג אדער דריי־סיג פארשויןביים טויער, מאטערנדיג זיך אריינצוגעהן. ער האט דאס ענדליך אויפגעבראכען מיט א באיאנעט — ניט מיט א ברעד־שטאנג. ער האט געהאט קנאפ וואס שוועריגקייט צו עפענען דאס, ווייל עס איז געווען א טאפעלטער אדער צוזאמענגערוקטער טויער, און איז ניט געווען פארריגעלט ניט אונטען, ניט אויבען. די גע־שרייען האבען זיך נאך אלץ געהערט, ביז דאס טויער איז אויפ־געבראכען געווארען — און דאן פלוצלונג אויפגעהערט. עס האט געשיינט צו זיין געשרייען פון א פערזאן (אדער פערזאנען) אין גרויס אגאניע — זיי זיינען געווען הויך און צעצויגען, ניט קורץ און שנעל. דער עדות האט אלעמען געפיהרט אויבען ארויף. אויפ'ן ערשטען שטאק, האט ער געהערט צוויי שטימען, הויך און בייז קריגענדיג זיך, — איינע איז געווען א גראבע שטימע, די צווייטע פיעל שארפער, זעהר א מאדנע שטימע. ער האט געקאנט דערקענען איינציגע ווערטער פון דער ערשטער, וועלכע איז געווען די שטימע פון א פראנצויז. ער איז געווען זיכער, אז עס איז ניט געווען די שטימע פון א פרוי. ער האט געקאנט כאפען די ווער־טער "Sacre" און "Diable" די שארפע, שניידענדיגע שטימע איז געווען פון אן אויסלענדער. ער איז ניט זיכער, צי עס איז געווען די שטימע פון א מאן אדער פון א פרוי. ער האט ניט געקאנט דערגעהן וואס פאר א ווערטער די שטימע האט געזאגט, אבער ער גלויבט, אז די שפראך איז געווען שפאניש. דער צו־שטאנד פונ'ם צימער און פון די קערפערס איז געשילדערט געווא־רען פון דעם דאזיגען עדות אזוי ווי מיר האבען עס נעכטען בא־שריבען.

„אנרי דיאוואל, א שכן, און נאך דער ארבייט א זילבערשמיד, זאגט עדות, אז ער איז געווען איינער פון דער קאמ־פאניע, וואס איז די ערשטע אריין אין הויז. ער באשטעטיגט בכלל דאס וואס מיוסע האט געזאגט. גלייך ווי זיי זיינען אריין, האבען זיי צוריק פארמאכט די טיר, אום צוריקהאלטען דעם עולם, וואס איז זעהר שנעל אנגעלאפען, ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס עס איז געווען אזוי שפעט. דער שארפער קול, רעכענט דער

עדות, איז געווען פון אַן איטאַליענער. ער איז זיכער, אַז עס איז נישט געווען קיין פראַנצויז. ער איז נישט זיכער, אויב עס איז געווען אַ מאַנ'ס שטימע. עס קען זיין, אַז עס איז געווען אַ פרוי'ס. ער איז באַקאַנט מיט דער איטאַליענישער שפּראַך. ער האָט נישט געקאָנט כאַפּן די ווערטער, אָבער פון דער אינטאָנאַציע איז ער געווען איבערצייגט, אַז דער רעדנער איז געווען אַן איטאַליענער. ער האָט געקענט מאַדאַם ל. און איהר טאָכטער. ער האָט אָפט גערעדט מיט זיי ביידען. ער איז זיכער, אַז דער שאַרפער קול איז נישט געווען קיינער'ס פון די פאַרשטאָרבענע.

„אָדענהיימער, אַ רעסטאָראַטאָר. דער דאָזיגער האָט זיך אַליין אָנגעשלאָגען אַלס עדות. אַזוי ווי ער רעדט נישט קיין פראַנצויזיש, האָט מען איהם אויסגעפרעגט דורך אַ דאָלמעטשער. איז אַ געבאָרענער פון אַמסטערדאַם. איז פאַרביינגעגאַנגען דאָס הויז בעת די געשרייען האָבען זיך געהערט. זיי האָבען געדויערט עטליכע מינוטען — וואַהרשיינליך צעהן. זיי זיינען געווען לאַנג און הויך — זעהר אימה'דיג און יאָמערליך. ער איז געווען איינער פון די, וואָס זיינען אַריין אין דער געביידע. האָט באַשטעטיגט די פריהערדיגע עדות אין אַלע הינזיכטען, אַ חוץ איינס. ער איז זיכער, אַז דער שאַרפער, שניידענדיגער קול איז געווען פון אַ מאַן — פון אַ פראַנצויז. ער האָט נישט געקאָנט כאַפּען די ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגערעדט געוואָרען. זיי זיינען געווען הויך און שנעל אַרויסגערעדט — נישט גלייך — אַרויסגערעדט מסתמא אין שרעק און אויך אין צאָרן. דער קול איז געווען האַרט — נישט אַזוי שניידענדיג ווי האַרט. ער קען עס נישט אָנרופען אַ שניידענדיגע שטימע. דער גראָבער קול האָט נאָכאַנאַנד געזאָגט "sacré", "diable" און איין מאָל "Mon Dieu".

„זשול מיניאַ, אַ באַנקיר, פון דער פירמע „מיניאַ און די זיהן". פון דער גאַס דעלאָרען. ער איז דער עלטערער מיניאַ. מאַדאַם ל'עספּאַנאַי האָט געהאַט אַ ביסעל אייגענטום. זי האָט געעפענט אַ קאָנטאָ אין זיין באַנק הויז אין פריהלינג פונ'ם יאָהר — (מיט אַכט יאָהר פריהער). האָט אָפט אַריינגעלעגט געלט אין באַנק אין קליינע סומען. האָט גאָרנישט נישט אַרויסגענו־

מען ביז׳ן דריטען טאָג פאַר איהר טויט, ווען זי האָט אַליין אַרוים־גענומען די סומע פון פיער טויזענד פראַנק. די דאָזיגע סומע איז אויסגעצאָהלט געוואָרען אין גאָלד, און אַן אַנגעשטעלטער איז געשיקט געוואָרען אהיים מיט׳ן געלט.

„אַ ד אָ ל ף ל ע ב אָ ן , אַן אַנגעשטעלטער ביי „מיניא און די זיהן״, זאָגט עדות, אַז אין יענעם טאָג, ארום האַלבען טאָג, האָט ער באַגלייט מאַדאַם ל׳עספּאַנאי צו איהר וואוינונג, מיט די פיער טויזענד פראַנק, אַריינגעלעגט אין צוויי זעקלעך. ווען ס׳איז געעפענט געוואָרען די טיר, איז מאַדמואַזעל ל. אַרוים און צוגענומען ביי איהם פון האַנט איין זעקעל, און דאָס צווייטע זעקעל האָט צוגענומען די אַלטע פרוי. ער האָט זיך דאַן פאַרנייגט און איז אוועק. ער האָט קיין שום מענשען ניט געזעהן אין גאַס צו יענער צייט. עס איז אַ זייטיגע גאַס —— זעהר פאַרוואָרפען.

„ו ו י ל י אַ ם ב ו י ר ד , אַ שניידער, זאָגט עדות, אַז ער איז געווען איינער פון דער קאָמפּאַניע, וואָס איז אַריין אין הויז. איז אַן ענגלענדער. האָט געוואוינט אין פּאַריז צוויי יאָהר. איז געווען איינער פון די ערשטע אַרויפצוגעהן די טרעפּ. האָט געהערט די קולות קריגענדיג זיך. דער גראָבער קול איז געווען פון אַ פראַנצויז. אייניגע ווערטער האָט ער דערנסמאָל געכאַפּט, אָבער ער קען זיי איצט אַלע ניט געדענקען. ער האָט אויסדריק־ליך געהערט “sacré” און “Mon Dieu” אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ קול, אַזוי ווי עטליכע מענשען וואָלטען זיך גע־שלאָגען — אַ קול ווי מען שלאָגט זיך און מען ראַנגעלט זיך. די שניידענדיגע שטימע איז געווען זעהר הויך — העכער ווי די גראָ־בע שטימע. ער איז זיכער, אַז עס איז ניט געווען די שטימע פון אַן ענגלענדער. עס האָט געשיינט צו זיין די שטימע פון אַ דייטש. אפשר איז עס געווען אַ פרויען־שטימע. ער פאַרשטעהט ניט קיין דייטש.

„פיער פון די אויבען־אַנגערופענע עדות, ווען מען האָט זיי ווידער גערופען, האָבען עדות געזאָגט, אַז די טיר פון דעם חדר, וואו עס איז געפונען געוואָרען דער קערפּער פון מאַדמואַזעל ל. איז געווען פאַרשפּאַרט פון אינווייניג, בעת די קאָמפּאַניע איז צו־

געקומען. אלץ איז געווען פאלשטענדיג שטיל — קיין שום קרעכץ אדער גערויש. ווען מען האט אויפגעבראכען די טיר, האט מען קיינעם ניט געזעהן. די פענסטער, אי פון דעם הינטערשטען אי פון דעם פאדערשטען צימער, זיינען געווען ארונטערגעלאזען און פעסט צוגעמאכט פון אינווענינ. א טיר צווישען די צוויי חדרים איז געווען פארמאכט, אבער ניט פארשלאסען. די טיר, וואס האט געפיהרט פון פאדער־צימער אין קארידאר אריין, איז געווען פארשלאסען, מיט'ן שליסעל אריינגעשטעקט פון אינווענינ. א קליין צימער אין דער פאדער־זייט פונ'ם הויז, אויפ'ן פערטען שטאק, ביים אנפאנג פון דעם קארידאר, איז געווען אפען — די טיר האלב אפען. דאס דאזיגע צימער איז געווען אנגעפאקט מיט אלטע בעטען, קעסטלעך, א. אז. וו. אט די אלע זאכען האט מען פארזיכטיג ארויסגענומען און ארומגעזוכט. עס איז ניט געווען קיין איין שפאן פון וואסער ניט איז טייל פונ'ם הויז, וואס איז ניט ארומגעזוכט געווארען פארזיכטיג. מען האט מיט בעזימער די קוימענס אויסגעקערט הין און צוריק. דאס הויז איז געווען א פיער שטאקיג מיט דאך־שטיבלעך (מאנסארדעס). א פאל־טיר אויפ'ן דאך איז געווען גאנץ שטארק צוגענעגעלט — עס האט ניט אויסגעזעהן, אז מען זאל עס האבען געעפענט יאהרען־לאנג. די צייט, וואס איז אריבער צווישען דעם הערען די קולות פון די, וואס האבען זיך געקריגט און דעם אויפברעכען פון דער טיר פון צימער, איז פון די עדות אנגעגעבען געווארען פארשיידען. איינינע האבען עס געמאכט אזוי קורץ ווי דריי מינוטען, אנדערע אזוי לאנג ווי פינף. די טיר איז אנגעקומען שווער צו עפענען.

„אלפאנצא גארטשיא, א טויטען־באזארגער, זאגט עדות, אז ער וואוינט אויף דער מארג־גאס. איז א געביר־טיגער פון שפאניען. איז געווען איינער פון דער קאמפאניע, וואס איז אריין אין הויז. אויבען איז ער ניט ארויפגעגאנגען. איז נערווען און ער האט מורא געהאט, אז דאס אויפרעגען זיך וועט איהם שאטען. ער האט געהערט ווי מען האט זיך געקריגט. די גראבע שטימע איז געווען פון א פראנצויז. ער האט ניט גע־קענט כאפען די ווערטער. די שניידענדיגע שטימע איז געווען פון

אז ענגלענדער — דאס איז ער זיכער. ער פארשטעהט ניט די ענגלישע שפראך, אבער ער אורטיילט דאס נאך דער אינטאנאציע.

„א ל ב ע ר ט א מ א נ ט א נ י, א צוקערניק, זאגט עדות, אז ער איז געווען פון די ערשטע ארויפצוגעהן די טרעפ. האט געהערט די שטימען, וועגען וועלכע עס רעדט זיך דא. די גראבע שטימע איז געווען פון א פראנצויז. ער האט געכאפט אייניגע ווערטער. דער רעדנער האט געשיינט ווערנען פירצוהאלטען. ער האט ניט געקענט כאפען די ווערטער פון דער שניידענדיגער שטימע. גערעדט שנעל און ניט גלייך. ער דענקט, אז דאס איז די שטימע פון א רוס. באשטעטיגט דאס אלגעמיינע עדות־זאגען. אליין איז ער אן איטאליענער. האט קיין מאל ניט גערעדט מיט א געבארענעם פון רוסלאנד.

אייניגע עדות, ווען מען האט זיי צוריקגערופען, האבען עדות געזאגט אז די קוימענס פון די אלע צימערן אויפ'ן פיערטען שטאק זיינען געווען צו שמאל פאר א מענשען דורכצוקריכען. מיט די „בעזימער" האט מען געמיינט די צילינדרישע קערבארשטען, וועלכע די קוימענקערערס געברויכען. די דאזיגע בארשטען האט מען דורכגעפיהרט היז און צוריק אין יעדען קוימען פון הויז. עס איז ניטא קיין הינטער־ארויסגאנג, דורך וואנען אימיצער וואלט געקענט ארונטערגעהן בעת די קאמפאניע איז ארויף די טרעפ. דער קערפער פון מאדמואזעל ל'עספאנאי איז געווען אזוי שטארק ארייגעהאקט אין קוימען, אזש מען האט עס ניט געקענט ארויסנעהמען, ביז וואנען פיער אדער פינף פון דער קאמפאניע האבען ניט צוזאמענגענומען זיך מיט זייערע קרעפטען.

„פ א ל ד י ו מ א, א דאקטאר, זאגט עדות, אז מען האט איהם גערופען ארום באגינען אנצוקוקען די קערפערס. זיי זיינען ביידע דענסטמאל געלעגען אויפ'ן לייוונט פון דעם בעטגעשטעל אין דעם צימער, וואו מאדמואזעל ל. איז געפונען געווארען. דער קערפער פון דער יונגער פרוי איז געווען שטארק צעקלאפט און אפגעשונדען. דער פאקט, וואס מען האט עס אריינ־

געקוועטשט אין קוימען, איז גענוג צו דערקלערען פון וואנען דאס קומט אזוי. דער האלז איז געווען שטארק אפגעשונדען. עס זיינען געווען עטליכע טיפע דראפען אקוראט אונטער'ן קין, צוזאמען מיט א רייה ברוין־בלויע פלעקען, וועלכע זיינען קענטיג געווען סמנים פון פינגער. דער פנים איז געווען שרעקליך פארענדערט, און די אויגאפלען ארויסגעסטארטשעט. די צונג איז געווען ערטערווייז דורכגעביסען. א גרויסע וואונד איז געפונען געווארען אויף דער פארטיפונג פון דעם מאגען, וואס איז מסתמא געקומען פון דעם, וואס די קני איז אויף דעם צוגעדריקט געווארען. נאך דער מיינונג פון פ. דיומא איז מאדמואזעל ל'עספאנאי דערווארגען געווארען אויף טויט פון איינעם אדער עטליכע אומבאקאנטע. דער קערפער פון דער מוטער איז געווען שוידערליך צעקאליעטשעט. אלע ביינער פון דעם רעכטען פוס און ארעם זיינען מעהר אדער ווייניגער צעררדרוזשגעט געווארען. דער ביין פון לינקען פוס צווישען קני און קנעכעל איז געווען שטארק צעשפאלטען, און אזוי זיינען אויך געווען די ריפען פון דער לינקער זייט. דער גאנצער קערפער איז געווען שרעקליך צעקלאפט און פארענדערט. עס איז אוממעגליך געווען צו זאגען, ווי אזוי זיינען די וואונדען געמאכט געווארען. א שווערער הילצערנער שטעקען, אדער א ברייטער אייזערנער שטאנג, א שטול, וואסער ניט איז גרויסע, שווערע טעמפע וואפען וואלט געקענט ברענגען אזעלכע רעזולטאטען, אויב זעהר א שטארקער מאן וואלט עס באנוצט. א פרוי וואלט ניט געקענט אנמאכען אזעלכע וואונדען מיט קיין שום וואפען. דער קאפ פון דער פארשטארבענער, בעת דער עדות האט עס געזעהן, איז געווען אינגאנצען אפגעטיילט פון קערפער און איז אויך געווען שטארק צעשמעטערט. דער האלז איז קענטיג געווען צעשניטען מיט עפעס א שארפען אינסטרומענט — וואהרשיינליך מיט א גאלמעסער.

„אלעקסאנדער עטיען, א כירורג, איז גערופען געווארען צוזאמען מיט מ. דיומא צו באקוקען די קערפערס. ער באשטעטיגט דאס עדות־זאגען און די מיינונגען פון מ. דיומא.

„ווייטער איז מעהר קיין וויכטיגעס ניט ארויסגעבראכט גע־

ווארען, כאָטש עס זיינען אויסגעפרעגט געוואָרען אייניגע אַנדע־רע פּערזאָנען. אַזאַ מיסטעריעזער מאָרד, און אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין אַלע זיינע איינצעלהייטען, איז נאָך קיינמאָל ניט באַגאַנגען געוואָרען אין פּאַריז — אויב ס׳איז ווירקליך אַ מאָרד איינגאַנצען באַגאַנגען געוואָרען. די פּאָליציי הויבט ניט אָן צו וויסען, וואָס צו טאָן דאָ — אַן אומגעוועהנליכע פּאַסירונג אין אַן אַפערע פון אַזאַ כאַראַקטער. עס זעהט זיך אָבער ניט קיין שאָטען פון אַ שפּור".

די אָוועגט־אויסגאַבע פון דער ציימונג האָט דערצעהלט, אַז די גרעסטע אויפרעגונג קומט נאָך פאַר אין דעם קוואַרטאַל סט. ראָש, אַז דער פּלאַץ, וואו דאָס איז פאַרגעקומען, איז נאָך אַ מאָל פאַרזיכטיג ארומגעזוכט געוואָרען, און מען האָט פון דאָס ניי ארומגעפרעגט עדות, אָבער דאָס אַלעס האָט צו גאָרנישט געפיהרט. אַ פּאָסטסקריפּטום אָבער האָט דערמאָנט, אַז אַדאָלף לע באָן איז ארעסטירט געוואָרען און אריינגעזעצט געוואָרען אין געפענגניש, כאָטש קיין זאַך האָט ניט אויסגעזעהן צו פאַרמישען איהם אין דער געשיכטע, אחוץ די פאַקטען, וואָס זיינען שוין אָנגעגעבען געוואָרען.

דיופּען האָט געשיינט מאָדנע צו זיין פאַראינטערעסירט אין דעם פאַרשריט פון דער דאָזיגער אַפערע — אַזוי האָב איך וועניגסטענס געאורטיילט פון זיין האַלטען זיך, וואָרים רעדען האָט ער ניט גערעדט. ערשט נאָך דער באַקאַנטמאַכונג, אַז לע באָן איז איינגעשפּאַרט געוואָרען, האָט ער מיך געפרעגט מיין מיינונג וועגען די מאָרדען.

איך האָב בלויז געקאָנט איינשטימען מיט גאַנץ פּאַריז, צו באַטראַכטען דאָס אַלס אומלייזבאַרע געהיימניס. איך האָב קיין שום מיטעל ניט געזעהן, ווי אַזוי עס קען זיין מעגליך צו דער־געהן אַ שפּור פון דעם מערדער.

— מיר דאַרפען ניט אורטיילען וועגען די מיטלען, — האָט דיופּען געזאָגט, — וועדליג אָט די ניט־ממשות׳דיגע אונטערזוכונג. די פּאַריזער פּאָליציי, וועלכע איז אַזוי גערימט פאַר איהר שאַרפ־זין, איז כיטרע, אָבער מעהר ניט. עס איז ניטאָ קיין מעטאָדע אין

זייערע האנדלונגען, אחוץ די מעטאדע פון מאמענט. זיי מאכען
א גרויסען פאראד פון מאסרעגלען, אבער ניט זעלטען זיינען די
דאזיגע מאסרעגלען אזוי שלעכט אנגעווענדט פאר די געפלאנטע
צוועקען, אז זיי דערמאנען אן מאסיע זשאורדענ׳ס שיקען נאך
זיין Robe-de-chambre pour mieux ontendre musique.
די רעזולטאטען. וואס ווערען דערגרייכט דורך זיי זיינען
ניט זעלטען איבערראשענד, אבער מעהרסטענטייל ווערען זיי דער־
גרייכט דורך איינפאכע פלייסיגקייט און טעטיגקייט. ווען די
דאזיגע אייגענשאפטען פעהלען, פאלען דורך זייערע פלענער.
ווידאק, צום ביישפיל, איז געווען א גוטער טרעפער און א מענש
מיט אויסדויער. אבער זיין אינטעלעקט איז ניט געווען געבילדעט,
האט ער כסדר געמאכט טעות׳ן דורך דער אינטענסיוויטעט גופא
פון זיינע אונטערזוכונגען. ער האט געשעדיגט זיין וויזיאן דורך
דעם וואס ער האט זיין צוועק געהאלטען צו נאהענט צו זיך. ער
האט אפשר געקענט זעהן איינעם אדער צוויי פונקטען מיט אומגע־
וועהנליכער קלארקייט, אבער טוענדיג אזוי, האט ער נויטווענדי־
גערווייז פארלארען פון אויג די זאך אלס א גאנצע. אט אזוי, זעה־
סטו, איז דא אזא זאך, וואס איז צו טיף. דער אמת איז ניט אלע
מאל אין דער טיפעניש. פאקטיש, וואס איז שייך דאס מעהר
וויכטיגע וויסען, גלויב איך, אז דער אמת איז באשטענדיג פון
אויבען אויף. די טיפקייט ליעגט אין די טאלען, וואו מיר זוכען
זי, און ניט אויפ׳ן שפיץ בארג, וואו מיר געפינען זי. די אופנים
און קוועלען פון דעם דאזיגען מין טעות׳ן זיינען גוט טיפיפיצירט
אין דער באאבאכטונג פון די הימלישע קערפערם. ווען מען קוקט
אויף א שטערען ווארפענדיג אויף איהם בליקען, ווען מען באט־
ראכט איהם פון דער זייט ווענדענדיג צו איהם די אויסווערטיגע
טיילען פון דער ר ע ט י נ ע (מעהר מסוגל אויף אויפצונעמען
שוואכע איינדריקען פון ליכט ווי די אינוועניגסטע) — קען מען
דאן דעם שטערן זעהן קלאר, מען קען מעהר אפשעצען זיין גלאנץ,
א גלאנץ, וועלכער ווערט טונקעלער אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל
מיר קערען אונזער זעהקראפט א י נ ג א נ צ ע ן צו דעם
שטערען. טאקע א גרעסערע צאהל שטראלען פאלען אויפ׳ן אויג

איז דעם לעצטען פאל, אבער אין דעם ערשטען איז דא מעהר ראפינירטע פעהיגקייט צו באגרייפען. דורך צופיעל גרינדליכקייט פארפלאנטערן מיר און שוואכען אפ דעם פארשטאנד: און עס איז מעגליך צו מאכען, אז אפילו וועננס אליין זאל פארשווינדען פון הימעל דורך א צו אויסגעהאלטענע, צו קאנצענטרירטע אדער צו דירעקטע פארשונג.

— וואס איז שייך די דאזיגע מארדען, מא לאמיר אליין מאכען אן אונטערזוכונג פאר זיך, איידער מיר וועלען פאסען א מיינונג וועגען דעם. אן אונטערזוכונג וועט אונז פארשאפען פארגעניגען — (איך האב געטראכט, אז דאס איז א צו מאדנער אויסדרוק אין דעם פרט, אבער איך האב גארנישט געזאגט) — און אחוץ דעם האט לע באן מיר איינמאל געטאן א טובה, פאר וועלכער איך בין ניט אומדאנקבאר. מיר וועלען אריבערגעהן און זעהן דעם פלאץ מיט אונזערע אייגענע אויגען. איך קען זש——, דעם פאליציי־פרעפעקט, און מיר וועלען קיין שוועריגקייט ניט האבען צו קריגען די נויטיגע ערלויבניש.

די ערלויבניש האבען מיר געקראגען, און מיר זיינען גלייך אוועק אויף דער מארג־גאס. דאס איז איינע פון די מיזעראבלע גאסען, וואס האקען זיך אריין צווישען דער רישעליע־גאס און דער גאס סט. ראש. עס איז געווען שפעט נאכמיטאג, ווען מיר זיינען אהין אנגעקומען, ווארים דער דאזיגער קווארטאל איז זעהר ווייט פון דעם קווארטאל, וואו מיר וואוינען. דאס הויז האבען מיר לייכט געפונען, ווארים דארטען זיינען נאך א סך מענשען געשטאנען און האבען פון אנטקעגען גאס ארויפגעקוקט צו די פארמאכטע לאדענס מיט א צוועקלאזער נייגעריגקייט. עס איז געווען א געוועהנליך פאריזער הויז, מיט א טויער, און אויף איין זייט פון דעם טויער איז געווען א באגלאזטע וואך־בודקע מיט א שיפ־פאנעל אינ'ם פענסטער אנצייגענדיג א Loge de coucierge. איידער מיר זיינען אריין אינוועניג, זיינען מיר אוועק ארויף־גאס, האבען זיך פארקירעוועט אין א זייטיג געסעל, און דאן ווידער אמאל פארקירעוועדיג זיך, אריין הינטער דער געביידע — דיופען האט דערווייל ארומגעקוקט די גאנצע נאכבארשאפט, און אויך דאס

הויז מיט דער גענויסטער אויפמערקזאמקייט, וואס איך האב דער־רייין ניט געקענט זעהן קיין שום מעגליכען צוועק.

געהענדיג צוריק מיט'ן זעלבען וועג, זיינען מיר צוריקגע־קומען צום פראנט פונ'ם הויז, האבען אנגעקלונגען און באוויזען אונזער ערלויבניש־פאפיר. די אגענטען, וואס האבען געהאט די אויפזיכט, האבען אונז אריינגעלאזען. מיר זיינען ארויף אויבען און אריין אין דעם חדר, וואו דער קערפער פון מאדמואזעל ל'עספאנאי איז געפונען געווארען, און וואו ביידע טויטע זיינען נאך געלעגען. די אומארדנונג אין צימער האט מען ווי געוועהנ־ליך נאך איבערגעלאזען. איך האב קיין זאך ניט געזעהן, אחוץ דאס וואס איז געווען באשריבען אין דער „גאזעט דע טריבונא". דיופען האט אלצדינג אויסגעפארשט, אפילו די קערפערס פון די קרבנות. מיר זיינען דאן אריין אין די אנדערע צימערן און דער־נאך ארונטער אין הויף. א זשאנדאר האט אונז אומעטום באגלייט. די אונטערזוכונג האט אונז באשעפטיגט ביז עס איז געווארען פינסטער, און דאן זיינען מיר אוועק. אויפ'ן וועג אהיים האט מיין קאמפאניאן זיך אויף א ווײַלע אריינגעכאפט אין דער רע־דאקציע פון איינער פון די טעגליכע צייטונגען.

איך האב געזאגט, אז די קאפריזען פון מיין פריינד זיינען גע־ווען פיעלפאכיג, און אז Je Les menageais ווארים די דאזיגע פראזע האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין ענגליש. ער האט איצט אזוי געפיהלט, ניט צו לאזען זיך רעדען וועגען דעם ענין פון דעם מארד ביז אויף מארגען ארום האלבען טאג. דאן האט ער מיר פלוצלונג א פרעג געטאן, אויב איך האב באמערקט עפעס זונדער־בארעס אויפ'ן פלאץ פון דער רציחה.

עס איז עפעס געווען אין דעם אופן, ווי ער האט באטאנט דאסווארט „זונדערבארעס", וואס האט מיך געמאכט אויפצו־שוידערן, אליין ניט וויסענדיג פארוואס.

— נייז, גארנישט זונדערבארעס, — האב איך געזאגט, — ווענינסטענס, ניט מעהר, וויפיעל מיר האבען ביידע געזעהן באשרי־בען אין דער צייטונג.

— די „גאַזעט“, — האָט ער זיך אָנגערופֿען, — האָב איך מורא, האָט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין דעם אומגעוועהנליכען שווידער פֿון דער זאַך. אָבער לאָמיר ניט רעדען וועגען די פּוסטע מיינונגען פֿון דער דאָזיגער צייטונג. עס שיינט מיר, אַז די דאָזיגע געהיימניס ווערט באַטראַכט אַלס אומלייזבאַר, צוליעב דער זעלבער אורזאַך, וועלכע זאָל זי מאַכען באַטראַכט צו ווערען אַלס זעהר לייזבאַר — איך מיין צוליעב דעם מאָדנעם כאַראַקטער איהרען. די פּאָליציי איז צעמישט, ווייל עס שיינט דאָ ניט צו זיין קיין מאָטיוו, ניט פֿאַר'ן מאָרד גופֿא, נאָר פֿאַר דער שווידערליכקייט פֿון דעם מאָרד. זי איז אויך צעמישט פֿון דער באַשיינפּערליכער אוממעגליכקייט צו מאַכען עס זאָל שטימען דאָס וואָס מען האָט געהערט קולות קריגענדיג זיך, מיט'ן פֿאַקט וואָס מען האָט אויבען קיינעם ניט געפֿונען אַחוץ די דער'הרג'עטע מאַדמואַזעל ל'עספּאַנאַי, און אַז עס איז אוממעגליך געוועזען אַרויסצוגעהן, ניט באַמערקט צו ווערען פֿון דער קאָמפּאַניע, וואָס איז אַרויף די טרעפּ. די ווילדע אומאָרדנונג פֿון צימער: דער קערפּער, אַריינגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, אין קוימען: דאָס שרעקליכע צוקאַליעטשען פֿון דער אַלטער פֿרוי'ס קערפּער: די דאָזיגע אַלע באַטראַכטונגען, מיט די וואָס איך האָב ערשט דערמאָנט, און די אַנדערע, וועלכע איך דאַרף ניט דערמאָנען, זיינען גענוג געוועזען צו פּאַראַליזירען די קרעפֿטען, מאַכענדיג פֿאַלשטענדיג צונישט די באַריהמערישע שאַרפֿזיניגקייט פֿון די רעגירונגס-אַגענטען. זיי זיינען אַריינגעפֿאַלען אין דעם גרויסען אָבער אַלגעמיינעם טעות פֿון צונאַמענמישען דאָס אומגעוועהנליכע מיט אומפֿאַרשטענדליכען. אָבער טאַקע דורך די אָפּווייכונגען פֿון דעם גראַד פֿון דעם געוועהנליכען שלאָגט דער פֿאַרנונפֿט זיך דורך זיין וועג, אויב דאָס איז בכלל מעגליך, אין זיין זוכען דעם אמת. אין די אונטערזוכונגען, וועלכע מיר מאַכען איצט, דאַרף ניט אַזוי פֿיעל געפֿרעגט ווערען „וואָס האָט פּאַסירט?“, ווי „וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט וואָס עס האָט קיינמאָל ביז אַהער ניט פּאַסירט? אין דער אמת, איז די לייכטקייט, מיט וועלכער איך וועל דערגרייכען, אָדער האָב דערגרייכט, די לייזונג פֿון דער דאָזיגער געהיימניס, אין דער דירעקטער פּראָ-

פארציע פון איהר שיינבארער אומלייזבארקייט אין די אויגען פון דער פאליציי.

איך האב אנגעקוקט דעם רעדנער מיט שטומער פארוואונדערונג.

— איך ווארט איצט, — האט ער וויטער גערעדט, קוקענדיג צו דער טיר פון אונזער וואוינונג, — איך ווארט איצט אויף א מענשען, וועלכער האט אפשר אליין ניט געטאן די דאזיגע הריגות, אבער אין א געוויסער מאס האט ער געמוזט זיין פארמישט אין דער רציחה. אין דעם ערגסטען טייל פון די באגאנגענע פארברעכענס איז ער וואהרשיינליך אומשולדיג. איך האף, אז איך בין גערעכט מיט אט דער השערה מיינער, ווארים אויף איהר האב איך געבויט מיין ערווארטונג צו לייזען די גאנצע רעטעניש. איך ערווארט דא דעם מאן, דא אין צימער, יעדען מאמענט. עס איז אמת, אז ער קען ניט קומען אויך, אבער וואהרשיינליך איז, אז ער וועט יא קומען. וועט ער קומען, וועט מען מוזען איהם פארהאלטען דא. אט זיינען פיסטאלעטען, און מיר ביידע ווייסען, ווי צו געברויכען זיי אין פאל מען וועט דארפען.

איך האב גענומען די פיסטאלעטען, קוים וויסענדיג וואס איך טו, אדער גלויבענדיג וואס איך הער, און דיופען האט זיך פארטגעזעצט, מעהר אויסזעהענדיג, ווי ער וואלט רעדען צו זיך אליין. איך האב שוין גערעדט וועגען זיין אבסטראקטער מאניערע אין אזעלכע מאמענטען. רעדען האט ער טאקע גערעדט צו מיר, אבער זיין שטימע, כאטש פאר קיין פאל ניט הויך, האט געהאט די אינטאנאציע, וואס ווערט אלגעמיין געברויכט, בעת מען רעדט צו איינעם, וואס געפינט זיך זעהר וויים. זיינע אויגען, אהן א שום אויסדרוק, האבען געקוקט נאר אויף דער וואנט.

— אז די שטימען, וועלכע די קאמפאניע אויף די טרעפ האט געהערט קריגענדיג זיך, — האט ער געזאגט, — זיינען ניט געווען די שטימען פון די פרויען אליין, דאס איז פולשטענדיג באוויזען געווארען פון די עדות. דאס באפרייט אונז פון יעדען שום צווייפעל אין דער פראגע, צי די אלטע פרוי האט אפריהער גע־

קענט פּטר'ן די טאַכטער, און דערנאָך באַגעהן זעלבסטמאָרד. איך רעד דאָ װעגען דעם פּונקט פון מעטאָדע װעגען, װאָרים עס װאָלט ניט געװען פאַר מאַדאַם ל'עספּאַנאַי'ס כּחות אַריינצושפּאַרען איהר טאָכטער'ס קערפּער אַרױפצוצו אין קױמען, אַזױ װי מען האָט עס געפונען; און דער אופן פון די װאונדען אויף איהר אייגענעם קערפּער שליסט אינגאַנצען אויס דעם געדאַנק פון זעלבסט־מאָרד. אַלזאָ, איז דאָ באַגאַנגען געװאָרען אַ מאָרד דורך אַ דריטען צד, און די שטימען פון אָט דעם דריטען צד האָט מען דאָס געהערט קריגענדיג זיך. לאָמיר איצטער ערינערן זיך — ניט דאָס גאַנ־צע עדות־זאָגען מכּח די דאָזיגע שטימען — נאָר װאָס איז געװען ז ו נ ד ע ר ב אַ ר ע ר אין אָט יענעם עדות־זאָגען. האָסטו באַ־מערקט עפּעס זונדערבאַרעס װעגען דעם?

איך האָב באַמערקט, אַז אין דער צייט װאָס אַלע עדות האָ־בען אייגנעשטימט אין דער השערה, אַז די גראָבע שטימע איז געװען פון אַ פראַנצויז, איז אָבער ניט געװען קיין איינשטימיג־קייט מכּח דער שאַרפער, שניידענדיגער שטימע, אָדער װי אײנער האָט זי באַצייכענט אַלס האַרטע שטימע.

— דאָס איז דאָך װאָס מען האָט עדות געזאָגט, — האָט דיופּען זיך אָנגערופען, — אָבער ניט די זונדערבאַרקייט פון דעם עדות־זאָגען. דו האָסט גאָרנישט ניט באַמערקט כאַראַקטעריסטי־שעס. דאָך איז דאָרט עפּעס ג ע װ ע ז ע ן װאָס צו באַמערקען. די עדות, װי דו זאָגסט, האָבען איינגעשטימט מכּח דעם גראָבען קול; דאָ זיינען זיי געװען איינשטימיג. אָבער מכּח דעם שניי־דענדיגען קול, איז דאָס זונדערבאַרע ניט דאָס װאָס זיי האָבען ניט איינגעשטימט, נאָר דאָס װאָס בעת אַ איטאַליענער, אַן ענגלענדער, אַ שפּאַניער, אַ האָלענדער און אַ פראַנצויז האָבען געזוכט עס צו שילדערן, האָט איטליכער געריעדט פון דער שטימע װי פון דער שטימע פ ו ן א ן א ו י ס ל ע נ ד ע ר. איטליכער איז זיכער, אַז דאָס איז ניט געװען די שטימע פון זיינע אייגענע לאַנדס־לייט. איטליכער פאַרגלייכט עס ניט צו דער שטימע פון אַ מענשען פון װאָסער ניט איז פאָלק, מיט װעמעס שפּראַך ער איז באַקאַנט — נאָר אומגעקערט. דער פראַנצויז שטעלט זיך פאָר,

אז דאס איז די שטימע פון א שפאניער, און „ער וואלט אפשר דערקענט איינינע ווערטער, וועז ער וואלט געוועזן באקאנט מיט שפאניש". דער האלענדער באהויפטעט, אז עס איז געוועזן די שטימע פון א פראנצויז; אבער מיר געפינען, ווי עס ווערט דערקלערט, אז „אזוי ווי ער פארשטעהט ניט קיין פראנצויזיש, ווערט אט דער עדות אויסגעפרעגט דורך א דאלמעטשער." דער ענגלענדער רעכענט, אז עס איז די שטימע פון א דייטש, און „ער פארשטעהט ניט קיין דייטש." דער שפאניער איז זיכער, אז דאס איז געוועזן די שטימע פון אן ענגלענדער, אבער „ער אורטיילט נאך דער אינטאנאציע" אליין, „ווייל ער האט קיין שום ידיעה ניט אין ענגליש." דער איטאליענער גלויבט, אז עס איז געוועזן די שטימע פון א רוס, אבער „ער האט קיינמאל ניט גערעדט מיט א געבארענעם פון רוסלאנד." נאכמעהר. א צווייטער פראנצויז שטימט ניט איין מיט'ן ערשטען, און ער איז זיכער, אז די שטימע איז געוועזן פון אן איטאליענער; אבער אזוי ווי ער איז ניט באקאנט מיט דער שפראך, איז ער ווי דער שפאניער „איבערצייגט פון דער אינטאנאציע." היינט ווי מאדנע אומגעוועהנליך יענע שטימע האט געמוזט ווירקליך זיין, אז מען האט וועגען איהר אזוי פיעל באהויפטונגען געקענט ארויסברענגען! — אז אין איהרע טענער האבען אפילו די איינוואוינער פון די פינף גרעסטע טיילען פון אייראפא ניט געקאנט דערקענען עפעס באקאנטעס! ווענסטו דאך זאגען, אז עס האט געקענט זיין די שטימע פון אן אזיאט, פון אן אפריקאנער; זיינען ניטא קיין סך אזיאטען אדער אפריקאנער אין פאריז. אבער ניט לייקענענדיג דעם אויספיהר, וויל איך איצט דיר אויפמערקזאם מאכען נאר אויף דריי פונקטען. איין עדות באצייכענט די שטימע, אז זי איז „גיכער הארט, ווי שארף", צוויי אנדערע זאגען, אז זי איז געוועזן „שנעל און ניטגלייך". קיין שום עדות האט ניט דערמאנט, אז ער זאל

דערקענען ווערטער, קלאנגען וואס זאלען עהנליך זיין צו ווער־
טער.

—איך ווייס ניט, — האט דיופען ווייטער גערעדט, — וואס
פאר אן איינדרוק איך האב ביז אהער געקענט מאכען אויף דיין
איינענעם שכל; אבער איך וועל זיך ניט קווינקלען צו זאגען, אז
ריכטיגע דעדוקציעס, אפילו אט פון דעם טייל עדות־זאגען — דער
טייל מכח דער גראבער און דער שניידענדיגער שטימע — זיינען
אין זיך אליין גענוג ארויסצוברענגען א פארדאכט, וואס זאל ווייזען
א וועג צו דעם גאנצען ווייטערדיגען פארטשריט אין דער אונ־
טערזוכונג פון דער געהיימניס. איך האב געזאגט „ריכטיגע דע־
דוקציעס“, אבער מיין מיין איז ניט אינגאנצען אויסגעדריקט גע־
ווארען. איך האב געמיינט אינדירעקט אנצודייטען, אז די דעדוק־
ציעס זיינען די איינציגע פאסיגע, און אז דער פאר־
דאכט וואקסט פון זיי אומפארמיידליך ארויס אלס
דער איינציגער רעזולטאט. וואס דער פארדאכט איז אבער, וועל
איך נאך איצט ניט זאגען. איך וויל נאר, דו זאלסט האבען אין
זינען, אז פאר מיר אליין איז עס גענוג שטארק געווען צו געבען א
באשטימטע פארמע — א געוויסע טענדענץ — צו מיינע אונטער־
זוכונגען אין דעם צימער.

— לאמיר איצט אין אונזער פאנטאזיע זיך אריבערטראגען
אין דעם דאזיגען צימער. וואס וועלען מיר די ערשטע זאך דא זו־
כען? דעם וועג, ווי אזוי די מערדער זיינען ארויס. עס וועט ניט
זיין איבעריג צו זאגען, אז קיינער פון אונז גלויבט ניט אין אי־
בערנאטירליכע פאסירונגען. מאדאם און מאדמואזעל ל'עספאנאי
זיינען ניט פארניכטעט געווארען פון גייסטער. די וואס האבען
עס געטאן, זיינען געווען בשר ודם'ס און זיי זיינען אנטלאפען
אויף א נאטירליכען אופן. היינט ווי אזוי? גליקליכערווייז איז
דא נאר איין אופן, ווי צו חקירה'ן זיך וועגען דעם פונקט, און יע־
נער אופן מוז אונז פיהרען צו א באשטימטען באשלוס. לאמיר
חוקר ודורש זיין, איינס נאכ'ן אנדערן, די מעגליכע וועגען, ווי אזוי
מען האט געקענט ארויס. עס איז קלאר, אז די מערדער זיינען גע־
ווען אין דעם צימער, וואו מאדמואזעל ל'עספאנאי איז געפונען

געוואָרען, אָדער לכל־הפּחות אין דעם דערבייאיגען צימער, בעת די קאָמפּאַניע איז אַרויף די טרעפּ. אויב אַזוי, איז נאָר אין אַט די צוויי חדרים מוזען מיר זוכען דעם אַרויסגאַנג. די פּאָליציי האָט אויפגעריסען די דילען, די סטעליעס און די ווענט, אין אַלע זייטען. ווען עס וואָלט געווען אַ געהיימער אַרויסגאַנג, וואָלטען זיי עס באַמערקט. אָבער ניט טרויענדיג זייערע אויגען, האָב איך אונטערזוכט מיט מיינע אויגען. הייסט דאָס, אַז קיין געהיימער אַרויסגאַנג איז ניט געווען.ביידע טירען, וואָס פיהרען פון די צימערן אין קאָרידאָר אַריין, זיינען געווען גוט פאַרשפּאַרט, מיט די שליסלען אינווענינ. לאָמיר איצטער אַ קוק טאָן די קוימענס. אָט דורך די קוימענס, כאָטש זיי זיינען פון געוועהנליכער ברייט, אַז אַכט אָדער צעהן פוס איבער'ן פּריפּעטשאָק, וועט דאָך ניט קענען דורכגעהן דער קערפּער פון אַ גרויסער קאַץ. אַזוי ווי עס איז פולשטענדיג אוממעגליך אַרויסצוגעהן אויף די אופנים, וואָס זיינען ערשט אָנגעוויזען געוואָרען, מוזען מיר זיך ווענדען צו די פענסטער. דורך די פענסטער פון פאָדערשטען צימער וואָלט מען בשום אופן ניט געקענט אַנטלויפען נים ווערענדיג באַמערקט פון דעם עולם אין גאַס. אויב אַזוי, האָבען די מערדער געמוזט אַרויסגעהן דורך די פענסטער פון דער הינטערשטען צימער. איצט אַז מיר זיינען געקומען צו אָט דעם שלום אויף אַזאַ אומצווייפעלהאַפטען אופן, איז ניט קיין וועג פאַר אונז אַלס פאַרשער צו פאַרוואַרפען עס צוליב די שיינבאַרע אוממעגליכקייטען. עס בלייבט נאָר פאַר אונז צו באַווייזען, אַז די דאָזיגע שיינבאַרע "אוממעגליכקייטען" זיינען אין דער אמת'ן גאָרניט אַזוי.

— עס זיינען דאָ צוויי פענסטער אין דעם צימער. איינס איז ניט פאַרשטעלט פון קיין מעבעל און מען זעהט עס אינגאַנצען. דער אונטערשטער טייל פון'ם אַנדערען פענסטער איז באַהאַלטען פון אויג דורכ'ן קאָפּ פון זעהר אַ שווערען בעט־געשטעל, וואָס איז זעהר האַרט צוגערוקט צו איהם. דאָס ערשטע פענסטער איז געפונען געוואָרען גוט פאַרהאַקט פון אינווענינ. עס האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען, ווען מען האָט אָנגעווענדט די גרעסטע

קרעפטען צו עפענען עס. א גרויסע לאך איז אויסגעעגבערט געווען מיט אן עגבער איז דער ראם צו־לינקס, און זעהר א גרויי־סער נאגעל איז געפונען געווארען דארט אריינגעזעצט במעט ביז׳ן קעפעל. ארומקוקענדיג דאס אנדער פענסטער האט מען געזעהן דארט אן עהנליכען נאגעל אריינגעשפארט, און א שטארקער פאר־זוך אויפצוהויבען די דאזיגע פענסטער־ראם איז אויך געווען אומ־זיסט. די פאליציי איז שוין איצט געווען פולשטענדיג זיכער, אז דורך אט די ערטער האט מען ניט געקענט ארויסגעהן. און ד ע ר פ א ר האט מען געטראכט, אז עס איז גאנץ איבעריג ארויסצונעהמען די נעגעל און צו עפענען די פענסטער.

— מיין אייגענע אונטערזוכונג איז געווען עטוואס מעהר גענוי, און עס איז געווען אזוי, צוליעב דער אורזאך וואס איך האב ערשט אנגעגעבען — וייל איך האב געוואוסט, אט דא איז דאס, וואו אלע שיינבארע אוממעגליכקייטען מ ו ז ע ן באווי־זען ווערען, אז אין דער ווירקליכקייט זיינען זיי גארניט אזוי.

— איך האב אלזא גענומען דענקען — א פאסטעריארי. די מערדער ז י י נ ע ן אנטלאפען דורך איינס פון אט די פענ־סטער. וויבאלד אז אזוי, האבען זיי ניט געקענט צוריק פאר־האקען די ראמען פון אינווענינ, אזוי ווי מען האט זיי געפונען פארהאקט, — די באטראכטונג, וועלכע האט דורך איהר באשיינ־פערליכקייט געמאכט אן ענדע צו דער פאליציי׳ס פארשונג אויף אט דעם פלאץ. דאד זיינען די ראמען ג ע ו ו ע ן פארהאקט. האבען זיי סיידען ג ע מ ו ז ט האבען די קראפט אליין צו פאר־האקען זיך. מען האט ניט געקענט אויסדרעהען זיך פון אט דעם שלום. איך בין צוגעגאנגען צום ניט־פארשטעלטען פענסטער, האב ארויסגענומען דעם נאגעל מיט עטוואס שווערינקייט, און געיואלט אויפהייבען די ראם. זי האט זיך ניט געלאזען, ווי איך האב אפריי־הער זיך פארגעשטעלט. איצט האב איך געוואוסט, אז דא געפינט זיך א באהאלטענע ספרונזשינע, און אט די באשטעטיגונג פון מיין געדאנק האט מיך איבערצייגט, אז מיין פרעמיסע ווענינסטענס איז ריכטיג, ווי מיסטעריען עס זאלען ניט זיין די אומשטענדען, וואס זיינען פארבונדען מיט די נעגעל. א זארגפעלטיגע אונטערזו־

כונג האט גלייך אויפגעדעקט די באהאלטענע ספרונזשינע. איך האב עס א קוועטש געטאן, און צופרידען מיט דער אנטדעקונג, האב איך זיך איינגעהאלטען ניט אויפצוהויבען די פענסטער ראם.

— דערנאך האב איך צוריק אריינגעזעצט דעם נאגעל, און באטראכט דאס אויפמערקזאם. אימיצער זאל ארויס דורכ'ן פענסטער, קען עס צוריק פארמאכען, און די ספרונזשינע וואלט פארהאקט, אבער דער נאגעל וואלט ניט געקענט צוריק אריינגעזעצט ווערען. דער שלוס איז געווען איינפאך, און ווידער באשרענקט איז פעלד פון מיינע אונטערזוכונגען. די מערדער האבען געמוזט אנטלויפען דורכ'ן אנדער פענסטער. זיך פארשטעלענדיג אלזא, אז די ספרונזשינעס אין יעטווידער ראם זיינען די זעלבע, ווי עס איז וואהרשיינליך געווען, האט געמוזט געפונען ווערען אן אונטערשייד צווישען די נעגעל, אדער לכל־הפחות צווישען די אופנים פון זייער איינריכטונג. ארויפקריכענדיג אויפ'ן לייווענט פונ'ם בעט־געשטעל, האב איך אריינגעקוקט איבער'ן קאפ־ברעט, באטראכטענדיג גוט די צווייטע פענסטער־ראם. דורכשפארענדיג מיין האנט הינטער'ן ברעט, האב איך באלד אויסגעפונען און א דריק געטאן די ספרונזשינע, וועלכע, ווי איך האב זיך פארגעשטעלט, האט געהאט איין פנים מיט איהר שכנה. איך האב איצט א קוק געטאן אויפ'ן נאגעל. ער איז געווען פונקט אזוי גראב ווי דער אנדערער, און ווי עס שיינט אויך אריינגעפאסט אויפ'ן זעלבען אופן — אריינגעשלאגען כמעט ביז צום קעפעל.

— דו וועסט דאך זאגען, אז איך בין געווען צעטומעלט; אבער אויב דו דענקסט אזוי, פארשטעהסטו דאן ניט די טבע פון די אינדוקציעס. איך מוז דיר זאגען, אז איך האב קיין איין מאל קיין טעות ניט געמאכט. דער שפור איז קיינמאל, אויף קיין רגע ניט, פארלארען געגאנגען. עס איז ניט געווע קיין בראך אין קיין שום רינג פון דער קייט. איך האב נאכגעשפירט דעם סעקרעט ביז צו זיין ענדגילטיגען רעזולטאט, און יענער רעזולטאט איז געווען דער נאגעל. איך האב געהאט, זאג איך, פאר זיך אין יעדער הינזיכט דאס אויסזעהן פון זיין חבר אינ'ם

אַנדער פענסטער. אָבער דער דאָזיגער פאַקט האָט לחלוטין ניט געטויגט (ווי אַנטשיידענד ער זאָל ניט אויסזעהן צו זיין), ווען מען פאַרגלייכט עס מיט דעם געדאַנק, אַז אָט דאָ, ביי דעם פּונקט, ענדיגט זיך די שפּור. „עפּעס מוז זיין ניט גלאַט", האָב איך געזאָגט, „מיט דעם נאָגעל". איך האָב עס אָנגערירט, און דאָס קעפּעל צוזאַמען מיט אַ פערטעל אינטש פון דעם נאָגעל גופא איז אַרונטערגעפאַלען צווישען מיינע פינגער. דאָס איבעריגע פון'ם נאָגעל איז געבליבען אין דער אויסגעבויערטער לאָך, וואו עס איז געווען איבערגעבראָכען. דער בראָך איז געווען אַן אַלטער (וואָרים די בּרעגען זיינען געווען פאַרצויגען מיט זשאַווער), און דאָס איז ווי עס שיינט, געמאַכט געוואָרען מיט'ן זעץ פון אַ האַמער, וואָס האָט טיילווייז טיף אַריינגעשלאָגען אין'ם אויבען פון דער אונטערשטער ראַם דעם אויבערשטען טייל פון'ם נאָגעל. איצט האָב איך פאָרזיכטיג צוריק אַריינגעזעצט דעם אויבערשטען טייל אויף'ן זעלבען פּלאַץ, פון וואַנען איך האָב איהם אַרויסגענומען, און די ענליכקייט צו אַן אמת'ן נאָגעל איז געווען פאָלקאָמען — די לאָך איז ניט געווען קענטיג. אַ דריק טוענדיג די ספּרונזשינע, האָב איך שטיל אויפגעהויבען די ראַם אויף עטליכע אינטשעס: דער קאָפּ האָט זיך אויפגעהייבען, פאַרבלייבענדיג פעסט אין זיין געלעגער. איך האָב פאַרמאַכט דאָס פענסטער, און דער אויסקוק פון'ם גאַנצען נאָגעל איז צוריק געווען פאָלקאָמען.

— די רעטעניש איז דערוויל געלייזט געוואָרען. דער מערדער איז אַנטלאָפען דורכ'ן פענסטער, וואָס צוקאַפּען פון בעט אַרונטערפאַלענדיג פון זיך אַליין, נאָכדעם ווי יענער איז אַרויס (אָדער אפשר האָט ער עס מיט אַ כיוון צוגעמאַכט). איז עס פאַרהאַקט געוואָרען פון דער ספּרונזשינע, און דאָ האָט די פּאָליציי אַ טעות געהאַט, מיינענדיג, אַז דער נאָגעל האַלט עס, ניט די ספּרונזשינע, און אַזוי איז שוין די ווייטערדיגע אונטערזוכונג באַטראַכט געוואָרען פאַר ניט נויטיג.

— ווייטער איז די פראַגע, ווי אַזוי איז ער אַרונטער. אויף דעם האָב איך געקראָגען אַ צופרידענשטעלענדע דערקלערונג ביי

מיין שפּאַצירגאַנג מיט דיר אַרום דער געביידע. ביי אַ פינף פוס און אַ האַלב פון'ם פענסטער, וועגען וועלכען מיר רעדען דאַ, לויפט אַ דראָט פון אַ בליץ־אַפּליטער. פון אָט דער דראָט וואָלט פאַר קיינעם ניט געווען מעגליך צו דערגרייכען דאָס פענסטער גופא. וועגען אַריינגעהן איז אָפּגערעדט. איך האָב אָבער באַמערקט, אַז די לאַדענס פון דעם פערטען שטאָק זיינען געווען פון אַ מאָדנעם סאָרט, וואָס די פּאַריזער סטאָליאַרעס רופען פּ ע ר אַ ד ע ם — אַ סאָרט לאַדען, וואָס ווערט זעלטען באַנוצט ביי היינטיגען טאָג, אָבער מען זעהט זיי אָפט אויף די אַלטע הייזער אין ליאָן און באָרדאָ. זיי זעהן אויס אַזוי ווי אַ געוועהנליכע טיר (איין איינציגע, ניט קיין פליגעל־טיר) אַ חוץ וואָס די אונטערשטע העלפט איז געמאַכט אַזוי ווי אַ נעץ אָדער אויסגעאַרבייט אין אָפענע גראַטעס. געבענדיג אַזוי די געלעגענהייט אויסגעצייכענט אָנצוהאַלטען זיך מיט די הענט. אין דעם איצטיגען פאַל זיינען די לאַדענס געווען פולע דריי און אַ האַלב פוס ברייט. ווען מיר האָבען זיי געזעהן הינטען פון הויז, זיינען זיי ביידע געווען ביי האַלב אָפען — דאָס מיינט, זיי זיינען אָפּגעשטאַנען אין גראַדע ווינקלען פון דער וואַנט. עס איז וואַרשיינליך, אַז די פּאָליציי, פונקט ווי איך, האָט אַרומגעקוקט הינטען דאָס הויז: אָבער אויב אַזוי, קוקענדיג אויף די פּעראַדעס אין דער ליניע פון זייער ברייט (ווי זי האָט עס געמוזט טאָן), האָט זי ניט באַמערקט די דאָזיגע גרויסע ברייט גופא, אָדער אַלענפאַלס האָט זי פאַרפעהלט צו נעהמען דאָס רעכט אין אַנבעטראַכט. אין דער אמת, איינמאָל צופרידענשטעלענדיג זיך, אַז דורך דאָרטען אַרויסגעהן האָט מען בשום אופן ניט געקענט, האָט זי נאַטירליך שוין געמאַכט דאָ אַן אויבערפלעכליכע אונטערזוכונג. פאַר מיר איז אָבער געווען קלאָר, אַז דער לאַדען, וואָס געהערט צום פענסטער וואָס צו קאָפּען פון בעט, אויב מען וואָלט איהם אינגאַנצען צוגעמאַכט צו דער וואַנט, וואָלט ער געכאַפּט ביי צוויי פוס פון דעם בליץ־אַפּליטער. עס איז אויך געווען קענטיג, אַז ביי אַן אָנשטרענגונג פון אַ זעהר אומגעוועהנליכען גראַד קרעפטען און קוראַזש וואָלט מען געקענט פון דער דראָט אַריין דורכ'ן פענסטער. דערגריי־

בענדיג די דיסטאנץ פון צוויי און א האלב פוס (מיר שטעלט זיך פאר איצט, אז דער לאדען איז איינגאנצען אפען), וואלט א רוי־בער געקענט שטארק אנהאלטען זיך אן די גראטעס. אפלאזענדיג דאן די דראט, אוועקשטעלענדיג די פיס גלייך צו דער וואנט און אפשפרינגענדיג מיט מוט, וואלט ער געקענט א מאך טאן אזוי דעם לאדען, אז ער זאל זיך פארמאכען, און אויב מיר שטעלען זיך פאר, אז דאס פענסטער איז בשעת מעשה געווען אפען, וואלט ער זיך געקענט אזוי ארייןווארפען אין צימער.

— איך וויל, דו זאלסט האלטען באזונדערס אין זינען, אז איך האב גערעדט פון זעהר אן אומגעוועהנליכען גראד קרעפטען, אלס דורכאויס נויטיג צו זיין ערפאלגרייך אין אזא ריזיקאלישער און שווערער טאט. מיין פלאן איז צו באווייזען דיר, ערשטענס, אז די זאך האט מעגליך געקענט דורכגעפיהרט ווערען: אבער צווייטענס און איבערהויפט, וויל איך, דו זאלסט גוט האבען אין זינען דעם העכסט־אויסערגעוועהנ־ליכען, דעם כמעט איבערנאטירליכען כאראקטער פון דער פלינקייט, מיט וועלכער מען האט דאס געקענט דורכפיהרען.

— דו ווערסט אהן צווייפעל זאגען, געברויכענדיג די שפראך פון יוריסטען, אז „אום אויסצומאכען מיין קעיס", האב איך בע־סער געדארפט אונטערשעצען, איידער צו באשטעהן אויף דער פולער אפשאצונג פון דער אקטיוויטעט, וואס עס פאדערט זיך אין אט דעם ענין. אזוי פיהרט מען זיך אפשר אין געזעץ, אבער דער פארנונפט פיהרט זיך אנדערש. מיין ענדגילטיגער צוועק איז נאר דער אמת. מיין באלדיגער צוועק איז צו באווייזען דיר די שייכות צווישען די זעהר אומגעוועהנליכע קרעפטען, וואס איך האב דיר ערשט געזאגט, מיט דער זעהר מאדנער שניידענדיגער (אדער הארטער) און ניט־גלייכער שטימע, וועגען וועמעס נאציאנאליטעט עס האבען קיין צוויי מענשען זיך ניט געפונען, וואס זאלען איינשטי־מען, און אין וועמעס אויסדריקען מען האט ניט געקאנט דערקענען קיין שום קלאנג פון א זילבע.

ביי די דאזיגע ווערטער איז אן אומבאשטימטער און האלב־

פארמירטער באגריף פון דעם וואס דיופען האט געמיינט, דורכגעפלויגען אין מיין קאפ. איך האב געשיינט צו זיין אויפ'ן ברעג פון באגרייפען, ניט האבענדיג אבער די קראפט צו באגרייפען, פונקט אזוי ווי מענשען געפינען זיך צייטענווייז אין א צושטאנד, אז אט־אט דערמאנען זיי זיך עפעס א זאך, און צום סוף קענען זיי זיך ניט דערמאנען. מיין פריינד איז אנגעגאנגען מיט זיין געשפרעך.

— דו זעהסט, האט ער געזאגט, — אז איך האב אריבערגעטראגען די פראגע פון דעם אופן ווי מען איז ארויס צו דעם אופן ווי מען איז אריין. מיין פלאן איז געווען איבערצוגעבען דעם געדאנק, אז אי ארויס אי אריין איז מען אויפ'ן זעלבען אופן, אויפ'ן זעלבען פונקט. לאמיר זיך איצט אומקערען צו דעם וואס טוט זיך אין צימער. לאמיר באטראכטען דאס אויסזעהן דא. די שופלאדען פון קאמאד, זאגט מען, זיינען צעראבירט געווארען, כאטש פיעלע זאכען זיינען נאך דארט איבערגעבליבען. דער שלום איז דא א זינלאזער. עס איז ניט מעהר ווי אן השערה — זעהר א נארישע, און ניט מעהר. ווי אזוי קענען מיר וויסען, אז די זאכען, וואס זיינען געפונען געווארען אין די שופלאדען, זיינען אלע, וואס זיינען פריהער געווען אין די שופלאדען? מאדאם ל'עספאנאי און איהר טאכטער האבען געלעבט א זעהר צוריקגעצויגען לעבען, האבען ניט געזעהן קיין געזעלשאפט, זיינען זעלטען וואו געגאנגען, האבען זיך ניט געקימערט וועגען א סך קליידער צו איבערבייטען אויף זיך. די זאכען, וואס זיינען געפונען געווארען, זיינען וועניגסטענס געווען פון די בעסטע קוואליטעט, וואס די דאזיגע פרויען האבען נאר געקענט פארמאגען. אויב א גנב האט וואס גענומען, פארוואס האט ער ניט גענומען דאס בעסטע, פארוואס האט ער ניט גענומען אינגאנצען? מיט אייןווארט, פארוואס האט ער איבערגעלאזען פיער טויזענד פראנק אין געלד, אום צו באלעסטיגען זיך מיט א פעקעל לייווענט? דאס געלד האט מען נ י ט געטשעפעט. כמעט די גאנצע סומע, וואס מאסיע מיניא, דער באנקיר, האט דערמאנט, איז געפונען געווארען אין די זעקלעך אויפ'ן דיל. איך וויל דעריבער, דו זאלסט

זיך ארויסשלאגען פון זינען דעם פעהלערהאפטען געדאנק וועגען מ א ט י ו ו, וואס איז געבארען געווארען אין די מוחות פון דער פאליציי צוליעב דעם באווייז וואס עדות האבען דערצעהלט וועגען געלט, וואס איז צוגעטראגען געווארען צו דער טיר פון הויז. צוזאמענטרעפונגען, נאך צעהן מאל מעהר מערקווירדיגע ווי אט די (דאס צוטראגען דאס געלט, און דער מארד, וואס איז באגאנגען געווארען אין משך פון דריי טעג איבער דער פערזאן, וואס האט דאס געלט געקראגען) טרעפען מיט אונז אלעמען אין יעטווידער שטונדע פון אונזער לעבען, ניט צוציהענדיג קיין אויפמערקזאמקייט אפילו אויף א ווײלע. צוזאמענטרעפונגען, בכלל, זיינען גרויסע שטרויכעל־שטיינער אין וועג פון יענעם קלאס דענקער, וועלכע זיינען ערצויגען געווארען ניט צו וויסען גארנישט פון דער טעאריע פון וואהרשיינליכקייטען — יענע טעאריע, וועלכער די גלאררייכסטע אביעקטען פון מענשליכער פארשונג האבען צו פארדאנקען פאר די גלאררייכסטע באלויכטונגען. אין דעם איצטיגען פאל, ווען דאס גאלד וואלט געפעהלט, וואלט דער פאקט, דאס וואס מען האט געבראכט דאס גאלד מיט דריי טעג פריהער, באטראכט געווארען אלס עפעס מעהר ווי א צוזאמענטרעפונג. דאס וואלט געווען א באשטעטיגונג פון דער דאזיגער אידעע פון מאטיוו. אבער אונטער די ווירקליכע אומשטענדען פון דער זאך, אויב מיר זאלען אננעמען גאלד פאר'ן מאטיוו פון דער רציחה, מוזען מיר זיך אויך פארשטעלען דעם רוצח פאר אזא גוואלדיגען אידיאט, אז ער זאל האבען אוועקגעווארפען זיין גאלד מיט זיין מאטיוו צוזאמען.

— האלטענדיג איצט כסדר אין זינען די פונקטען, אויף וועלכע איך האב געצויגען דיין אויפמערקזאמקייט — דער מאדנער קול, די אומגעוועהנליכע פלינקייט און די דערשטוינענדע אפוועזענהייט פון מאטיוו אין א מארד, וואס איז אזוי זונדערבאר שוידערליך ווי אט דער — לאמיר איצט כאפען א קוק אויף דער הריגה גופא. א פרוי איז דא דערשטיקט געווארען אויף טויט מיט דעם כח פון הענט, און ארויפגעשפארט אין קוימען מיט'ן קאפ אראפ. געוועהנליכע מערדער געברויכען ניט אזעלכע מארד־

מיטלען. ווייניגער ווי אלץ איז מעגליך, אז זיי זאלען פטור ווערען
פון דעם ערמארדעטען אויף אזא וועג. אין דעם אופן, ווי מען
האט אריינגעשפארט דעם קערפער אין קוימען, וועסטו דאך צו־
געבען, אז עס איז געווען עפעס א ו י ס ע ר ג ע ו ו ע ה נ ־
ל י ך מ א ד נ ע — עפעס, וואס שטימט לחלוטין ניט מיט
אונזערע אלגעמיינע באגריפען פון מענשליכער טעטיגקייט, אפילו
ווען מיר זאלען זיך פארשטעלען די טוער אלס די פארדארבענסטע
מענשען. באַרעכען אויך, ווי גרויס עס האט געמוזט זיין די
קראפט, וואס האט געקענט אריינשפארען מיט גוואלד דעם קער־
פער א ר ו י פ צ ו צ ו אין אזא לאך, אז די פאראייניגטע
קרעפטען פון עטליכע מענשען איז קוים געגאנג געווען ארויסצו־
שלעפען פ ו ן א ו נ ט ע ן!

— איצט גיב זיך א קער צו די אנדערע סמנים פון העכסט
וואונדערליכער קראפט, וואס איז דא געברויכט געווארען. אויפ'ן
פריפעטשאק האט מען געפונען דיקע לאקען, זעהר דיקע לאקען,
פון גראהע מענשליכע האר. זיי זיינען געווען אויסגעריסען מיט
די ווארצלען. דו ווייסט דאך, וואס פאר א גוואלדיגען כח מען
דארף האבען, אום ארויסצורייסען אזוי פון קאפ כאטש צוואנציג
אדער דרייסיג האר פאר א מאל. דו האסט פונקט ווי איך גע־
זעהן די לאקען, ווענען וועלכע עס האנדעלט זיך דא. זייערע וואר־
צלען (א שוידערליכער בילד!) זיינען געווען איינגעוואקסען אין
שטיקער פלייש פונ'ם סקאלפ — א סימן מובחק פון דער וואונ־
דער־קראפט, וואס איז אנגעווענדט געווארען אויף אויסצורייסען
מיט'ן ווארצעל אפשר א האלבען מיליאן האר אויף איין מאל.
דער האלז פון דער אלטער פרוי איז ניט געווען בלויז איבערגע־
שניטען, נאר דער קאפ איז לגמרי געווען אפגעהאקט פונ'ם קער־
פער: דער אינסטרומענט איז געווען ניט מעהר ווי א גאָל מעסער.
איך וויל, אז דו זאלסט אויך א קוק טאן אויף דער ב ר ו ט א ־
ל ע ר גרויזאמקייט פון די דאזיגע מעשים. וועגען די וואונדען
אויפ'ן קערפער פון מאדאם ל'עספאנאי רעד איך דא ניט. מאסיע
דיומא און זיין ווירדיגער קאלעגע מאסיע עטיען האבען דערקלערט,
אז די וואונדען זיינען געמאכט געווארען מיט א טעמפען אינ־

סטרומענט: און אויף אַזוי ווייט זיינען די דאָזיגע הערצער זעהר געשווכט. עס איז קלאָר, אַז דער טעמפּער אינסטרומענט איז געוועזן דער שטיינערנער ברוק אין הויף, אויף וועלכען דער קרבן איז געפאַלען פון פענסטער, וואָס איז צוקאַפּען פון בעט. אַט די אידעע, ווי איינפאַך זי זאָל איצט ניט אויסזעהן, איז ניט איינגעפאַלען דער פּאָליציי צוליב דער זעלבער אורזאַך, וואָס זי האָט ניט באַמערקט די ברייט פון די לאַדענס — ווייל, איבער דער געשיכטע מיט די נעגעל, איז זייער בח־ההשגה הערמעטיש פאַרזיגעלט געוואָרען, ניט צו באַגרייפען די מעגליכקייט, אַז די פענסטער זיינען אינגאַנצען געעפענט געוואָרען.

— נון, אויב צו אַט די אַלע זאַכען, האָסטו ריכטיג באַטראַכט די מאָדנע אומאָרדנונג פון׳ם צימער, זיינען מיר אַזוי ווייט אוועק ווי צו קאָמבינירען די באַגריפען פון אַ פלינקייט אַ דערשטוינענדע, אַ קראַפט אַן איבערמענשליכע, אַ גרויזאַמקייט אַ ברוטאַלע, אַ הריגה אָהן אַ מאָטיוו, אַן אויסטערלישקייט אין שוידערהאַפטיגקייט, וואָס איז לחלוטין פרעמד פון מענשליכקייט, און אַ שטימע, פרעמד אין טאָן פאַר די אויערן פון מענשען פון פיעל פעלקער, און עס פעהלט יעדע שום דייטליכע אָדער פאַרשטענדליכע זילבען־בילדונג. אויב אַזוי, וואָס איז דער פועל־יוצא דערפון? וואָס פאַר אַן איינדרוק האָב איך געמאַכט אויף דיין פאַנטאַזיע?

איך האָב דערפיהלט, אַזוי ווי ווערים וואָלטען מיר איבער׳ן לייב געקראָכען, בעת דיופּען האָט מיך געפרעגט די פראַגע.

— אַ משוגענער, — האָב איך געזאָגט, — האָט דאָס געטאָן, עפּעס אַ ווילדער מאַניאַק, וואָס איז אַנטלאָפען פון דער דערבייאיגער Maison de Santé

— אין מאַנכע הינזיכטען, — האָט ער געזאָגט, — איז דיין אידעע גאָר ניט אויסען וועג. אָבער די שטימען פון משוגעים, אַפילו אין זייערע ווילדסטע פּאַראָקסיזמען, קענען קיינמאָל ניט זיין צוגעגליכען צו דער מאָדנער שטימע, וואָס איז געהערט געוואָרען אויף די טרעפּ. משוגעים קומען אַרויס פון וואָסער ניט איז פאָלק, און זייער לשון, ווי עס זאָל זיך ניט קלעפּען אַ וואָרט

צו א ווארט, האט אימער די פארבינדונג פון זילבען. אויסער־דעם, די האר פון א משוגענעם זעהט ניט אזוי אוים, ווי די וואס איך האלט איצט אין מיין האנט. איך האב ארויסגענומען אט דעם בינטעל האר פון די שטארק פארקוועטשטע פינגער פון מאַ־דאם ל'עספאנאי. זאג מיר, וואס קלערסטו וועגען דעם?

— דיופען! — האב איך אויסגערופען אינגאנצען דענעוור־רירט, — אט די האר איז העכסט אומגעוועהנליך, עס איז קיין מ ע נ ש ל י כ ע האר ניט.

— איך האב ניט באהויפטעט, אז דאס איז, — האט ער געזאגט. —אבער איידער מיר וועלען באשליסען אט דעם פונקט, וויל איך זאלסט א קוק טאן אויף אט דער קליינער צייכענונג, וואס איך האב אראפגענומען דא אויפ'ן פאפיר. עס איז א פאקסי־מילע צייכענונג פון דעם וואס איז אין טייל פונ'ם עדות־זאגען געשילדערט געווארען אלס „טונקעלע וואונדען און סימנים פון טיף איינגעשניטענע פינגער־נענעל" אויפ'ן האלז פון מאדמו־אזעל ל'עספאנאי, און איז אן אנדער טייל (פון די הערען דיומא און עטיען) אלס א רייהה ברויז־בלויע פלעקען, קענטיג די סמנים פון פינגער".

— דו וועסט באמערקען, — האט מיין פריינד פארטגעזעצט, אויסשפרייטענדיג פאר אונז דאס פאפיר אויפ'ן טיש, — אז די דאזיגע צייכענונג גיט דעם באגריף פון א פעסטער און זיכערער האנט. עס זעהט זיך ניט קיין שום א פ ו ו י י כ ו נ ג. יעדער פינגער איז געבליבען שטעקען אין לייב — מעגליך ביז'ן טויט פונ'ם קרבן — מיט'ן שרעקליכען נעם, אזוי ווי עס איז גלייך פון אנפאנג אריינגעלאזען געווארען. פרואוו איצטער שטעל אוועק דיינע פינגער, אלע פאר איין מאל, אין די באטרעפענדע אפדרו־קען, ווי דו זעהסט זיי.

איך האב אומזיסט געמאטערט זיך צו טאן דאס.

— מעגליך, מיר גיבען ניט דער זאך אן אומפארטייאישע פראבע, — האט ער געזאגט, — דאס פאפיר איז אויסגעשפרייט אויף אן איינפאכער אויבערפלאך: אבער דער מענשליכער האלז איז צילינדריש. אט איז א שייטעל האלץ, וואס האט כמעט

אזאַ'נ" אומקרייז אַזוי ווי דער האַלז. וויקעל אַרום די צייכנונג אַרום דעם, און פּרוביר נאָכאַמאָל דעם עקספּערימענט.

איך האָב אַזוי געטאָן, אָבער די שוועריגקייט איז געווען נאָך באַשיינפּערליכער ווי פריהער.

— דאָס, — האָב איך געזאָגט, — איז ניט דער צייכען פון אַ מענשליכער האַנט.

— איצטער לייען, — האָט דיופּען געזאָגט, — אָט די שטעלע פון קיוואָוויע.

עס איז געווען אַ גענויע אַנאַטאָמישע און אַלגעמיין שילדערנ־דע באַשרייבונג פון דעם גרויסען טונקעל־ברוינעם אָראַנג־אוטאַנג פון די אָסט אינדישע אינזלען. דער גיגאַנטישער וואוקס, די וואונדער־קראַפט און אַקטיוויטעט, די ווילדע רציחה און די אימי־טירטע שלעכטע נייגונגען פון אָט די זויג־חיות זיינען פאַר אַלע־מען גענוג באַקאַנט. איך האָב גלייך באַגריפען דעם פולען שווי־דער פון דעם מאָרד.

— די באַשרייבונג פון די פינגער, — האָב איך געזאָגט נאָכ־דעם ווי איך האָב געענדיגט לייענען, שטימט פּינקטליך מיט דער צייכענונג. איך זעה, אַז קיין שום חיה, נאָר אַן אָראַנג־אוטאַנג, פון דעם מין וואָס איז דאָ דערמאָנט, וואָלט ניט געקענט איינ־גראָבען זיך אַזוי מיט די פינגער, אַזוי ווי דו האָסט עס אַרונטער־גענומען. היינט אָט דער בינטעל טונקעל־ברוינע האָר זעהט אויך אַזוי אויס ווי די האָר פון קיוואָוויע'ס חיה. אָבער מיר איז ניט מעגליך צו פאַרשטעהן די פּרטים פון אָט דער שוידערליכער גע־היימנים. אחוץ דעם, האָט מען דאָך איז פאַרבינדונג מיט דעם געהערט צ ו ו י י שטימען. און איינע פון די איז אָהן שום שאלות געווען די שטימע פון אַ פראַנצויז.

ריכטיג: און דו ווערסט זיך דערמאָנען אַן אויסדרוק, וואָס די עדות האָבען כמעט איינשטימיג צוגעשריבען צו אָט דער שטי־מע, דער אויסדרוק "Mon dieu!" אָט דאָס איז אונטער די אומ־שטענדען ריכטיג כאַראַקטעריזירט געוואָרען פון איינעם פון די עדות (מאָנטאַני, דער צוקערניק), אַלס אַן אויסדרוק פון פּראָ־טעסט אָדער פאַרוואורף. אויף אָט די צוויי ווערטער האָב איך

דערפאר הויפטזעכליך געבויט מיינע האפנונגען צו לייזען איני־גאנצען די רעטעניש. א פראנצויז האט געוואוסט פון דעם מארד. עס איז מעגליך — ווירקליך, עס איז מעהר ווי ווארשיינליך — אז ער איז ניט געווען שולדיג אין דער גאנצער בלוטיגער געשיכטע, וואס איז פארגעקומען. עס קען זיין, דער אראנג־אוטאנג איז פון איהם אנטלאפען. ער האט אפשר איהם נאכגעשפירט ביז'ן צימער, אבער אונטער די אויפרעגענדע אומשטענדען וואס זיינען נאכדעם געשעהן, האט ער איהם בשום אופן ניט געקענט כאפען. ער איז נאך פראנק און פריי. איך וועל זיך ניט האלטען אן די דאזיגע השערות — איך האב קיין רעכט ניט צו רופען זיי אנדערש — ווייל די שאטענס פון די געדאנקען, אויף וועלכע זיי זיינען באזירט, זיינען קוים טיף גענוג צו האבען עפעס א ווערדע פאר מיין אייגענעם פארשטאנד, און וויבאלד נאך איך קען ניט פרעטענדירען צו מאכען זיי פארשטענדליך פאר אן אנדער'ס שכל. מיר וועלען זיי אלזא רופען השערות און רעדען פון זיי אלס אזעלכע. אויב דער פראנצויז, וועגען וועלכען עס האנדעלט זיך דא, איז ווירקליך, ווי איך שטעל זיך פאר, ניט שולדיג אין דער דאזיגער רציחה, וועט אט די אנאנסע, וואס איך האב נעכטען ביינאכט, ווען מיר זיינען אהיימגעגאנגען, איבערגעלאזען אין דער רעדאקציע פון „דע מאנד" (א צייטונג, וואס גיט זיך אפ מיט שיף־אינטערעסען און וועלכע ווערט געלייענט פון מאטראזען), איהם ברענגען היינט צו אונז אין הויז.

ער האט מיר דערלאנגט א צייטונג, און איך האב דארט איבערגעלייענט:

„געכאפט — איז בולאנער וואלד, גאנץ פריה — (דער טאג פונ'ם מארד), א זעהר גרויסען. טונקעל־ברוינעם אראנג־אוטאנג פון דעם בארנעזישען מין. דער אייגענטימער (וועלכער איז באשטימט א מאטראז אויף א מאלטעזישען שיף) קען קריגען די חיה צוריק, אויב ער וועט געבען צופרי־

ד ע נ ש ט ע ל ע נ ד ע ס מ נ י ם א ו ן ע ר ו ו ע ט ב אַ צ אָ ה ל ע ן , נ י ט ק י י ן ס ך , ו ו י פ י ע ל ע ס ק ו מ ט פ אַ ר ׳ ן כ אַ פּ ע ן א ו ן א ו י ס־ ה אַ ל ט ע ן . ז י ך ו ו ע נ ד ע ן אִ י ן נ ו מ ע ר —— ג אַ ס , —— פ אַ ר ש ט אָ ד ט ס ט . ז ש ע ר מ ע ן —
Au troisiéme.”

— ווי איז עס מעגליך געווען, — האָב איך געפרעגט, — דו זאָלסט וויסען, אַז דער מאַן איז אַ מאַטראָז און ער געהערט צו אַ מאַלטעזישען שיף?

— איך ווייס עס נ י ט , — האָט דיופּען געענטפערט, — איך בין ניט ז י כ ע ר אין דעם. אָט איז אָבער אַ קליין שטי־ קעל סטענגע, וואָס ווערלינג איהר פאַרמע און נאָך איהר פאַר־ שמאַלצענקייט איז קענטיג, אַז זי איז געניצט געוואָרען אויף צו פאַרפלעכטען די האָר אין לאַנגע צ ע פּ , וואָס די מאַטראָזען חן׳דלען זיך אַזוי מיט דעם. נאָכמעהר, אָט דער קניפּעל איז אַזאַ, וואָס ווייניג מענשען אחוץ מאַטראָזען קענען עס מאַכען, און אִי־ בערהויפּט מאַכען דאָס די מאַלטעזער. איך האָב אויפגעהויבען די סטענגע אונטען ביים בליץ־אַפּלייטער. דאָס האָט ניט געקענט געהערען צו וועמען פון די פאַרשטאָרבענע. נו, אויב נאָך אַלע־ מען האָב איך אַ טעות אין דעם שלום, וואָס איך דרינג אַרויס פון אָט דער סטענגע, אַז דער פראַנצויז איז געווען אַ מאַטראָז פון אַ מאַלטעזישען שיף, האָב איך נאָך אַלץ ניט קאַליע געמאַכט מיט דעם וואָס איך האָב געזאָגט אין דער אַנאָנסע. אויב איך האָב אַ טעות, וועט ער זיך בלויז משער זיין, אַז איך בין פאַרפיהרט געוואָרען פון אַ געוויסען אומשטאַנד, וואָס ער וועט זיך גאָר די מיה ניט נעמען צו אונטערזוכען דאָס. אויב אָבער איך בין גע־ רעכט, האָב איך אַ וויכטיגען פונקט געוואונען. וויסענדיג, כאָטש אומשולדיג, פון דעם מאָרד, וועט דער פראַנצויז, נאַטירליך, קווינקלען זיך צו ענטפערן אויף דער אַנאָנסע, צו פאָדערן דעם אָראַנג־אוטאַנג. ער וועט זיך אַזוי טראַכטען: „איך בין אומ־ שולדיג; איך בין אָרים; מיין אָראַנג־אוטאַנג איז אַ סך ווערט; פאַר אַ מענשען אין מיינע אומשטענדען איז דאָס אַ פאַרמעגען

פאר זיך אליין — פארוואס זשע זאל איך עס פארלירען איבער א פוסטען שרעק פאר געפאהר? אט איז עס מיט'ן האנט צו דער־לאנגען! מען האט עס געפונען אין דעם בולאנער וואלד — א גרויסער מהלך פון דעם פלאץ פון יענער הריגה. ווי קען מען גאר חושד זיין, אז א חיה־רעה זאל עס האבען אפגעטאן? די פאליציי איז דורכגעפאלען — זיי האבען דעם מינדסטען שפור ניט געקענט געפינען. זאלען זיי אפילו נאכשפירען די חיה, וועט עס זיין אוממעגליך צו באווייזען, אז איך האב געוואוסט פון דעם מארד, אדער צו פארמישען מיך אין דעם שולד צוליעב דעם וואס איך האב יא געוואוסט. אויסער אלעמען, ב י ן א י ך ב א ־ ו ו א ו ס ט. דער אנאנסירער באצייכענט מיך אלס דעם אייגענטימער פון דער חיה. איך בין ניט זיכער, ווי ווייט זיין ווי־סען קען גרייכען. זאל איך אויסמיידען ניט צו פאדערן אזא גרויס פארמעגען, וואס מען ווייסט אז דאס איז מיינס, וועט דאך דענסט־מאל ווענינגסטענס געווארפען ווערען א חשד אויף דער חיה. איך וויל ניט, אז עס זאל געצויגען ווערען אויפמערקזאמקייט אויף מיר אדער אויף דער חיה. איך וועל זיך אפרופען אויף דער אנאנסע, קריגען דעם אראנג־אוטאנג און האלטען איהם באהאלטען ביז די געשיכטע וועט פארגעסען ווערען".

אין דעם אויגענבליק האבען מיר דערהערט א טראט אויף די טרעפ.

— זייט גרייט מיט דיינע פיסטאלעטען, — האט דיופען גע־זאגט, — אבער דו זאלסט זיי ניט געברויכען און אויך ניט ווייזען זיי, ביז דו וועסט פון מיר ניט זעהן קיין סיגנאל.

די פאדער־טיר פון הויז איז געבליבען אפען, און דער בא־זוכער איז אריין ניט אנקלינגענדיג, און איז ארויף עטליכע טרעפ. דערנאך אבער האט ער געשיינט צו קווינקלען זיך. באלד האבען מיר איהם געהערט ארונטערגעהענדיג. דיופען האט זיך שנעל גע־נומען רוקען צו דער טיר. ערשט מיר האבען ווידער דערהערט איהם ארויפגעהענדיג. א צווייטען מאל האט ער זיך שוין מעהר ניט צוריקגעקערט, נאר ער איז ארויפגעגאנגען מיט אנטשלאסענ־הייט, און ער האט אנגעקלאפט אין טיר פון אונזער צימער.

— קומט אריין! — האָט דיופּען זיך אָנגערופען מיט אַ פרעהליכען און הארציגען טאָן.

אַ מאַן איז אריין. ער איז קענטיג געווען אַ מאַטראָז — אַ גרויסער, פולער און קענטיג קרעפטיגער מאַן, מיט אַ געוויסען גע־וואגטען אויסדרוק פון געזיכט, ניט גאַר אָנציהענד, זיין פּנים, שטארק אָפּגעברענט פון דער זון, איז געווען מעהר ווי האלב באַ־האַלטען אין באַקענבארדען און וואנצעס. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ גרויסען דעמבענעם דראַנג, אָבער ווייטער אַזוי איז ער, דאכט זיך, געווען ניט באוואפענט. ער האָט זיך אומגעלומפּערט פארנייגט און געזאָגט אונז „גוט נ׳אווענט" מיט אַ פראַנצויזישען אַקצענט, וועלכער האָט, אמת, געקלונגען עטוואָס ניושאַטעליש, אָבער ער האָט גענוג געציינט אַז ער איז פון אַ פאַריזער אָפּ־שטאַמונג.

— זעצט זיך, מיין פריינד! — האָט דיופּען געזאָגט, — איך רעכען, איהר זייט געקומען מכח דעם אראַנג־אוטאַנג. אויף מיין ווארט, איך בין שיער ניט מקנא אייך, וואָס איהר פאַר־מאָגט איהם. אַ מערקווירדיגע פיינע און אָהן צווייפעל אַ זעהר ניצליכע חיה. ווי אַלט, רעכענט איהר, דאַרף ער זיין?

דער מאַטראָז האָט אַ לאַנגען אָטעם געטאָן, מיט דער מינע פון אַ מענשען, וואָס איז פּטור געווארען פון עפּעס אַן אומער־טרעגליכער לאַסט, און דאָן האָט ער געענטפערט מיט אַ דרייסטען טאָן:

— איך קען ניט זאָגען וויפיעל, אָבער ער מוז ניט זיין מעהר ווי פיער אָדער פינף יאָהר אַלט. האָט איהר איהם דאָ ביי זיך?

— אָ, ניין! מיר האָבען דאָ ניט די באַקוועמליכקייט צו האַלטען איהם דאָ. ער איז אין אַ פערדען־שטאַל אויף דיובורג גאַס, דאָ דערביי. איהר וועט איהם קענען קריגען אינדערפריה. פארשטעהט זיך, איהר האָט סמנים אָנצוגעבען?

— געוויס, מיין הערר!

— עס וועט מיר זעהר לייד טאָן צו שיידען זיך מיט איהם, — האָט דיופּען זיך אָנגערופען.

— איך מיין ניט, אַז איהר זאָלט פאַר אייער גאַנצע טרחה

גארנישט קריגען, מיין העדר ! — האט דער מאן געזאגט — איך האב עס גארניט גערעכענט. איך בין זעהר גערן צו געבען א באלוי־נונג פאר געפינען די חיה. איך מיין אזא וואס זאל זיין ביים וועג.

— יא, — האט געענטפערט מיין פריינד, — דאס אלץ איז זעהר פיין, זיבער. לאמיר נאר א טראכט געבען ! וואס זאל איך האבען דערפאר ? יא ! איך וועל אייך זאגען. מיין באלוי־נונג זאל אט וואס זיין. איהר זאלט מיר דערצעהלען אלץ וואס איהר ווייסט וועגען אט די מארדען אויף מארג־גאס.

דיופען האט ארויסגערעדט די לעצטע ווערטער אין זעהר א נידעריגען טאן, און זעהר רוהיג. פונקט אזוי רוהיג איז ער אויך צוגעגאנגען צו דער טיר, צוגעשלאסען, און דעם שליסעל ארייגעלייגט צו זיך אין קעשענע. ער האט דאן ארויסגענומען א פיסטאלעט פון זיין בוזים, און אהן דער מינדסטער אויפרע־גונג דאס אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש.

דעם מאטראז'ס פנים האט אויפגעפלאמט, גלייך ווי עס וואלט איהם עפעס גענומען שטיקען אין האלז. ער האט זיך אויפגע־שטעלט אויף די פיס און שטייף אנגענומען זיין דראנג : אבער אין דער אנדער רגע איז ער צוריקגעפאלען אין זיין שטול, שטארק ציטערנדיג און בלאס ווי דער טויט אליין. ער האט קיין ווארט ניט גערעדט. איך האב אויף איהם רחמנות געקראגען פון דער טיפעניש פון מיין הארצען.

— מיין פריינד ! — האט דיופען געזאגט מיט א פריינד־ליכען טאן, — איהר באאומרוהיגט זיך אומזיסט, ווירקליך אזוי. מיר מיינען ניט צו טאן אייך עפעס שלעכטס. איך גיב אייך דאס עהרענווארט פון אן אדעלמאן און א פראנצויז, אז מיר ווילען אייך ניט שעדיגען. איך ווייס גאנץ גוט, אז איהר זייט ניט שולדיג אין די רציחות אויף מארג־גאס. איך וועל אבער ניט לייקענען, אז איז א געוויסער מאס זייט איהר יא פארמישט אין דעם. פון דעם, וואס איך האב שוין געזאגט, קענט איהר וויסען, אז איך האב געהאט וועגען ווי צו דערגעהן די זאך, אזעלכע וועגען, פון וועלכע איהר וואלט קיינמאל ניט געח'לומ'ט . איצט האלט די זאך אזוי.

איהר האט קיין זאך ניט געטאן, וואס איהר וואלט געקענט אויס־מיידען — געוויס, קיין זאך ניט, וואס זאל אייך מאכען פאר שול־דיג. איהר זייט אפילו ניט שולדיג אין רויבעריי, כאטש איהר האט געקענט בארויבען און בלייבען אומבאשטראפט. איהר האט גארנישט וואס צו באהאלטען. איהר האט קיין שום אורזאך ניט צו באהאלטען. פון דער אנדער זייט, זייט איהר פארפליכטעט פון יעדען עהרען־פרינציפ מודה צו זיין זיך אין אלעס וואס איהר ווייסט. אן אומשולדיגער מענש איז איצט ארעסטירט, באשול־דיגט אין דעם פארברעכען, פון וועלכען איהר קענט אנצייגען דעם טוער.

דער מאטראז איז אין א היבשער מאס צו זיך געקומען. בעת דיזפען האט ארויסגערעדט די ווערטער, אבער זיין ערשטע דריים־טע האלטונג איז אינגאנצען פארשוואונדען.

— זאל מיר גאט אזוי העלפען, — האט ער געזאגט נאך א קורצער פויזע, — איך וועל אייך דערצעהלען אלעס וואס איך וויים וועגען דער געשיכטע. אבער איך ערווארט ניט, איהר זאלט מיר גלויבען אפילו האלב פון דעם וואס איך וועל דער־צעהלען. איך וואלט ווירקליך געווען א נאר, ווען איך זאל עס ער־ווארטען. דאך בין איך אומשולדיג, און אויב עס וועט אויס־קומען, וועל איך שטארבען מיט א ריינעם געוויסען.

וואס ער האט דערצעהלט, איז אין עצם אזוי געווען: ער האט לעצטענס געמאכט א רייזע צום אינדישען ארכיפעלאג. א קאמפאניע, פון וועלכער ער איז געווען איינער, האט געלאנדעט אין בארנעא, און איז אוועק ווייטער אויף א לוסט־עקסקורסיע. ער און א קאמפאניאן האבען געכאפט דעם אראנג־אוטאנג. דער קאמפאניאן איז געשטארבען, איז די חיה געבליבען פאר איהם אליין. נאך א סך צרות, וואס ער האט געהאט אויף זיין רייזע אי־בער די אומצוימבארע ווילדקייט פון זיין געפאנגענעם, איז איהם ענדליך געלונגען צו ברענגען איהם בשלום צו זיך אהיים אין פאריז, וואו אום ניט צוציהען צו זיך די אומאנגענעהמע נייגעריגקייט פון זיינע שכנים, האט ער איהם זארגפעלטיג באהאלטען ביז דער צייט, ווען ער וועט געזונט ווערען פון א וואונד אין פוס, וועלכע ער

האָט געקראָגען. פאַרשטעכענדיג זיך פון אַ האַלץ אויפ'ן שיף.
סוף־כּל־סוף האָט ער עס גערעכענט צו פאַרקויפען.

צוריקקערענדיג זיך אַהיים פון עפּעס אַ מאַטראָזסקע שמחה'־
לע אין דער נאַכט, אָדער בעסער געזאָגט אין דעם פריהמאָרגען פון
דעם מאָרד, האָט ער געפונען די חיה פאַרנעמענדיג זיין אייגען
שלאָפצימער, וואוהין ער האָט זיך אַריינגעריסען פון אַ דערביי־
איגען אַלמער, וואו, ער האָט גערעכענט, ער איז גוט פאַרפאַקט.
מיט'ן גאָלמעסער אין האַנט, און ווי געהעריג אַנגעזייפט, איז
דאָס זיך געזעסען פאַר אַ שפּיגעל, פּרובירענדיג זיך צו גאָלען,
אַזוי ווי ער האָט אַהן צווייפעל פריהער געזעהן דורכ'ן שליסעל־
לאַך פון אַלמער זיין האַר טוענדיג דאָס. דערשראָקען ביז גאָר,
דערזעהענדיג אַזאַ געפעהרליכען וואָפען אין די הענט פון אַזאַ
ווילדע חיה, וועלכע איז נאָך גוט אימשטאַנד צו געברויכען דאָס,
איז דער מאַן געבליבען שטעהן פאַר עטליכע רגע'ס, ניט וויסענדיג
וואָס צו טאָן. ער איז אָבער געווען געוועהנט איינצושטילען דאָס
באַשעפניש, אַפילו אין זיינע ווילדסטע מאָמענטען, געברויכענ־
דיג דערצו אַ בייטש, און דאָס האָט ער אויך איצט געוואָלט טאָן.
דערזעהענדיג דאָס, האָט דער אָראַנג־אוטאַנג אַ שפּריז געטאָן
גלייך דורכ'ן טיר פון צימער און איז אַרונטער די טרעפּ, און דאָן,
דורך אַ פענסטער, וואָס איז צום אומגליק געווען אָפען, אין גאַס
אַרויס.

דער פראַנצויז האָט נאָכגעפאָלגט אין פאַרצווייפלונג. די
מאַלפּע, מיט'ן גאָלמעסער נאָך אין האַנט, האָט ווען ניט ווען
זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק צו טאָן אַהינטער און צו מאַכען מיט די
הענט צו איהר נאָכיאָגער, ביז דער לעצטער האָט זי שיער־שיער
ניט אַנגעיאָגט. דאָן האָט זי זיך ווידער אַ לאָז געטאָן לויפען. אויף
אַזאַ'נ'אופן האָט דאָס יאָגעניש געדויערט אַ היבשע צייט. די
גאַסען זיינען געווען טויט שטיל, ווייל עס איז געווען אַרום דריי
פאַרטאָג. אַריינגעהענדיג אין אַ געסעל הינטער דער מאָרג־גאַס,
האָט דעם אַנטלאָפענעמ'ס אויפמערקזאַמקייט זיך אָפּגעשטעלט
אויף דאָס פייערל, וואָס האָט געשימערט פונ'ם אָפענעם פענ־
סטער פון מאַדאַם ל'עספּאַנאַי'ס צימער אויפ'ן פערטען שטאָק

פון איהר הויז. אַ לאַז־טועענדיג זיך צו דער געביידע, האָט ער באַמערקט דעם בליץ־אַפּלייטער, האָט ער ארויפגעקלעטערט אויף דעם מיט אַן אומבאַגרייפליכער פלינקייט, אַנגעכאַפּט דעם לאַדען, וואָס איז געווען אינגאַנצען אָפען, און איז אויף אַזאַ'נ'אופן ארויפגעשפּרונגען גלייך אויפ'ן קאָפּען פונ'ם בעט. די גאַנצע מעשה האָט קיין מינוט ניט געדויערט. דער לאַדען איז צוריק אָפּגעעפענט געוואָרען פון דעם אָראַנג־אוטאַנג'ס שטויס, ער איז אין צימער אַריין.

דער מאַטראָז איז דערווייל געווען אי דערפרעהט אי צעטומעלט. ער האָט געהאַט איצט שטאַרקע האָפענונגען צו כאַפּען די בעסטיע, ווייל זי האָט קוים געקענט אַנטלויפען פון דער פאַסטקע, אין וועלכער זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט, סיידען דורכ'ן בליץ־אַפּלייטער, וואו מען האָט זי געקענט איבערנעמען ביים ארונטערגעהן. פון דער אַנדער זייט איז געווען אַ סך וואָס צו באַאומרוהיגען זיך, וועגען דעם וואָס זי קען דאָרטען אַנטאָן אין הויז. דער לעצטער געדאַנק האָט געצוואונגען דעם מאַן נאָכצופאָלגען דעם אַנטלאָפענעם. ארויפצוקלעטערן איבער אַ בליץ־אַפּלייטער איז פון די לייכטע זאַכען, איבערהויפּט פאַר אַ מאַטראָז; אָבער ווען ער איז ארויף אַזש ביז צום פענסטער, וואָס איז געלעגען ווייט פון איהם לינקס, איז ער געבליבען שטעהן. דאָס העכסטע וואָס ער האָט געקענט אויפטאָן, איז אויסצוציהען זיך אויף אַזוי פיעל, אַז ער זאָל קענען כאַפּען אַ קוק וואָס עס טוט זיך אינווייניג אין צימער. אָבער ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטאָן, איז ער שיער ניט ארונטערגעפאַלען פאַר גרויס שרעק. דאָס איז דעמאָלט געווען, וואָס די שוידערליכע געשרייען האָבען דורכגעשניטען די נאַכט, אויפרייסענדיג פון שלאָף די איינוואוינער פון דער מאָרג־גאַס. מאַדאַם ל'עספּאַנאַי און איהר טאָכטער, אַנגעטאָן אין זייערע נאַכט קליידער, זיינען, ווי עס שיינט, געווען פאַרנומען מיט איבערלעזען עפּעס פּאַפּירען אין דעם שוין דערמאָנטען אייזערנעם שראַנק, וועלכער איז ארויסגעפיהרט געוואָרען אינמיטען צימער. עס איז געווען אָפען, און דאָס וואָס איז אינווייניג געווען, איז געלעגען ביי דער זייט אויפ'ן דיל. די קרבנות האָבען געמוזט

זיצען מיט זייערע רוקענס צום פענסטער, און פון דער צייט וואס איז אוועק צווישען דעם אריינגעהן פון דער חיה און די געשרייען, זעהט וואהרשיינליך אוים, אז מען האט עס ניט גלייך באמערקט. דעם קלאפען פונ'ם לאדען האט מען געקענט נאטירליך צושרייבען צום ווינט.

ווען דער מאטראז האט אריינגעקוקט, האט די ריזיגע חיה אנגעכאפט מאדאם ל'עספאנאי פאר די האר (וועלכע זיינען געווען צעלאזען, ווייל זי האט זיי געהאלטען אין קעמען). און געמאכט מיט'ן גאלמעסער ארום איהר פנים, ווי נאכמאכענדיג די באוועגונגען פון א ראזירער. די טאכטער איז געלעגען אויסגעצויגען און באוועגלאז: זי האט גע'חלש'ט. די געשרייען און דאס ראנגלען זיך פון דער אלטער פרוי (וואס פאר דער צייט איז איהרע האר אויסגעריסען געווארען פון קאפ) האבען געהאט די ווירקונג אויף אראנג־אוטאנג, אז ער זאל ענדערן זיינע וואהרשיינליך פרידליכע אבזיכטען אויף ווילד־צארניגע. מיט איין אנטשלאסענעם מאך פון זיין מוסקולאטורען ארעם האט ער כמעט ווי אפגעהאקט איהר קאפ פון איהר קערפער. דערזעהן דאס בלוט איז ער אנגעצונדען געווארען מיט מעהר רציחה. קריצענדיג מיט די צייהן און ברענענדיג מיט די אויגען, האט ער זיך א ווארף געטאן אויף דער מיידעל'ס קערפער און אריינגעלאזען זיינע מורא'דיגע נעגעל אין איהר האלז, האלטענדיג דאס אזוי לאנג, ביז זי איז אויסגעגאנגען. זיינע בלאנדזשעדיגע און ווילדע בליקען זיינען אין דעם אויגענבליק געפאלען אויפ'ן קאפען פונ'ם בעט, איבער וועלכען דער פנים פון זיין האר, פארגליווערט פאר שרעק, האט זיך אקארשט אנגעזעהן. דער ווילדער צארן פון דער בעסטיע, וועלכע האט אהן צווייפעל נאך געהאט אין זינען די מורא'דיגע בייטש, איז אויגענבליקליך אריבער אין שרעק. פיהלענדיג אז זי האט פארדינט א שטראף, האט זי, ווי עס שיינט, געוואלט באהאלטען איהרע בלוטיגע מעשים, און זי איז ארומגעשפרונגען איבער'ן צימער אין אן אגאניע פון נערוועזער אויפרעגונג, איבערקערענדיג און צעברעכענדיג דאס מעבעל ביים ארומלויפען, און האט אזוי אויך ארויסגעשלעפט דאס בעט פונ'ם געשטעל. צום

סוף האט זי א כאפ געטאן דעם קערפער פון דער טאכטער און עס ארויפגעשטופט אין קוימען, וואו עס איז געפונען געווארען; דאן האט זי א כאפ געטאן דעם קערפער פון דער אלטער פרוי און עס גלייך א שליידער געטאן דורכ'ן פענסטער מיט'ן קאפ אראפ.

ווען די מאלפע איז צוגעקומען צו דער פענסטער־ראם מיט איהר צעקאליעטשעטער משא, האט דער מאטראז אין שרעק זיך צוריקגעצויגען צו דער דראט פון בליץ־אפלייטער, און גיכער ארונטערגליטשענדיג זיך איידער ארונטערקריכענדיג, האט ער זיך געאיילט גלייך אהיים, ציטערנדיג פאר די פאלגען פון דער הריגה, און אין זיין שרעק צופרידען אוועקווארפענדיג יעדע שום זארג וועגען דעם שיקזאל פון דעם ארגאנג־אוטאנג. די ווערטער, וואס די קאמפאניע האט געהערט אויף די טרעפ, זיינען געווען דעם פראנצויז'ס אויסגעשרייען פאר אימה און שרעק, צונויפגעמישט מיט די טייוואלנישע פלוידערייען פון דער חיה־רעה.

איך האב כמעט ניט וואס צו צוגעבען. דער אראנג־אוטאנג האט געמוזט אנטלויפען פונ'ם צימער איבער'ן בליץ־אפלייטער, פונקט פאר דעם ווי מען האט אויפגעבראכען די טיר. דורכקריכענדיג, האט ער געמוזט פארמאכען דאס פענסטער. דער סוף איז געווען, אז דער אייגענטימער אליין האט איהם געכאפט און פארקויפט איהם פאר א זעהר גרויסע סומע. און Jardin des Plantes לע באן איז באפרייט געווארען, גלייך ווי מיר האבען דערצעהלט די גאנצע געשיכטע (מיט איינינע קאמענטארען פון דיופען'ען) אין ביורא פון דעם פאליציי־פרעפעקט. דער דאזיגער באאמטער, ווי גוט ער איז ניט געווען גענייגט צו מיין פריינד, האט ער גאר אינגאנצען ניט געקענט פארבארגען זיין פארדרוס, וואס די געשיכטע האט אזא ווענדונג אנגענומען, און ער האט מיט צופרידענהייט געמאכט א סארקאסטישע באמערקונג וועגען דעם וואס ס'איז ניט שעהן פאר א מענשען זיך מישען אין פרעמדע עסקים.

— זאל ער רעדען! — האט געזאגט דיופען, וועלכער האט גארניט געהאלטען פאר נויטיג איהם צו ענטפערען, — זאל ער רעדען, וועט איהם ווערען לייכטער אויפ'ן הארצען. איך בין צופרי־

דען, וואס איך האב איהם צעקלאפט אין זיין אייגענעם שלאף. פונדעסטוועגען, דאס וואס איהם האט זיך ניט איינגעגעבען צו לייזען די דאזיגע געהיימנים, איז פאר קיין פאל ניט דערפאר ווייל עס איז א וואונדערליכע זאך, ווי ער איז זיך משער: ווארים אין דער אמת איז אונזער פריינד דער פרעפעקט עטוואס צו כיטרע, אום צו זיין טיפזיניג. אין זיין קלוגשאפט איז ניטא קיין פעסטע גרונדלאגע. עס איז דורכאוים קאפ, אהן א גוף, פונקט ווי די בילדער פון דער געטין לאווערנא: אדער אין דעם בעסטען פאל דורכאוים קאפ און אקסלען, אזוי ווי א שטאק־פיש. אבער נאך אלעמען איז ער א גוטער נפש. איך אכט איהם איבערהויפט פאר זיין באהערשען די קאנווענציאנעלע פראזעאלאגיע, מיט וואס ער האט ערווארבען זיין רעפוטאציע פון א שארפזיניגען. איך מיין דעם אופן ווי ער האט

“de nier ce qui est; et d’expliquer ce qui n’est pas.”
Nouvelle Héloise

א מאנוסקריפט, וואס מען האט געפונען אין א פלעשעל.

Qui n'a plus qu'un moment a viare
n'a plus rien a dissimuler.

ק י נ א ל — א ט י.

וועגען מיין לאנד און מיין משפחה האב איד ווייניג וואס צו זאגען. שלעכטע געוועהנהייטען און א משך פון יאהרען האבען מיך פארטריבען פון דעם ערשטען און פארפרעמדט מיך פון דער צווייטער. איך האב גע'ירש'נט א פארמעגען, וואס האט מיר געגעבען די מעגליכקייט צו קריגען ניט קיין געוועהנליכע ערציהונג, און מיין פארשענדער גייסט האט מיר געגעבען די מעגליכקייט צו מעטאדיצירען די גייסטיגע אוצרות, וועלכע איך האב אנגעזאמעלט שטודירענדיג מיט התמדה יונגערהייד. א חוץ אלע זאכען, האבען די ווערק פון די דייטשע מאראליסטען פארשאפט מיר גרויס פארגעניגען, ניט פון נארישער התפעלות פאר זייער בארעדזאמער משוגעת, נאר ווייל עס פלעגט מיר לייכט אנקומען, צוליב מיין שארפען קאפ, אויפצודעקען זייערע פאלשקייטען. מען האט מיר אפט אויפגעווארפען, אז איך האב א טרוקענע נשמה: מען האט מיר פאררעכענט פאר א פארברעכען דאס וואס עס פעהלט מיר פאנטאזיע, און דער פירהאניזם פון מיינע מיינונגען האט אין אלע צייטען מיך באריהמט געמאכט. ווירקליך, א שטארקע נייגונג פאר פיזישע פילאזאפיע, האב איך מורא, האט אנגעשטעקט מיין מארד מיט א זעהר אלגעמיינעם פעהלער פון היינטיגען דור — איך מיין, די מאדע צוצושרייבען פאסירונגען, אפילו אזעלכע, וואס האבען אם ווייניגסטען א שייכות דערמיט צו די פרינציפען פון יענער וויסענשאפט. אינגאנצען גענומען, קען קיין שום מענש ניט זיין ווייניגער מסוגל ווי איך ארויסגעפיהרט צו ווערען פון די שטרענגע גרעניצען פון אמת דורך די

פון אבערגלויבען. איך האב געהאלטען ignes fatui פאר ריכטיג צו מאכען אזא לאנגע הקדמה, כדי די אומ־גלויבליכע געשיכטע, וואס איך וועל דא דערצעהלען, זאל ניט באטראכט ווערען גיכער אלס די פלוידערייען פון אן אומגעלומ־פערטער פאנטאזיע, איידער אלס די פאזיטיווע ערפאהרונג פון א מענשען מיט פארשטאנד, פאר וועמען די טרוימערייען פון פאנ־טאזיע זיינען געווען א טויטער בוכשטאב און א נול.

נאכדעם ווי איך האב פארבראכט פיעל יאהרען אין ארומ־פאהרען איבער פרעמדע לענדער, ביז איך אין דעם יאהר 18—— אפגעפאהרען פון דעם פארט פון באטאוויא, וואס אויף דעם ריי־כען און באפעלקערטען אינזעל יאווא, אויף א רייזע צו די אר־כיפעלאג אינזלען. איך בין אוועק אלס פאסאזשיר, ניט האבענ־דיג קיין אנדער פארלאנג, ווי נאר א מין נערוועזע אומרוהיגקייט, וועלכע האט מיך געיאגט ווי א שטן.

אונזער שיף איז געווען א שעהנע שיף פון ארום פיער הונ־דערט טאן, באשלאגען מיט קופער, און געבויט אין באמביי פון מאלאבארישען טעק־האלץ. זי איז געווען אנגעלאדען מיט רויהען באוועל און עהל פון די לאקאדיווען אינזלען. מיר האבען אויך געהאט אויפ'ן שיף קאיאר, דזשאגערי, גהי, קאקוס־ניס און עטלי־כע קאסטענס אפיום. די אנלאדונג איז געמאכט געווארען אומ־געלומפערט, און די שיף האט זיך דערפאר לייכט געקענט אי־בערקעהרען.

ווען מיר זיינען אפגעפאהרען, האט קוים א ווינטעל געבלא־זען, און א סך טעג זיינען מיר געשטאנען ביים מזרח־ברעג פון יאווא, און עס האט זיך גארנישט געמאכט, עפעס, וואס זאל פאר־טרייבען די מאנאטאניגקייט פון אונזער רייזע, א חוץ דאס צו־פעלינע טרעפען זיך מיט איניגע פון די קליינע שיפלאך פון דעם ארכיפעלאג, וואוהין מיר זיינען געפאהרען.

איינמאל אין אן אווענט, אנשפארענדיג זיך איבער'ן דעק־געלענדער, האב איך באמערקט א זעהר מאדנעם אפגעזונדערטען וואלקען צו נארד־וועסט צו. ער איז געווען מערקווירדיג, אי מיט זיין קאליר, אי מיט דעם וואס עס איז געווען דער ערשטער,

וואס מיר האבען געזעהן זינט אונזער אפפאהרען פון באטאוויא. איך האב דאס אויפמערקזאם באאבאכטעט ביז זונען־אונטערגאנג. ווען דאס האט זיך מיט א מאל צעשפרייט צו מזרח־צו און צו מערב־צו, ארומגארטלענדיג זיך אין דעם האריזאנט מיט א שמא־לען שטרייף פון נעבעל, און אויסקוקענדיג ווי א לאנגע ליניע פון א נידעריגען ברעג. מיין אויפמערקזאמקייט איז גלייך נאכדעם געצויגען געווארען אויף'ן טונקעל־רויטען אויסזעהן פון דער לבנה און אויף'ן זונדערבארען כאראקטער פון דעם ים. דאס לעצטע האט זיך שנעל געענדערט, און דאס וואסער האט אויסגעזעהן מעהר ווי געוועהנליך דורכזיכטיג. כאטש איך האב דייטליך געקענט זעהן דעם אפגרונט, האב איך געפונען, אז די שיף איז פופצעהן קלאפטער אין וואסער. די לופט איז געווארען אומערטרעגליך הייס, און עס איז געווען אנגעלאדען מיט ספיראלע אויסדונס־טונגען, עהנליך צו די וואס קומען ארויס פון אנגעברענטע אייזען. ווען די נאכט האט זיך אנגערוקט, איז יעדעם ברעקעל ווינט אפ־געשטארבען, און א מעהר פאלשטענדיגע רוהיגקייט איז אוממעג־ליך צו באגרייפען. דער פלאם פון א ליכט האט געברענט אין הינ־טער־טייל פון שיף אהן א שום באמערקבארער באוועגונג, און א לאנגע האר וואס איך האב געהאלטען צווישען די פינגער, איז גע־האנגען אהן א שום מעגליכקייט צו געפינען א וויבראציע. אזוי ווי אבער דער קאפיטאן האט געזאגט, אז ער קען ניט זעהן קיין שום סימן פון געפאהר, און אזוי ווי עס האט אונז געטריבען צום ברעג, האט ער געהייסען אויפציהען די זעגלען און אפלאזען דעם אנקער. קיין וואך האט מען ניט אוועקגעשטעלט, און די מאנשאפט, בא־שטעהענדיג הויפטזעכליך פון מאלאיער האט זיך ברייטליך אויסגע־צויגען אויף'ן דעק. איך בין אראפ אונטען, און דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז עפעס וועט טרעפען. ווירקליך, יעדע זאך האט אויסגע־זעהן צו באשטעטיגען מיין מורא פאר א סאמום. איך האב דער־צעהלט דעם קאפיטאן פון מיין שרעק, אבער ער האט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט צו דעם וואס איך האב געזאגט, און האט מיר אפילו דעם כבוד ניט אנגעטאן צו ענטפערען מיר. מיין אומרו־היגקייט אבער האט מיר ניט געלאזען שלאפען, און ארום האלבע

נאכט ביז איך ארויף אויפ׳ן דעק. ווי איך האב ארויפגעשטעלט מיין פוס אויפ׳ן אויבערשטען טרעפעל פון די טרעפ, בין איך דערשטוינט געווארען פון א הויכען הודזשענדרען קול, אזוי ווי עס הערט זיך א מאל בעת די ראד פון א מיהל נעמט זיך שנעל דרעהען, און איידער איך האב געקענט דערגעהן וואס דאס מיינט, האב איך דערזעהן, אז די שיף טרייסעלט זיך אין מיטען. באלד נאכדעם האט א גאנצער ים מיט שוים אונז א שליידער געטאן אויף איין זייט, און א לאז טוענדיג זיך איבער אונז היז און צוריק, האט עס א שווינק געטאן די גאנצע דעק פון עק ביז עק.

די ווילדע רציחה פון דעם שטורעם האט אין א גרויסע מאס א טובה געטאן דער שיף. כאטש איננאנצען פול מיט וואסער, דאך, ווען איהרע מאסטבוימער זיינען צעשמעטערט געווארען, האט זי א מינוט שפעטער זיך שווער אויפגעהויבען פונ׳ם ים, און וואקלענדיג זיך א ווײַלע אונטער דעם מורא׳דיגען דרוק פון דעם שטורמווינט, האט זי זיך ענדליך אויסגעגלייכט.

דורך וואס פאר א נס האב איך זיך געראטעוועט פון טויט, איז אוממעגליך צו זאגען. פאלענדיג ווי א שטיין פון דעם קלאפ פון וואסער, האב איך דערנאך, קומענדיג צו זיך, דערזעהן, אז איך ליג צונויפגעקוועטשט צווישען דעם דעק־סלופ און דעם שטייער־רודער. שטעלענדיג זיך מיט גרויס מאטערניש אויף די פיס און ארומקוקענדיג זיך ווי א צעמישטער, איז מיר צוערשט איינגעפאלען א געדאנק, אז מיר זיינען צווישען שטורעמדיגע כוואליעס: אזוי מורא׳דיג, וואס די ווילדסטע פאנטאזיע קען זיך דאס גארניט פארשטעלען, איז געווען דער ווירבעל־שטראם פון דעם בערגיגען און שוימענדען אקעאן, אין וועלכען מיר זיינען איינגעשלונגען געווארען. א ווײַלע שפעטער האב איך דערהערט די שטימע פון אן אלטען שוועד, וועלכער איז ארוים צוזאמען מיט אונז בעת מיר האבען פארלאזען דעם פארט. איך האב א געשריי געטאן צו איהם מיט אלע מיינע כחות, און ער איז באלד צוגעקומען ווארפענדיג זיך ווי א שכור אין אלע זייטען. מיר האבען באלד אויסגעפונען, אז מיר זיינען די איינציגע לעבען־איבערגעבליבענע פון דעם אומגליק. אלע אויפ׳ן דעק, א חוץ

אונז ביידען, זיינען אריינגעשליידערט געווארען אין ים אריין: דער קאפיטאן און זיינע העלפער האבען געמוזט אומקומען שלאפענדיגעהייט, ווייל די קאיוטעס זיינען געווען פול מיט וואסער. אהן הילף האבען מיר וועניג וואס געקענט טאן, אום צו ראטעווען די שיף, און אונזערע אנשטרענגונגען זיינען צוערשט פאראליזירט געווארען פון די מאמענטאנע ערוואַרטונגען, אז אט־אט געהען מיר אונטער. אונזער קאבעל איז, פארשטעהט זיך, צעריסען געווארען אזוי ווי פאק־פאדים ביים ערשטען בלאז פון'ם אוראגאן, אניט וואלטען מיר אויגענבליקליך דערטרונקען געווארען. מיר זיינען געלאפען איבער'ן ים מיט א מורא'דיגער שנעלקייט, און דאס וואסער האט איבער אונז געשליידערט די כוואליעס. די געביי פונ'ם הינטערטייל פון אונזער שיף איז שטארק צעקלאפט געווארען, און כמעט אומעטום זיינען מיר שטארק צעשעדיגט געווארען, אבער צו אונזער גרעסטער פרייד האבען מיר געפונען די פאמפעס ניט פארשטאפט, און מיר האבען אהין אראפגעלאזען א ביסעל פון אונזער באלאסט. די העכסטע רציחה פון דעם שטורעם איז שוין אריבער, און מיר האבען ערווארט וועניג געפאהר פון דעם ווינט'ס שטורעמען. אבער מיר האבען געקוקט פאראוים מיט פחד אויף דער קומענדער שטילקייט, גלויבענדיג שטארק, אז אין אונזער צערודערטען צושטאנד, וועלען מיר אומפארמיידליך אומקומען אין די מורא'דיגע כוואליעס פון ים, וואס וועלען קומען נאכ'ן שטורם. אבער אט די ריכטיגע מורא האט בשום אופן ניט אויסגעזעהן זאל גיך מקוים ווערען. פינף גאנצענע טעג און נעכט, אין וועלכע מיר האבען אויפגעהאלטען אונזער לעבען, ניט מעהר ווי מיט א קליין ביסעל דזשאגערי, וואס מיר האבען מיט גרוים שוועריגקייטען געקראגען פונ'ם פאדערשטען טייל פון שיף, איז אונזער צעבראכענע שיף געפלויגען מיט א שנעלקייט, וואס מען קען גארניט אויסרעכענען, און דא האט אונז אנטקעגען געבלאזען א ווינט, וועלכער האט זיך אמת ניט געקענט פארגלייכען מיט דער ערשטער בייזער גבורה פון דעם סאמום, אבער ער איז נאך געווען פיעל שרעקליכער ווי וואסער ניט איז שטורעם, וועלכען איך האב ווען באגעגענט. אונזער מאר־

שרוט פאר די ערשטע פיער טעג איז געווען, מיט אומבאדייטענדע ענדערונגען, פון זיך־אַסט צו זיד, און מיר האבען געמוזט פאהרען מיט׳ן ברעג פון ניי־האלאנד. אויפ׳ן פינפטען טאג איז די קעלט געווארען זעהר שטארק, כאטש דער ווינט האט זיך אויסגעדרעהט אויף א פונקט מעהר צו צפון צו. די זון איז ארויס מיט א קרענקליך געלען שיין, און זי האט ארויפגעקלעטערט זעהר ווייניג גראדען איבער׳ן האריזאנט, ניט ארויסלאזענדיג קיין קלאר ליכט. קיין וואלקענס האבען זיך ניט געזעהן, דאך האט דער ווינט גע־האלטען אין איין שטארקער ווערען, און ער האט געבלאזען מיט אן אומרעגעלמעסיגער און ניט אנטשלאסענער קראפט. ארום האלבען טאג, אויף ווי ווייט מיר האבען זיך געקענט משער זיין, איז אונזער אויפמערקזאמקייט ווידער צוגעצויגען געווארען פון דער ערשיינונג פון דער זון. זי האט ניט ארויסגעגעבען קיין ליכט, ווי מען זאל עס ריכטיג אנרופען, נאר א מאטע און טריבע רויטקייט אהן אן אפגלאנץ, אזוי ווי אלע איהרע שטראלען וואל־טען פאראליזירט געווארען. איידער זי האט זיך ארונטערגעלא־זען אין דעם אויפגעברויזטען ים, זיינען איהרע צענטראלע פייע־רען פלוצלונג אויסגעגאנגען, אזוי ווי זיי וואלטען שנעל אויסגע־לאשען געווארען דורך עפּעס אן אונדערקלערבארע קראפט. עס איז געווען ניט מעהר ווי א טונקעלער, זילבערנער רייף, בעת זי האט זיך ארונטערגעלאזען אין דעם ניט־דערגרונטעוועטען אקעאן.

מיר האבען אומזיסט געווארט אויפ׳ן אנקומען פון דעם זעק־סטען טאג: יענער טאג איז פאר מיר נאך ניט אנגעקומען, און פאר דעם שוועד איז ער שוין קיינמאל ניט אנגעקומען. פון דאן אן זיינען מיר איינגעהילט געווארען אין א געדיכטע פינסטער־ניש, אזוי אז מיר האבען ניט געקענט זעהן קיין שום זאך פאר צוואנציג טריט פון דער שיף. אייביגע נאכט האט אונז אלץ מעהר איינגעוויקעלט, גאר ניט געלינדערט פון דעם פאספארישען ים־שיין, צו וועלכען מיר זיינען געווען צוגעוועהנט אין די טראפּי־קען. מיר האבען אויך באמערקט, אז כאטש דער שטורעם האט נאך אלץ געבושעוועט מיט ניט פארקלענערטער רציחה, איז אבער שוין מעהר ניט געווען צו באמערקען די געוועהנליכע ער־

שיינונגען פון כוואַליעס אַדער שוים, וואָס מיר האָבען ביז אַהער געזעהן. אַלעס אַרום איז געווען שרעק און געדיכטע פינסטערניש און אַ שוואַרצער שטיקענדער מדבר פון עבען־האַלץ. אבערגלויבישער שרעק איז גראַדענוויין געקראָכען אין דער נשמה פון דעם אַלטען שווער און מיין אייגענע זעלע איז געווען איינגעהילט אין שווייגענדער שטוינונג. מיר האָבען זיך איינגאַנצען פאַרגעסען אַז דער שיף, וועלכע איז געווען נאָך ערגער ווי נוצלאָז, און באַוואַרענענדיג זיך אויף ווי ווייט מעגליך אויפ׳ן שטומפּ פון דעם מיזען־מאַסטבוים, האָבען מיר ביטער אַרויסגעקוקט אין דער וועלט פונ׳ם אַקעאַן. מיר האָבען ניט געהאַט קיין וועג, ווי אויסצורעכענען די צייט, און מיר האָבען אויך ניט געקענט זיך פאַרשטעלען, וואו מיר געפינען זיך. מיר האָבען אָבער גוט געוואוסט, אַז מיר זיינען פאַרגאַנגען ווייטער ווי וועלכער ניט איז נאַוויגאַטאָר צו דרום צו, און מיר האָבען געפיהלט גרויס איבערראַשונג, וואָס מיר האָבען ניט אָנגעטראָפען די געוועהנליכע שטערונגען פון אייז. דערווייל האָט יעטווידער מאָמענט אויסגעזעהן צו זיין דער לעצטער פאַר אונז, יעטווידע כוואַליע איז געלאָפען אונז צו פאַרפלייצען. די אויפגעשוואָלענקייט פון ים האָט איבערשטייגט אַלץ, וואָס איך האָב זיך געקענט פאַרשטעלען פאַר מעגליך, און עס איז אַ וואונדער, וואָס מיר זיינען ניט דערטרונקען געוואָרען. מיין קאָמפּאַניאָן האָט גערעדט פון דער גרינגקייט פון אונזער לאַדונג און ער האָט מיר דערמאָנט וועגען די אויסגעצייכענטע אייגענשאַפטען פון אונזער שיף, אָבער איך האָב אַלץ געפיהלט די אַבסאָלוטע האָפנונגסלאָזיגקייט פון דער האָפנונג אַליין, און איך האָב מיך באַטריבט צוגעגרייט צו דעם טויט, וועלכער, איך האָב גערעכענט, וועט קומען ניט שפּעטער ווי אין אַ שטונדע, וואָרים מיט יעטווידען מייל פון דער רייזע וואָס די שיף האָט געמאַכט, האָט די אויפגעשוואָלענקייט פון די שוואַרצע ערשטוינליכע כוואַליעס אַלץ מעהר געשראָקען אונז. צייטענווייז האָבען מיר אָטעם געזוכט אין די הויכקייטען, וועלכע דער אַלבאַטראָס אפילו קען ניט דערגרייכען, צייטענווייז האָט אונז גענומען שווינדלען פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער מיר זיינען געפלויגען

ארהנטער ערגעץ איז א וואסערדיגען גיהנום, וואו די לופט איז געווארען אומבאוועגליך און קיין שום קלאנג האט ניט געשטערט דעם שלאף פון דעם קראקען.

מיר זיינען געווען אויפ׳ן דעק פון איינעם פון די דאזיגע אפגרונטען, ערשט א שארפער געשריי פון מיין קאמפאניאן האט זיך מורא׳דיג ארויסגעריסען אין דער נאכט. „זעה! זעה!“ האט ער אויסגערופען, שרייענדיג מיר אין אויער „אלמעכטיגער גאט! זעה! זעה!“ בעת ער האט גערעדט, האב איך באמערקט א מאטען, טריבען שיין פון א רויטען ליכט, וואס האט געשטראמט איבער די זייטען פון דעם ברייטען אויפגעעפענטען תהום, וואו מיר זיינען געלעגען, און געווארפען אן אומרעגלמעסיגען שיין אויף אונזער דעק. א ווארף טוענדיג מיינע אויגען ארויפצוצו, האב איך דערזעהן א בילד, וואס האט פארפרירט דעם שטראם פון מיין בלוט. אויף א מורא׳דיגער הויך גלייך איבער אונז, און אויפ׳ן סאמען ראנד פון דער שארף משופע׳דיגער אראפשטייגונג, האט געשוועבט א ריזיגע שיף פון אפשר א פיער טויזענד טאן. כאטש אויפגעהויבען אויף א שפיץ פון א כוואליע, וואס איז געווען איבער הונדערט מאל אזוי די גרויס ווי זי, האט איהר באשיינפערליכע מאס נאך אלץ אריבערגעשטייגט וואסער ניט איז שיף פון דער ליניע אדער אן אסט־אינדישע שיף וואס איז נאר אויף דער וועלט דא. איהר ריזיגער קערפער איז געווען טיף ברודנע שווארץ, ניט האבענדיג פאר׳ן אויג די געווענליכע שניצערייען פון א שיף. איין־איינציגע רייה פון מעשענע קאנאנען האבען ארויסגעשטעקט פון איהרע אפענע לעכער און געווארפען פון זייערע גלאנציגע פנימ׳ער די פייערן פון אהן א שיעור קריגס־לאנטערנעס, וועלכע האבען זיך געוויגט הין און צוריק ארום איהר שטריק־ווערק. אבער וואס עס האט אונז איבערהויפט אנגעפילט מיט שרעק און פארוואונדערונג איז געווען דאס וואס זי איז געגאנגען אונטער׳ן דרוק פון די זעגלען, אויסלאכענדיג זיך פון דעם איבערנאטירליכען ים און אומבאהערשבארען אוראגאן. ווען מיר האבען זי צוערשט באמערקט, האט מען איהר פאדער־טייל אליין געקענט זעהן, לאנגזאם אויפהויבענדיג זיך פון דעם טונקע־

לען און שוידערליכען תהום הינטער איהר. אויף איין ווײלע פון אינטענסיווען שרעק איז זי שטעהן געבליבען אויפ'ן אומזיכערן שפּיץ, ווי זי וואָלט באַטראַכטען איהר אייגענע דערהויבענקייט. דאַן האָט זי אַ ציטער געטאָן, זיך אַ שאָקעל געטאָן, און איז אַרונטערגעגאַנגען.

איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ פּלעצליכע זעלבסטבאַהערשונג עס איז אין דער רגע אַראָפּגעקומען אויף מיין גייסט. דערשלעפּענדיג זיך ביז צום הינטערטייל פון שיף, אַזוי ווייט ווי איך האָב געקענט, האָב איך אָהן מורא געוואַרט אויפ'ן ביטערען סוף, וואָס דאַרף קומען. אונזער אייגענע שיף האָט ענדליך אויפגעהערט צו קעמפּפען און געגומען זינקען מיט'ן קאָפּ אין ים אַריין. דער שטויס פון דער אַראָפּשטייגענדער מאַסע האָט איהר אַ קלאַפּ געטאָן, נאַטירליך, אין יענעם טייל פון איהר געביי, וואָס איז כמעט ווי געווען אונטער'ן וואַסער, און דער אומפאַרמיידליכער רעזולטאַט איז געווען אַ שליידער צו טאָן מיך מיט אַן אומווידערשטעהליכער קראַפט אויפ'ן שטריק־ווערק פון דער פרעמדער שיף.

בעת איך בין אַרונטערגעפאַלען, איז די שיף געבליבען שטעהן, און דאַן צוריקגעגאַנגען, און צוליב דער צעטומלעניש, רעכען איך, האָט די מאַנשאַפט מיך ניט באַמערקט. מיט ווייניג שוועריגקייט האָב איך אומבאַמערקט זיך דערשלאָגען ביז צו דער הויפּט־לוקע, וועלכע איז טיילווייז געווען אָפען, און איך האָב באַלד געפונען אַ געלעגענהייט צו באַהאַלטען זיך דאָרט, וואו מען האָלט די פראַכט. פאַרוואָס האָב איך אַזוי געטאָן, קען איך אַליין ניט זאָגען. אַן אומבאַשטימטער געפיהל פון אימה, וואָס האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים ערשטען קוק אויף די נאַוויגאַטאָרען פון דער שיף, איז אפשר געווען דער הויפּט גרונד פון מיין באַהאַלטען זיך. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט פאַרטרויען זיך אויף אַזעלכע מענשען, וועלכע האָבען, וועדליג מיין אויבערפלעכליכען בליק, אַרויסגערופען אין אַזוי פיעל היגזיכטען אומקלאָרע טשיקאַוועקייט, צווייפעל און מורא. איך האָב דערפאַר געטראַכט, אַז עס וועט זיין בעסער, ווען איך באַהאַלט זיך דאָרט וואו מען האָלט די פראַכט. איך

האב צוליעב דעם אוועקגענומען א קליינעם טייל פון די ברעטער אזוי, אז איך זאל קענען באקוועם באהאלטען זיך צווישען די ריזיגע קלעצער פון שיף.

איך בין קוים פארטיג געווארען מיט מיין ארבייט, ערשט טריט פון פים אין דעם פראכט־פלאץ האבען מיך געצוואונגען צו באנוצען זיך דערמיט. א מענש איז פארבייגעגאנגען מיין באַ־העלטעניש־פלאץ מיט א שוואכען און ניט זיכערען טראַט. איך האב זיין פנים ניט געקענט זעהן, אבער איך האב געהאט א געלעגענהייט צו באַאבאכטען זיין אלגעמיינעם אויסזעהן. עס איז גע־ווען קענטיג, אז דער מאַן איז זעהר אלט און שוואך. זיינע קני האבען זיך געבראכען אונטער דער משא פון יאהרען, און זיין גאנצע געביי האט זיך געטרייסעלט אונטער דער לאסט. ער האט געמורמעלט צו זיך אליין אין א נידעריגען, געבראכענעם טאן עפּעס ווערטער פון א שפראך, וועלכע איך האב ניט געקענט פארשטעהן, און ער האט געטאפּט אין דער פינסטער אין א ווינקעל צווישען א הורבע אנגעלעגטע מאדנע אינסטרומענטען און צעפוילטע קאר־טעס פון נאַוויגאַציע. זיין מאניער איז געווען א ווילדע געמי־שעכץ פון די קאפּריזנעקייט פון צווייטער קינדהייט און די פייער־ליכע האלטונג פון א גאט. ער איז ענדליך אוועק אויפ'ן דעק, און איך האב איהם שוין מעהר ניט געזעהן. . . . . .

. . . .

א געפיהל, פאר וועלכען איך האב קיין נאמען ניט, האט אנ־געכאפּט מיין זעלע — א געפיהל, וועלכער לאזט זיך ניט אנאלי־זירען, פאר וועלכען די לערנונגען פון דער פארגאַנגענער צייט זיי־נען ניט צוגעפּאַסט, און פאר וועלכען, איך האב מורא, די צוקונפט אפילו וועט מיר קיין שליסעל ניט געבען. פאר א פארשטאנד אזא ווי מיינער איז די לעצטע באַטראַכטונג אן אומגליק. איך וועל קיינ־מאל ניט — איך ווייס, אז איך וועל קיינמאל ניט — ניט זיין צופרידען וואס איז שייך צו דעם אופן פון מיינע באגריפען. דאָך איז עס ניט וואונדערבאַר, וואס די דאזיגע באגריפען זיינען אומ־באַשטימט, וויבאַלד זיי קומען ארויס פון אזעלכע דורכאויס טשי־

קאווע קווע‍לען. א נייער געפיהל, א נײ ווע‍זען איז צוגעקומען אין מיין זע‍לע. . . . .

עס איז שוין לאנג ווי איך האב צוערשט מיין פוס געשטעלט אויפ'ן דעק פון דער דאזיגער שרעקליכער שיף, און די שטראַ־לען פון מיין שיקזאל, דענק איך, קלייבען זיך דערווייל אין איין פאקום. אומפארשטענדליכע מענשען! פארטיפט אין רעיונות איבער זאכען, וועלכע איך קען ניט טרעפען, געהען זיי פאר־ביי מיר אומבאמערקט. עס איז אן אמת'ע נארישקייט פון מיין זייט צו באהאלטען זיך, ווארים די מענשען ווילען ניט זעהן. אט ערשט בין איך פארביינגעגאנגען אקוראט פאר די אוי־גען פון דעם שטייערמאן, און ערשט דא גאר ניט לאנג צוריק האב איך געוואגט אריינצוגעהן אין דעם קאפיטאנ'ס אייגע־נע קאיוטע און האב פון דארטען גענומען די מאטעריאלען, מיט וועלכע איך שרייב, און איך האב געשריבען. איך וועל פון צייט צו צייט פארטזעצען דעם דאזיגען זשורנאל. עס איז וואהר, אז איך קען אפשר ניט געפינען א געלעגענהייט איבערצוגעבען דאס צו דער וועלט, איך וועל זעהן צו געפינען אזא געלעגענהייט. אין דעם לעצטען מאמענט וועל איך אריינלעגען דעם מאנוסקריפט אין א פלעשעל און דאס אריינווארפען אין ים.

. . . .

אן אינצידענט האט געטראפען, וואס האט מיר געגעבען א נייעם באדען פאר נאכדענקען. זיינען אזעלכע זאכען די ארבייט פון אן אומבאהערשטען צופאל? איך האב זיך דערוועגט ארויס־צוגעהן אויפ'ן דעק און האב זיך ארונטערגעווארפען, ניט ציהענדיג קיינעמ'ס אויפמערקזאמקייט, צווישען א הורבע פון שטריק און אלטע זעגלען אויפ'ן דעק פון דער שיף. טראכטענדיג וועגען דער זונדערבארקייט פון מיין שיקזאל, האב איך ניט וויסענדיג פארשמירט מיט א פענזעל פון סמאלע די ברעגען פון א נעט צו־נויפגעלעגטען קליינעם קווּאדראטנעם זעגעל, וואס איז געלעגען לעבען מיר אויף א פאס. דער זעגעל איז איצט אנגעצויגען אויף דער שיף, און די אומבארעכענטע שטריכען פונ'ם פענזעל זיינען צוזאמענגעגאסען אין דעם ווארט א נ ט ד ע ק ו נ ג.

איך האב ניט לאנג געמאכט מיינע באאבאכטונגען פון דער סטרוקטור פון דער שיף. כאטש גוט באוואפענט, דאך דענק איך ניט, אז זי איז א קריג־שיף. איהר שטריק־ווערק, געבוי און די אלגעמיינע אויסשטאטונג באווייזען, אז זי איז דאס ניט. וואס זי א י ז נ י ט, קען איך ליכט באגרייפען; וואס זי א י ז י א, האב איך מורא, איז אוממעגליך צו זאגען. איך ווייס ניט ווי דאס איז, אבער אויספארשענדיג איהר זונדערבארען מאדעל און מאדנעם כאראקטער פון די קלעצער, וואס שפארען אונטער די זעגלען, איהר ריזיגע גרויס און די ריזיגע זעגלען, איהר שטרענג איינפאכען פאדער־טייל און פארעלטערטען הינטער־טייל טוט פון צייט צו צייט אויפבליצען אין מיין געדאנק א געפיהל פון באקאנטע זאכען, און עס מישט זיך אימער צוזאמען מיט אזעל־כע ניט קלארע שאטענס פון עראינערונגען פון לאנג פארגעסענע צייטען פון אלטע פרעמדע כראניקעס און לאנג לאנג פארגאנגענע דורות...

איך פלעג קוקען אויפ'ן הילצערנעם טייל פון דער שיף. זי איז געווען געבויט פון א מאטעריאל, וואס איז פאר מיר פרעמד געווען. עס איז דא עפעס אייגענטימליכעס אין דעם האלץ, וואס קוקענדיג אויף דעם, פאלט מיר איין צו זאגען, אז עס טויג ניט פאר דעם צוועק, פאר וועלכען מען האט עס באנוצט. איך מיין דאס וואס עס איז דורכאויס פול מיט קליינע לעכעלאך, וועלכע נעמען זיך ניט דוקא פון דעם וואס ווערים האבען עס אויסגענע־סען, א צושטאנד וואס קומט פון דעם ארומפאהרען איבער אזעל־כע ימ'ען, און אויך א חוץ דער צעפוילטקייט, וועלכע קומט פון יאהרען. דאס וועט פיליכט אויסווייזען ווי אן עטוואס צו קוריא־זע באאבאכטונג, אבער דאס וואלט געהאט אלע כאראקטערים־טישע סמנים פון שפאנישען דעמב, אויב שפאנישער דעמב וואלט געקענט אויפגעשוואלען ווערען דורך וועלכע ניט איז אומנאטיר־ליכע מיטלען.

איבערלייענענדיג דעם אויבערשטען זאץ, קומט ארויף ווי לעבעדיג אויף מיין זינען א קוריאזעם גלייכווארט פון אן אלטען דורכגעטריבענעם האלענדישען נאוויגאטאר. „עס איז אזוי ריכ־

טיג", פלעגט ער זאגען, ווען מען פלעגט צווייפלען אין זיין וואר־
הייטליכקייט, „אזוי ריכטיג, ווי עס איז דא א ים, וואו די שיף
אליין קען ווערען ווי דער לעבעדיגער קערפער פון דעם מאטראז."...

אז ערד מיט א שטונדע צוריק האב איך זיך דערוועגט ארייג־
צושפארען זיך צווישען א גרופע פון דער מאנשאפט. זיי האבען
מיר קיין שום אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט, און כאטש איך
בין געשטאנען אין סאמען מיטען צווישען זיי, האט אויסגעזעהן,
אז זיי פיהלען לחלוטין ניט מיין אנוועזענהייט. ווי יענער, וועל־
כען איך האב צום ערשאטען געזעהן אין דעם פלאץ וואו מען האלט
די פראכט, אזוי האבען זיי אלע געטראגען אין זיך די סמנים פון
גרייז אלטע יאהרען. זייערע קני האבען געציטערט פון שוואכ־
קייט; זייערע אקסלען זיינען שטארק געבויגען געווען פון אפגע־
לעבטקייט; זייער איינגעשרומפענע הויט האט געציטערט אופ'ן
ווינט; זייערע שטימען זיינען געווען נידעריג, ציטערדיג און
געבראכען; זייערע אויגען האבען געשימערט, טרערענדיג פון
אלטקייט, און זייערע גראהע האר האבען שרעקליך געפלאטערט
אין דעם שטורעם. ארום זיי, אויף יעטווידען טייל פון דעם דעק.
זיינען געלעגען צעווארפען מאטעמאטישע אינסטרומענטען פון
דער אלט־פרענקישסטער און פארעלטערסטער קאנסטרוקציע...

איך האב מיט א קורצע צייט צוריק דערמאנט, אז מען האט
אויסגעשפרייט א קליינעם קוואדראטנעם זעגעל. פון יענער צייט
אן האט די שיף, פאהרענדיג פריי מיט די זעגעלשטאנגען אפגע־
לאזען, פארטגעזעצט איהר שרעקליכען מארשרוט צו דרום־צו מיט
יעטווידען ברעקעל לייוועגט אויפגעצויגען אויף איהר, פון דעם
שפיץ פון איהר מאסט ביז צו איהרע נידעריגע זעגעל־שטאנגען,
טרייבענדיג יעטווידען מאמענט איהרע העכסטע זעגעל־שטאנגען
אין דעם אימה'דיגען וואסער־גיהנום, וואס א מענש קען זיך נאר
אין די געדאנקען פארשטעלען. איך האב אקארשט פארלאזען דעם
דעק, וואו איך האב בשום אופן זיך ניט געקענט איינהאלטען אויף
די פיס, כאטש די מאנשאפט האט, ווי עס שיינט, ווייניג וואס
אומבאקוועמליכקייט געפיהלט. עס זעהט מיר אוים ווי א וואונ־
דער שב'וואונדער, וואס אונזער ריזיגע מאבינע ווערט ניט איינ־

געשלונגענע גלייך און אויף אימער. מיר זיינען זיכער פאר'משפט צו שוועבען בסדר איבער'ן ראנד פון אייביגקייט, ניט מאכענדיג דעם לעצטען שפרונג אין אפגרונט אריין. פון אינדערן, א טויזענט מאל מעהר ערשטוינליך ווי וועלכע ניט איז וואס איך האב ווען געזעהן, גליטשען מיר זיך אוועק מיט דער לייכטקייט פון דער מעווע, וואס פליהט, ווי א פייל פון א בויגען. און די קאלאסא־לע וואסערן שטעלען אויף זייערע קעפ איבער אונז אזוי ווי טייוואלים פון גיהנום, אבער אזוי ווי טייוואלים זיינען זיי פאר־זאגט געווארען נאר צו סטראשען, אבער ניט צו פארניכטען. איך בין געניוגט צוצושרייבען די דאזיגע אפטע רעטונגען צו דער איינ־ציגער נאטירליכער אורזאך, וועלכע קען דערקלערען אזא מין ווירקונג. איך בין זיך משער, אז די שיף איז געווען אונטער'ן איינ־פלוס פון עפעס א שטארקען שטראם אדער א האסטיגער שטרע־מונג אויפ'ן באדען פון ים, וואס באוועגט זיך אין דער געגענזעצ־ליכער ריכטונג פון דער שטרעמונג, וואס שטראמט פון אויבען...

איך האב געזעהן דעם קאפיטאן פנים אל פנים, און טאקע אין זיין אייגענער קאיוטע, אבער, ווי איך האב ערווארט, האט ער מיר ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. כאטש אין זיין אויסזעהן איז פאר א צופעליגען באאבאכטער גארנישט ניטא, וואס זאל איהם קאנען באצייכענען מעהר אדער ווייניגער ווי מענשליך, דאך, ווען איך קוק אויף איהם, נעמט מיך אן א געפיהל פון אומאונטערדריקבארער אכטונג און עהרפורכט געמישט מיט א געפיהל פון פארוואונדערונג. אין וואוקס איז ער כמעט מיט מיר איין הויך, דאס הייסט, ארום פינף פוס אכט אינטשעס. די געביי פון זיין קערפער איז גוט צוזאמענגעשטעלט און קאמ־פאקט, ניט מגושם'דיג און אויך ניט מערקווירדיג אויף אן אנ־דער אופן. אבער עס איז די זונדערבארקייט פון דעם אויסדרוק וואס עס בּאהערשט דאס געזיכט, עס איז דער שטארקער, דער וואונדערבארער, דער דורכנעמענדער זיגעל פון טיפען עלטער, אזוי פולשטענדיג, אזוי אומגעוועהנליך, וואס עס רעגט אויף אין מיין גייסט א געפיהל, א סענטימענט, וואס קען מיט ווערטער ניט אויסגעדריקט ווערען. זיין שטערען, כאטש א ביסעל צע־

קנייטשט, שיינט צו טראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון א מי־
ריאד מיט יאָהרען. זיינע גרויע האָר זיינען כראָניקעס פון דער
פאַרגאַנגענהייט, און זיינע נאָך גרויערע אויגען זיינען פאַראויס־
זאָגער פון דער צוקונפט. דער דיל פון דער קאַיוטע איז געווען
געדיכט פארלעגט מיט מאַדנע, אייזען געקלאָמערטע בלעטער, און
אין שטיקלעך צעבראָכענע אינסטרומענטען פון וויסענשאַפט, און
פארעלטערטע, לאַנג־פארגעסענע קאַרטעס. זיין קאָפּ איז געווען
אַנגעבויגען איבער זיינע הענט, און ער האָט אריינגעקוקט מיט א
פייערדיג, אומרוהיג אויג אין א פּאַפּיר, וואָס איז ביי מיר אויסגע־
קומען, אַז דאָס איז א מין פולמאַכט, און וואָס האָט יעדענפאַלס
געטראָגען די חתימה פון א מאָנאַרך. ער האָט גערעדט עפּעס צו
זיך, אַזוי ווי דער ערשטער מאַטראָז, וועלכען איך האָב געזעהן
דאָרט וואו מען האַלט די פּראָכט, עפּעס נידעריגע, משוגענע זיל־
בען פון א פרעמדער שפּראַך, און כאָטש ער איז געווען האַרט ביי
מיין עלענבויגען, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז זיין שטימע קומט
פון ערגעץ א מייל ווייט...

די שיף און אַלעס וואָס אין איהר איז אָנגעזאַפּט מיט'ן
גייסט פון אַלטקייט. די מאַנשאַפט באַוועגט זיך הין און צוריק
אַזוי ווי גייסטער פון באַגראָבענע יאָהרהונדערטער: זייערע אוי־
גען האָבען א זשעדנעם און אומרוהיגען קוק, און ווען זייערע פי־
נגערען פאַלען מיר אין וועג, אין דעם ווילדען שיין פון די קריגס־
לאָנטערנעס, פיהל איך ווי איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט
געפיהלט, כאָטש איך בין געווען מיין גאַנצען לעבען א הענדלער
מיט אַנטיקזאַכען און האָב איינגעזויגען אין זיך די שאָטענס
פון די איינגעפאַלענע קאָלאָנעס פון באַאַל־בעק און טאַדמאָר און
פּערסעפּאָליס ביז מיין סאַמע האַרץ איז געוואָרען א חורבה...

ווען איך קוק זיך אַרום, שעם איך זיך פאַר מיין פריהערדיגער
מורא. אויב איך האָב געציטערט אין דעם שטורעם־ווינט, וועל־
בער האָט ביז אַהער אונז באַגלייט, זאָל איך ניט שטעהן א דער־
שראָקענער אין דעם קאַמף צווישען ווינט און אָקעאַן, וואָס איבער־
צוגעבען פון דעם א וועלכען עס איז באַגריף, זיינען די ווערטער
טאָרנאַדאָ און סאַמום אומבאַדייטענד און ניט שטאַרק? אַלעס

וואס נאהענט ארום דער שיף איז די שווארצקייט פון אייביגער נאכט און א כאאס פון שוימלאזנע וואסער. אבער ביי א ים־מייל פון ביידע זייטען שיף קען מען זעהן, ניט־קלאר און אין אינטערוואלען, ערשטוינליכע בערג פון אייז, הויבענדיג זיך ווי א טורעם אין דעם טריבען הימעל אריין, און אויסקוקענדיג ווי די ווענט פון דעם אוניווערזום...

ווי איך האב זיך פארגעשטעלט, איז די שיף טאקע אין א שטראם, אויב דאס קען אזוי ריכטיג אנגערופען ווערען א וואסער־פלוס, וואס וואיענדיג און שרייענדיג דורכ'ן ווייסען אייז, דו־נערט ער ווייטער צו דרום־צו מיט דער שנעלקייט פון א ראשי־גען הויכען וואסערפאל...

צו באגרייפען דעם שרעק, וואס איך פיהל דורך, רעכען איך, איז לחלוטין אוממעגליך. דאך א נייגעריגקייט דורכצודרינגען די סודות פון די דאזיגע אימה'דיגע רעגיאנען איז שטארקער אפילו פון מיין פארצווייפלונג, און עס וועט מיך צונויפברענגען מיט'ן שוידערליכסטען אנבליק פון טויט. עס איז קענטיג, אז מיר איי־לען זיך פארווערטס צו עפעס אן אויפרעגענדער ערקענטניש, צו עפעס א קיינמאל־ניט־אנטפלעקטען סוד, וואס זיין דערגריי־כונג איז פארניכטונג. אפשר פיהרט אונז דער דאזיגער שטראם צום זיך־פאל גופא. איך מוז זיך מודה זיין, אז אזא ווילד־אויס־זעהענדע השערה האט יעטווידע וואהרשיינליכקייט אויף איהר זייט...

די מאנשאפט שפרייזט אום אויפ'ן דעק מיט אומרוהיגע און ציטערדיגע טריט, אבער אויף זייערע פנים'ער איז גיכער צו זעהן אן אויסדרוק פון באגעהר נאך האפנונג, איידער פון דער אפאטיע פון פארצווייפלונג.

דערווייל איז דער ווינט נאך אונז פון הינטען, און אזוי ווי מיר האבען אויפגעצויגען א מאסע זעגלען, ווערט די שיף צייי־טענווייז אויפגעהויבען אינגאנצען פון ים ארויס. א, שרעק איי־בער שרעק! דאס אייז עפענט זיך פלוצלונג רעכטס און לינקס, און מיר דרעהען זיך שווינדעלדיג אין אוממעגליכע קאנצענטרישע קרייזען, ארום און ארום די ברעגען פון א ריזיגען אמפיטעאטער,

וואס דער שפּיץ פון זיינע ווענט ווערט פארלארען אין דער פינ־סטערניש און ווייטקייט. אבער עס וועט וועניג צייט מיר איבער־בלייבען צו טראַכטען איבער מיין שיקזאל! די קרייזען ווערען שנעל קלענער, מיר ווערען משוגע געשטירצט, געכאַפּט פון דעם ווירבעל־שטראַם, און צווישען א ברומען און א ברויזען און א דו־נערן פון אקעאן און שטורעם טרייסעלט זיך די שיף — א, גאט! — און געהט אונטער!

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג. — דער „מאַנוסקריפּט, וואס מען האָט גע־פונען אין אַ פלעשעל" איז צוערשט געווען פאַרעפענטליכט אין 1831, און ערשט אַ סך יאָהרען נאָכדעם בין איך באַקאַנט געוואָרען מיט די מאַפּעס פון מערקאַטאָר, אין וועלכע דער אָקעאַן ווערט פאַרגעשטעלט ווי ער פליסט אַריין דורך פיער מיילער אין דעם (צפון'דיגען) פּאָלאַ־רען גאָלף, אום איינגעשלונגען צו ווערען אין דעם בויך פון דער ערד. דער פּאָל אַליין ווערט פאָרגעשטעלט דורך אַ שוואַרצען פעלז, הויבענדיג זיך ווי אַ טורעם צו אַן אומגעהויערער הויכקייט.

ליגעיא

> „און דער ווילען ליגט אין דעם, וואס שטארבט ניט אפ. ווער קען וויסען די סודות פון דעם ווילען, מיט זיין קראפט? ווארים גאט איז נאר א גרויסער ווילען, וואס דרינגט דורך אלע זאכען מיט זיין השגחה. א מענש פאלט ניט פאר מלאכים, אויך ניט אינגאנצען פאר'ן טויט, סיידען נאר דורך דער שוואכקייט פון זיין צעקראכענעם ווילען".
>
> הזשאזעף גלענוויל.

איך קען זיך באמת איצט ניט דערמאנען, ווי אזוי, ווען, אדער אפילו וואו, איך בין צוערשט באקאנט געווארען מיט דער ליידי ליגעיא. א סך יאהרען איז פון דעמאלט אן אוועק, און מיין זכרון איז שוואך פון פיעל ליידען. אדער, אפשר, קען איך א י צ ט דאס ניט ארויפברענגען אויף מיין זכרון, ווייל אין דער אמת האט דער כאראקטער פון מיין ליבסטער, איהר זעלטענע געלערנטקייט, איהר זונדערבארער, דאך מילדער, סארט שעהנקייט און די דורכדרינגענדע און באצויבערנדע עלאקווענץ פון איהר שטילער מוזיקאלישער שפראך וואס אמאל מעהר אריינגעדרונגען אין מיין הארצען מיט אזעלכע גלייכמעסיגע און גע־גנב'עטע טריט, אז זיי זיינען געבליבען אומבאמערקט און אומבאוואוסט. דאך גלויב איך, אז איך האב זי צוערשט און אם אפטסטען געטראפען אין עפעס א גרויסער, אלטער אפשטארבענדער שטאט ביים רהיין. וועגען איהר משפחה האב איך זי זיכער געהערט רעדענדיג. אז עס איז פון ווייט אלטע צייטען, קען דערין

קיין שום ספק ניט זיין. לינעיאָ! ליגעיאָ! פאַרגראָבען אין׳ם שטודיום פון אַזעלכע זאַכען, וועלכע זיינען מעהר ווי אַלע אַנדערע מסוגל אַפּצוטויטען די איינדרוקען פון דער דרויסענדיגער וועלט, איז נאָר מיט דעם דאָזיגען זיסען איינציגען וואָרט — ליגעיאָ — קען איך אויפברענגען פאַר מיינע אויגען אין דער פאַנטאַזיע די געשטאַלט פון יענער, וועלכע איז שוין מעהר ניטאָ. און איצט, שרייבענדיג, דערמאָן איז זיך פּלוצלונג, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געוואוסט דעם פאַמיליען־נאָמען פון יענער, וועלכע איז געווען מיין פריינד און מיין פאַרלאָבטע, און וועלכע איז געוואָרען דער קאַמפּאַניאָן אין מיין שטודיום, און ענדליך די ווייב פון מיין שוים. איז עס געווען אַ שפּיצעל פון ליגעיאַ׳ס זייט? אָדער איז עס געווען אויסצופּרובען די שטאַרקייט פון מיין ליבע, אַז איך זאָל ניט מאַכען קיין חקירה ודרישה וועגען אַזאַ זאַך? אָבער איז עס געווען מיינער אַן איינענער קאַפּריז — אַ ווילדער ראָמאַנטישער פייער־אָפּפער אויפ׳ן מזבח פון דער ליידענשאַפּטליכסטער ליבשאַפט? איך דערמאָן זיך בלויז ניט קלאָר דעם פאַקט אליין — וואָס איז דער וואונדער, אַז איך האָב לגמרי פאַרגעסען די אומשטענדען, וועלכע האָבען דאָס אַרויסגעבראַכט אָדער באַגלייט? און ווירקליך, אויב יענער גייסט, וועלכער רופט זיך ראָמאַנס, אויב יענע, די טונקעלע, מיט די נעבעל־פליגלען, אַשטאַפּעט פון דעם געצענדינערישען מצרים האָט ווען געפּראָוועט, ווי זיי דערצעהלען, די ביידבאַשערטע חתונות, דאַן האָט זי זיכער מיין חתונה געפּראָוועט.

עס איז אָבער דאָ איין ליבער פּונקט, וועגען וועלכען מיין זכרון פאַרראַט מיר ניט. דאָס איז ווי ליגעיאָ האָט אויסגעזעהן. אין וואוקס איז זי געווען הויך, עטוואָס שלאַנק, און אין איהרע שפּעטערדיגע טעג זאָגאַר אָפּגעצעהרט. איך וואָלט אומזיסט געמאַטערט זיך צו שילדערן איהר מאַיעסטעט, די געלאַסענע רוהיגע האַלטונג איהרע, אָדער די אומבאַגרייפליכע לייכטקייט און עלאַסטישקייט פון איהרע טריט. זי פלעגט קומען און אַוועקגעהן אַזוי ווי אַ שאָטען. איך פלעג קיינמאָל ניט

הערען, ווי זי פלעגט אריין אין מיין פארמאכטען ארבייטס־צימער,
וואו איך פלעג ניט דערהערען די ליבע מוזיק פון איהר נידערי־
נער זיסער שטימע, אוועקלעגענדיג איהר מירמעל־האנד אויף מיין
אקסעל. אין שעהנקייט פון געזיכט איז קיין מיידעל צו איהר
גלייך ניט געווען. עס איז געווען דער אפגלאנץ פון אן אפיום־
טרוים — א לופטיגע גייסט־אויפהויבענדע וויזיאן, מעהר ווילד־
געמליך, ווי די פאנטאזיעס, וועלכע האבען געשוועבט ארום די
דרעמלענדע זעעלען פון די טעכטער פון דעלאס. דאך זיינען
איהרע שטריכען ניט געווען פון יענעם געוועהנליכען פורעם, וועל־
כען מען האט אונז פאלש געלערנט צו פארגעטערען אין די קלא־
סישע ווערק פון דעם געצענדינער. „עס איז ניטא קיין אויס־
געצייכענטע שעהנקייט“, זאגט בייקאן, לארד ווערולאם, רעדענדיג
ריכטיג פון אלערליי פארמען און מינים שעהנקייט, „וואו עס זאל
ניט זיין עפעס ז ו נ ד ע ר ב א ר ע ס אין דער פראפארציע“.
דאך, כאטש איך האב געזעהן, אז די שטריכען פון ליגעיא זיינען
ניט געווען פון קלאסישער רעגעלמעסיגקייט; כאטש איך האב
באגריפען, אז איהר ליבליכקייט איז ווירקליך געווען „אויסגעציי־
בענט“, און געפיהלט, אז עס איז דא פילעס פון דער „זונדער־
בארקייט“, וואס דריגנט עס דורך, דאך האב איך אומזיסט גע־
מאטערט זיך אויפצודעקען די אומרעגעלמעסיגקייט און אויסצו־
זוכען מיין אייגענע השגה פון „דעם זונדערבארען“. איך האב גוט
באטראכט די קאנטור פון׳ם הויכען און בלאסען שטערן — קיין
שום מום — ווי קאלט איז ווירקליך אזא אויסדרוק, רעדענדיג
וועגען אזא געטליכער מאיעסטעט! די הויט האט קאנקורירט
מיט׳ן ריינסטען עלפענביין, היינט די באפעהלענדע גרויס און
רוהיגקייט, און די צארטע בולט׳קייט פון די פלעצער איבער די
שלייפען! און דאן די ראב־שווארצע, גלאנציגע, גרויסע און נאטור־
געקרייזעלטע לאקען, וואס האבען ארויסגעבראכט אין פולער קראפט
דעם האמערישען עפיטעט „היאצינטיש“! איך האב געקוקט
אויף די דעליקאטע שטריכען פון דער נאז, און ערגעץ ניט, סיידען
אין די גראציעזע מעדאליאנען פון די אידען, האב איך באמערקט
אן עהנליכע פאלקאמענהייט. עס איז געווען די זעלבע רייכע

גלאַטקייט פון הויט. די זעלבע קוים באַמערקבאַרע טענדענץ צו אַדלערישעס, די זעלבע האַרמאָניש אויסגעבויגענע נאָזלעכער, אין וועלכע דער פרייער גייסט האָט גערעדט. איך האָב באַטראַכט דאָס זיסע מויל. דאָ איז ווירקליך געווען דער טריאומף פון אַלצדינג וואָס איז הימליש: דער פּרעכטיגער שניט פון דער קורצער אויבערשטער ליפּ, דער ווייכער, ליידענשאַפטליכער שלומער פון דער אונטערשטער, די גריבעלעך וואָס האָבען זיך געחנ'דעלט און די פאַרב וואָס האָט גערעדט, די ציינער, וואָס האָבען אָפּגעשפּיגעלט מיט אַ שיער דערשטוינענדען גלאַנץ יעדען שטראַל פונ'ם היילינגען ליכט, וואָס איז געפאַלען אויף זיי אין איהר רוהיגען, מילדען, דאָך פרייד־גסט־שטראַלענדען פון אַלע שמייכלען. איך האָב גוט באַטראַכט די פאָרמירונג פון דעם קין, און אויך דאָ האָב איך געפונען די צאַרטע ברייטקייט, די ווייכקייט און די גרויסקייט, די פולקייט און די גייסטיגקייט פון דאָס גריכישע, די קאָנטור וועלכע אַפּאָלאָ האָט נאָר אין טרוים אַנטפּלעקט צו קלעאָמענעס, דעם זוהן פון דעם אַטענער. און דאַן האָב איך אַריינגעקוקט אין די גרויסע אויגען פון ליגעיאַ.

פאַר אויגען האָבען מיר ניט קיין מאָדעלען אין דעם ווייטען אַלטערטום. עס קען אויך זיין, אַז אַט אין די אויגען פון מיין ליבסטער ליגט דער סוד, אויף וועלכען לאָרד ווערולאַם איז מרמז. זיי זיינען געווען, מוז איך גלויבען, פיעל גרעסער, ווי די געוועהנליכע אויגען פון אונזער אייגענער ראַסע. זיי זיינען זאַגאַר געווען פולער ווי די פולסטע פון די גאַזעלען־אויגען פון דעם שבט פונ'ם טאָל פון נורזשאַהאַד. דאָך איז עס געווען נאָר אין צווישען צייטען — אין מאָמענטען פון העכסטער אויפרעגונג — וואָס די דאָזיגע אייגענטימליכקייט פלעגט ווערען מעהר ווי עטוואס באַמערקבאַר ביי ליגעיאַ'ן. און אין אַזעלכע מאָמענטען איז געווען איהר שעהנקייט — אין מיין צעהיצטער פאַנטאַזיע איז דאָס אפשר אַזוי אויסגעקומען — די שעהנקייט פון וועזענס, וואָס זיינען, אָדער איבער אָדער ווייט פון דער ערד — די שעהנקייט פון דער פאַבעלהאַפטער הורי, פון די טערקען. דער קאָליר פון די אויגען־קוילען איז געווען דער גלענצענדסטער שוואַרצער קאָליר

וואס איז דא, און ווייט איבער זיי זיינען געהאנגען פעד־שווארצע וויהעס פון א היבשער לענג. די ברעמען, עטוואס אונרעגעל־מעסיג אין קאנטור, האבען געהאט דעם זעלבען קאליר. די „זונ־דערבארקייט" אבער, וואס איך האב געפונען אין די אויגען, איז געוועזען פון א גאנץ אנדער נאטור, ניט אין דער פארמירונג, אדער קאליר, אדער אין דעם גלאנץ פון די שטריכען, און איך האב געמוזט, נאך אלעמען, זיך ווענדען צום א ו י ס ד ר ו ק. אך, אווארט, וואס מיינט גארנישט! א ווארט, וואס הינטער זיין מורא'דיגער ברייטקייט פון בלויזען קלאנג, באהאלטען מיר אונ־זער אומוויסענהייט פון אזוי פיעל פון דאס גייסטיגע. דער אויסדרוק פון ליגעיא'ס אויגען! אך, ווי איך האב שטונדען־לאנג געטראכט איבער דעם! אך, ווי איך האב איינמאל א גאנצע מיטען־זומער נאכט געמאטערט זיך דאס צו דערגרונטעווען! וואס איז דאס געווען, אט דאס עפעס טיפער ווי דער קוואל פון דע־מאקריטוס, וואס איז געלעגען הינטער די שווארצאפלען פון מיין ליבסטער? וואס איז דאס ג ע ו ו ע ז ן? א ליידענשאפט האט מיך אנגענומען צו אנטדעקען דאס. יענע אויגען, יענע גרויסע, יענע שיינענדע, יענע געטליכע ארביטען — זיי זיינען געווארען פאר מיר דער צווילינג־שטערען פון לעדא, און איך פאר זיי — דער איבערגעבענסטער אסטראלאג.

צווישען די פיעלע אומבאגרייפליכע אנאמאליעס פון דער ווי־סענשאפט פון זכרון איז ניטא קיין מעהר שארף אויפרעגענדער פונקט, ווי דער פאקט — קיינמאל, גלויב איך, ניט באמערקט אין די שולען — וואס מאטערענדיג זיך אמאל צו דערמאנען זיך עפעס לאנג פארגעסענעס, רוקט זיך אויס, אז א ט ־ א ט ד ע ר ־ מ א נ ע ן מ י ר ז י ך, און צום סוף קענען מיר זיך נ י ט דערמאנען. און אט אזוי, אין מיין שטארקער פארשונג פון ליגעיא'ס אויגען, ווי אפט האב איך געפיהלט, אז אט באלד וועל איך איינגאנצען דערגעהן זייער אויסדרוק — געפיהלט, אז אט־אט וועט עס געשעהן — און דאך דאס ניט געקענט, און אט אזוי איז עס ענדליך איינגאנצען פארשוואונדען. און (זונדערבאר, אה, זונדערבארסטע געהיימנים!) איך האב געפונען אין די איינ־

פאַכסטע געגענשטאַנדען פון דעם אוניווערזום א גרופּע אנאַלאַגיעס פאַר יענעם אויסדרוק. איך וויל זאָגען, אז נאָכדעם, נאָך דער צייט, ווען ליגעיאַ׳ס שעהנקייט איז אריבער אין מיין גייסט, ליגענדיג דאָרטען, ווי אין אַן אָרון־קודש, האָב איך פון פיעלעס וואָס עקזיסטירט אין דער מאַטעריעלער וועלט, זיך אויסגעבילדעט א געפיהל, אזא, ווי איך האָב אימער געפיהלט אָרום מיר, אין מיר דורך איהרע גרויסע און ליכטיגע אויגען. דאָך קען איך אלץ ניט דעפינירען יענעם געפיהל, אָדער אנאַליזירען עס, אָדער אפילו כסדר עס בעאָבאַכטען. לאָמיך דאָס נאָך אַמאָל זאָגען — איך האָב עס אַפטמאָל דערקענט, באַטראַכטענדיג א שנעל־וואַקסענדען וויינשטאָק, באַאָבאַכטענדיג א מאָט, א שמעטערלינג, אַן איני־זעקטען־פּופּע, א שטראָם פון לויפענדען וואַסער. איך האָב דאָס געפיהלט אין דעם אָקעאַן, אין דעם פאַלען פון א מעטעאָר. איך האָב דאָס געפיהלט אין די בליקען פון אומגעוועהנליך אלטע לייט, און עס איז דאָ איינער אָדער צוויי שטערען אין הימעל (איינער איבערהויפּט, א שטערען פון דער זעקסטער גרויס, טאָפּעלט און פאַרענדערליך, וואָס מען קען איהם געפינען לעבען דעם גרויסען שטערען אין לירא), וואָס קוקענדיג אויף זיי דורך א טעלעסקאָפּ, בין איך דורכגעדרונגען געוואָרען מיט׳ן געפיהל. איך בין דערמיט אָנגעפילט געוואָרען דורך געוויסע קלאַנגען, אַרויסגעבראַכט דורך אינסטרומענטען מיט סטרונעס, און זעהר זעלטען דורך ציטאַ־טען פון ביכער. צווישען אַנדערע ביישפּילען אַהן א צאָהל געדענק איך גוט עפּעס אין א באַנד פון דזשאָזעף גלענוויל, וואָס (אפשר מיט זיין אַלטפרענקישקייט — ווער קען זאָגען?) פלעגט מיר אימער אָנפילען מיט אָט דעם געפיהל: „און דער ווילען ליגט אין דעם, וואָס שטאַרבט ניט אָפּ. ווער קען וויסען די סודות פון דעם ווילען פון זיין קראַפט? וואָרים גאָט איז נאָר א גרויסער ווילען, וואָס דרינגט דורך אלע זאַכען מיט זיין השגחה. א מענש פאַלט ניט פאַר מלאכים, אויך ניט אינגאַנצען פאַר׳ן טויט, סיידען נאָר דורך דער שוואַכקייט פון זיין צעקראָכענעם ווילען“.

א משך פון יאָהרען און נאָכפאָלגענדע נאָכדענקונג האָבען מיר געגעבען די מעגליכקייט ווירקליך אויסצושפירען עפּעס א

ווייטע שייכות צווישען דער דאזיגער ציטאטע פון דעם ענגלישען מאראליסט און א טייל פון ליגעיא'ס באראקטער. אין א י נ ־ ט ע נ ס י װ ו י ט ע ט אין דענקען, האנדלען אדער רעדען איז מעגליך געווען אין איהר א רעזולטאט, אדער ווענינסטענס אן אנצייגער, פון יענער ריזיגער ווילענס־קראפט, וועלכער האט אין משך פון אונזער לאנגען פארקעהר ניט ארויסגעוויזען קיין אנדערע און מעהר דירעקטע סימנים פון איהר עקזיסטענץ. פון די אלע פרויען, וועלכע איך האב ווען־עס־איז געקענט, איז זי, די אויסערליך רוהיגע, אלעמאל מילדע ליגעיא, אם שטארקסטען געווען א רויב צו די צערייצטע רויב־פויגעל פון בייזער ליידענשאפט. און איך קען מיר אנדערש ניט דערקלערען אזא ליידענשאפט, סיידען מיט דער כמעט צויבערליכער מעלאדיע, מאדולאציע, קלארקייט און זאנפטקייט פון איהר זעהר נידעריגער שטימע, און מיט דער גוואלדיגער ענערגיע (נאך אמאל אזוי פיעל ווירקזאם געמאכט דורכ'ן קאנטראסט מיט איהר מאניער פון אויסשפראך) פון די ווילדע ווערטער, וועלכע זי פלעגט געוועהנליך ארויסרעדען.

איך האב גערעדט פון ליגעיא'ס געלערנטקייט: עס איז געווען גוואלדיג, וואס איך האב אזוינס נאך אין א פרוי ניט געזעהן. אין די קלאסישע שפראכען האט זי געהאט א טיפע בקיאות, און אויף ווי ווייט עס גרייכט מיין אייגענע באקאנטשאפט, וואס איך האב אין די מאדערנע אייראפעאישע שפראכען, האב איך זי קיינמאל ביי קיין גרייז ניט געכאפט. ווירקליך, אין וואסער ניט איז ענין פון דער באוואונדערטסטער, ווייל ס'איז איינפאך די אומפארשטענדליכסטע, פון דער באריהמערישער ערודיציע פון דער אקאדעמיע — האב איך װ ו ע ן געפונען ליגעיא זאל זיין הינטערשטעליג? ווי מאדנע, ווי דיהרענד, וואס ערשט איצט אזוי שפעט, האב איך געמוזט שענקען אויפמערקזאמקייט אט דער איין אייגנשאפט פון מיין ווייב'ס נאטור! איך האב געזאגט, אז איהר קענטעניש איז געווען אזא, וואס איך האב אין א פרוי ניט געטראפען — אבער וואו לעבט דער מאן, וואס איז דורכגעגאנגען, און ערפאלגרייך, אל'די ברייטע פעלדער פון מאראלער, פיזישער און מאטעמאטישער וויסענשאפט? איך האב

דענסטמאל ניט געזעהן דאס, וואס איך זעה איצטער קלאר, אז ליגעיא'ס ערווארבענע ידיעות זיינען געווען ריזיג, זיינען געווען דערשטוינענד. דאך האב איך גענוג געוואוסט פון איהר אומענדליכער אויבערמאכט איבער מיר, איך זאל, מיט א קינדערשען צוטרוי לאזען זיך פיהרען פון איהר דורך דער כאאטישער וועלט פון מעטאפיזישער חקירה, מיט וועלכער איך בין געווען שטארק באשעפטיגט פאר דער צייט פון די ערשטע יאהרען פון אונזער הייראט. מיט וואס פאר א גוואלדיגען נצחון, מיט וואס פאר א שטארקער חדוה, מיט וואס פאר א הימלישקייט אין דער האפענונג — האב איך ג ע פ י ה ל ט, בעת זי פלעגט זיך אנבויגען איבער מיר ביים לערנען דאס וועניג געזוכטע, דאס וועניג באקאנטע, יענע מחיה'דיגע אלעע, לאנגזאם, גראדענווייז, אויסציהענדיג זיך פאר מיר, אז געהענדיג איבער איהר לאנגען, פרעכטיגען און גארניט באטראטענעם שטעג, וואלט איך ענדליך געקענט צוקומען צום ציל פון חכמה, וואס איז צו געטליך טייער, אום ניט פארבאטען צו זיין!

היינט ווי שארף האט געמוזט זיין מיין שמערץ, מיט וועלכען איך האב אין עטליכע יאהר ארום געזעהן, מיינע גוט באגרינדעטע ערווארטונגען קריגען פליגלען און פליהען אוועק! אהן ליגעיא'ן בין איך נאר געווען ווי א קינד וואס טאפט אין דער פינסטער. איהר אנוועזענהייט, איהר איין לייענען האט שטארק ליבטיג געמאכט די פיעלע סודות פון דעם טראנסצענדענטאליזם, אין וועלכען מיר האבען זיך ארונטערגעלאזען. ניט האבענדיג דעם שיינענדען גלאנץ פון איהרע אויגען, זיינען די בוכשטאבען, שימערנד און גאלדיג, געווארען טונקעלער ווי סאטורנישער בליי. און דאן האבען יענע אויגען געשיינט אלץ זעלטענער און זעלטענער איבער די בלעטער, אין וועלכע איך האב זיך פארטיפט. ליגעיא איז קראנק געווארען, די ווילדע אויגען האבען אויפגעפלאמט מיט א צו — יא, א צו הערליכען גלאנץ. די בלאסע פינגער האבען געקראגען דעם דורכזיכטיגען וואקסענעם קאליר פון קבר און די בלויע אדערען אויפ'ן הויכען שטערען זיינען אויפגעשוואלען געווארען און ראשיג אפגעפאלען מיט'ן שטראם פון דער צארט-

סטער עמאציע. איך האב געזעהן, אז זי מוז שטארבען, און איך האב פארצווייפעלט געקעמפט אין גייסט מיט'ן בייזען אזראעל. און דער קאמף פון דער ליידענשאפטליכער ווייב איז צו מיין דער־שטוינונג געווען נאך ענערגישער, ווי מיין אייגענער. עס איז געווען פיעלעס אין איהר שטרענגער נאטור, וואס זאל אין מיר איינפלאנצען דעם גלויבען, אז צו איהר וועט דער טויט קומען אהן זיינע שרעקען. אבער עס איז ניט געווען אזוי. ווער־טער זיינען ניט אימשטאנד איבערצוגעבען א וועלכען־עס־איז ריכ־טיגען באגריף פון דעםווילדען ווידערשטאנד, מיט וועלכען זי האט זיך געראנגעלט מיט'ן טויט. איך האב געקרעכצט אין אנגסט, ניט קענענדיג צוזעהן דעם צער. איך וואלט זי גע־טרייסט, איך וואלט גערעדט צו איהר; אבער אין דער אינ־טענסיוויטעט פון איהר ווילדען חשק צו לעבען, צו לעבען, נאר צו לעבען, וואלטען טרייסט און רייד געווען די גרעסטע נאריש־קייט. דאך ניט ביז צו דער לעצטער רגע, אינ'ם העכסט קאנ־וואולסיווען דרעהען זיך פון איהר ווילדען גייסט, איז געבראכען געווארען די אויסערליכע רוהיגקייט פון איהר כאראקטער. איהר שטימע איז געווארען צארטער, געווארען נאך נידעריגער, דאך וואלט איך ניט וועלען זיך אפשטעלען אויף דער ווילדער בא־דייטונג פון די שטיל ארויסגערעדטע ווערטער. מיין מח האט זיך אין מיר געקעהרט, הארכענדיג, אין עקסטאז, צו א מעלאדיע, מעהר ווי שרעקליך — צו איינבילדונגען און שטרעבונגען, פון וועלכע די שטערבליכקייט האט קיינמאל פריהער ניט געוואוסט.

אז זי האט מיך געליבט, אין דעם האב איך ניט געקענט צווייפלען, און איך וואלט לייכט געקענט זעהן, אז אין אזא הארץ, ווי איהרס, קען די ליבע באזיצען ניט קיין געוועהנליכע ליידענ־שאפט. אבער נאר אין טויט האב איך דערפיהלט די גאנצע קראפט פון איהר ליבע. שטונדען־לאנג, האלטענדיג מיין האנט, האט זי פאר מיר אויסגעגאסען דעם איבערפלוס פון א הארץ, וועמעס מעהר ווי ליידענשאפטליכע איבערגעבענהייט האט דערגרייכט ביז צו געצענדיענערייי. ווי אזוי איך האב דאס פארדיענט אזוי געבענשט צו זיין מיט אזא וידוי? ווי אזוי איך האב דאס

פּאַרדיענט אַזוי פאַרשאַלטענע צו זיין, אַז מיין ליבסטע זאָל פון מיר אַוועקגענומען ווערען אין דער שטונדע, וואָס זי האָט זיך דאָס אַזוי מתודה געווען? אָבער איך קען וועגען דעם ענין קיין סך ניט רעדען. איך וועל נאָר זאָגען, אַז אין ליגעיאַ׳ס איבער־געבען זיך, נאָך מעהר ווי פיעל אַ פרוי קען, צו אַ ליבע, לײַדער גאָרניט אָפּגעשאַצט, גאָר אומפאַרדיענט געשענקט, האָב איך ענד־ליך דערקענט דאָס פּרינציפּ פון איהר בענקען מיט אַזאַ ווילד־שטאַרקען באַגעהר נאָכ׳ן לעבען, וואָס פליהט פון איהר איצט אַזוי געשווינד אַוועק. דאָס איז אָט די ווילדע בענקשאַפט, דאָס איז אָט דער זעהר העפטיגער באַגעהר צום לעבען — נ אָ ר צום לעבען — וואָס איך האָב קיין קראַפט ניט צו שילדערן — קיין ווערטער זיינען ניט אימשטאַנד אויסצודריקען.

אין רעכטען מיטען נאַכט, אין דער נאַכט אין וועלכער זי איז געשטאָרבען, אַ ווינק טוענדיג צו מיר מיט אַ פעסטער אַנט־שלאָסענהייט, איך זאָל צוגעהן צו איהר, האָט זי מיר געהייסען איבערזאָגען פאַר איהר געוויסע פערזען, וואָס זי אַליין האָט פאַרפאַסט מיט ניט קיין סך טעג צוריק. איך האָב איהר געפאָלגט. אָט דאָס זיינען זיי געווען:

אַ גרויסער פעסט געגעבען ווערט 1)
אין איינזאַמקייט פון צייט.
פאַרדעקט, פאַרטרויערט און פאַרטרערט,
מלאכים זיצען גרייט.
פון האָפנונג און פון שרעק אַ שפּיעל
געהט אַז פאַר זייער בליק,
און דער אָרקעסטער אָטעמט שטיל
פון ספערען די מוזיק.

1) דאָס ליעד, און דאָס צווייטע ליעד אין „אונטערגאַנג פון הויז שער" זיינען איבערזעצט פון י. קיסין.

און מורמלענדיג וואס איז דער שטיל,
פאיאצען פיעל איז גאט'ס געשטאלט,
הער־היז זיך דרעהען אין דעם שפיעל.
א מחנה שאטענס זיי באפאלט
און פיהרט זיי, דרעהט די ביהנע אום
ביי יעדען ווינקעל, ברעט און שפאלט,
פון זיי'רע פליגלען פייערליך־שטום
אומזיכבאר אומגליק פאלט.

משונה'דיג די דראמא! קענסט
פארגעסען זי? — א, קיינמאל ניט!
מען יאגט נאך אייביג א געשפענסט,
מען כאפט איהם קיינמאל ניט.
און אין א רינג געשווינד, געשווינד,
אלץ פליהט ער אום און פליהט.
פיעל וואהנזין דא, און נאך מעהר זינד,
און שרעק אויף יעדען טריט.

א קריכיג, רויט באשעפעניש
קומט, דרעהענדיג זיך פויל,
א ווארים קומט פון פינסטערניש
אינמיטען דעם פאיאצען־קנויל.
ער דרעהט זיך, גראבט איין דורשטיג־ווילד
אין זיי זיין העסליך מויל,
די שרפים וויינען ביי דעם בילד
און שוידערען פאר גרויל.

און באַלד דער שיין פאַרלאָשענע ווערט,
אויף יעדער אַנגסטליכער געשטאַלט
אַ טויט־קלייד פלאַטערט, צו דער ערד
מיט אַ גערויש דער פאָרהאַנג פאַלט.
די שרפים אין דער לופטיגער שטיל
ערקלערען, בלייכע, פאַר דער וועלט,
אַז „לעבען“ הייסט דער טרויער־שפּיעל,
דער ווארים איז דער העלד.

„אַ גאָט!“ — האָט ליגעיאַ האַלב אויסגעשריען, אויפשפּרינ־גענדיג פון בעט און אויסשפּרייטענדיג אין דער הויך איהרע אָרימס מיט אַ ספּאַזמאַטישער באַוועגונג, ווען איך האָב געענ־דיגט די דאָזיגע שורות. — „אַ, גאָט! אַ, געטליכער פאָטער! ווע־לען אַט די זאַכען אַזוי כסדר זיין? וועט אַט־אָ־דער באַזיגער נאָר קיינמאָל ניט באַזיגט ווערען? זיינען מיר דען ניט אַ טייל פון דיר? ווער, ווער קען וויסען די סודות פון דעם ווילען, מיט זיין קראַפט? אַ מענש פאַלט ניט פאַר מלאכים, אויך ניט אינגאַנצען פאַר'ן טויט, סיידען נאָר דורך דער שוואַכקייט פון זיין צעקראַכענעם ווילען“.

און איצט, ווי זי וואָלט אויסגעמאַטערט געוואָרען פון עמאָ־ציע, האָט זי אַרונטערגעלאָזען איהרע ווייסע אָרימס, און פייערליך זיך צוריקגעקעהרט צו איהר טויטען־בעט. און ווען זי האָט אויסגע־אָטעמט איהרע לעצטע זיפצען, און צוזאַמען מיט זיי אַרום אַ שטי־לער מורמעל פון איהרע ליפּען. איך האָב אַנגעבויגען מיין אויער, און איך האָב ווידער דערקענט די לעצטע ווערטער פון דער ציטאַטע פון גלענוויל: — „אַ מענש פאַלט ניט פאַר מלאכים, אויך ניט אינגאַנצען פאַר'ן טויט, סיידען נאָר דורך דער שוואַכקייט פון זיין צעקראַכענעם ווילען“.

זי איז געשטאָרבען, און איך, דערשלאָגען מיט טרויער ביז צום סאַמען שטויב, האָב שוין מעהר ניט געקענט אַריבערטראָגען

דעם איינזאמען פלאַץ, וואו איך האָב געוואוינט אין דער פינס־טערער טויטער שטאָדט ביים רהיין. דאָס, וואָס די וועלט רופט עשירות, האָט מיר ניט געפעהלט. ליגעיא האָט מיר אריינ־געבראַכט פיעל מעהר, ווי עס פאַלט געוועהנליך אויס אויפ׳ן חלק פון אַ בשר־ודם. איך האָב דערפאַר נאָך עטליכע מאָנאַטען פון אויסגעמאַטערטען און ציללאָזען וואַנדערן אַפּגעקויפט, און געלאָזט עטוואָס רעמאָנטירען, אַ מאָנאַסטיר (וועלכען איך וועל ניט אָנרופען מיט׳ן נאָמען) אין איינער פון די ווילדסטע און וועניגסטען באַזוכטע געגענדען פון דער שעהנער ענג־לאַנד. די טונקעלע און מרה־שחורה׳דיגע פּרעכטיגקייט פון דעם בנין, דאָס כמעט ווילדע אויסזעהן פון׳ם פלאַץ ארום, די פיעלע מעלאַנכאָלישע און פון דורות פאַרהערליכטע ערינערונגען, וואָס זיינען פאַרבונדען אי מיט׳ן קלויסטער אי מיט׳ן פלאַץ ארום, — דאָס אַלעס האָט פיעל געשטימט מיט די געפיהלען פון דער פולשטענדיגער דערשלאָגענקייט, וועלכע האָט מיך פאַרטריבען אין יענע ווייטע און פאַרוואָרפענע געגענד פון׳ם לאַנד. דאָך, כאָטש אויסערליך איז דער מאָנאַסטיר מיט דעם שימעל, וואָס האָט איהם באַדעקט, וועניג איבערגעאָנדערשט געוואָרען, האָב איך אָבער מיט אַ קינדערשער פערווערזיטעט, און אפשר מיט אַ שוואַכער האָפע־נונג צו ליגדערן מיינע ליידען, זיך ערלויבט נאָך מעהר ווי קעניג־ליכען גלאַנץ און פּראַכט אינוועניג. צו אַזעלכע נאַרישקייטען האָב איך געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג אין מיין קינדהייט זאָגאָר, און איצט זיינען זיי צו מיר צוריק געקומען, אַזוי ווי מיינע יסורים וואָלטען מיר צוריקגעקעהרט מיין קינדערשען שכל. אַך, איך פיהל, וויפיעל כאָטש פון אַן אָנפאַנג־משוגעת וואָלט מען געקענט אויסגעפינען אין די פּרעכטיגע און פאַנטאַסטישע דראַפּירונגען, אין די איינדרוקספולע שניצונגען פון עגיפּטען, אין די ווילדע קאָרניזען און מעבעל, אין די משוגע׳נע ציכענונגען פון די טעפּי־כער פון געבינטעלטען גאָלד! איך בין געוואָרען אַ געבונדענער שקלאַף אין די נעצען פון אָפּיום, און מיין ארבייט און מיינע באַשטעלונגען האָבען אָפּגעשפּיגעלט מיינע טרוימען. אָבער איך וועל זיך ניט אָפּשטעלען צו באַשרייבען מיט אַלע איינצעלהייטען

די דאזיגע אונזיניגקייטען. איך וועל נאר רעדען פון יענעם איין צימער, דעם אימער פארשאלטענעם, וואוהין איך האב אין א מאמענט פון משוגעת ארייינגעפיהרט פון אלטאר אלס מיין ווייב — אלס די נאכפאלגערין פון דער אומפארגעסליכער ליגעיא — די העל־האריגע און בלוי־אויגיגע ליידי ראווענא טרעוואניאן פון טרעמען.

עס איז ניטא קיין ברעקעל פון דער ארכיטעקטור און דעקאראציע פון יענעם חתן־כלה צימער, וואס איך זאל ניט זעהן איצט פאר מיינע אויגען. וואו זיינען געווען די נשמות פון דער שטאלצער משפחה פון דער כלה, ווען דורך דארשט נאך גאלד, האבען זיי געלאזט א מיידעל און א טאכטער אזא באליבטע, אריבערטרעטען די שוועל פון אזא באפוצטען חדר? איך האב געזאגט, אז איך געדענק גענוי די איינצעלהייטען פונ׳ם צימער — דאך, צום באדויערן פארגעס איך אן פונקטען פון טיפע מאמענטען. און דא איז ניט געווען קיין שום סיסטעם, קיין שום הארמאניע אין דער פאנטאסטישער אויסשטעלונג, וואס זאל זיך קענען איינהאלטען אין מיין זכרון. דאס צימער איז געלעגען אין א הויבען טורעם פון דעם באפעסטיגטען מאנאסטיר, איז געווען פיער־עקיג און זעהר גראם. איין־איינציג פענסטער האט פארנומען דעם גאנצען זידליכען פראנט פון דעם פענטאגאן — א גרויסער גאנצער בויגען ווענעציאניש גלאז, איין־איינציגע שויב, און געפארבט מיט א מאטען קאליר, אזוי, אז די שטראלען סאי פון דער זון סאי פון דער לבנה, דורכגעהענדיג, פלעגען פאלען מיט אן אימה׳דיגען שיין אויף די געגענשטאנדען אינווייניג. איבער׳ן אויבערשטען טייל פון אט דעם גרויסען פענסטער האבען זיך געצויגען ווי א נעץ אלטע פלאנצען, וועלכע האבען געקלעטערט ארויף די מאסיווע ווענט פונ׳ם טורעם. דער סופיט, פון טונקעלען דעמב, איז געווען זעהר הויך, געוועלבט, און קונסטפול באצירט מיט די ווילדסטע און משונה׳דיגסטע צייכענונגען פון א האלב־גאטישען, האלב־דרואידישען סטיל. פון א פארטיפונג אין סאמען צענטער פון דעם דאזיגען מעלאנכאלישען געוועלב, איז ארונטערגעהאנגען אויף איין־איינציגער קייט פון גאלד מיט

לאנגע רינגען, א גרויסער פייערפאן, אויך פון גאלד, סאראצעניש אין מוסטער, און מיט א סך דורכלעכערונגען, אזוי קונציג געמאכט, אז עס האבען זיך אריינגעדרעהט און ארויסגעדרעהט דורך זיי, אזוי ווי באשאנקען מיט דער לעבעדיגקייט פון א שלאנג, פייערען פון אלערליי קאלירען, כסדר איינע נאך די אנדערע.

איינעגע אטאמאנקעס און גאלדענע קאנדעליאברעס פון אריענטאלישען אויסזעהן זיינען געווען צעשטעלט ארום אין פארשיידענע פלעצער. און עס איז געווען אויך א געלעגער — דאס חתן־כלה בעט — פון אן אינדישען מאדעל, א נידעריגס און אויסגעשניצט פון מאסיווען עבען־האלץ, מיט א חופה פון אויבען, וואס האט אויסגעקוקט ווי דאס שווארצע טוך, מיט וועלכען מען דעקט איבער א מטה. אין יעדען ווינקעל פונ׳ם צימער איז געווען אויפגעשטעלט א ריזיגער סארקאפאג פון שווארצען גראניט, פון די קברים פון די מלכים אנטקעגען לוקסאר, מיט זייערע אלטע דעקלאך פול מיט גאר פארצייטיגע שניצערייען. אבער — אך! — אין דער דראפירונג פונ׳ם צימער איז געלעגען די הויפט־פאנטאזיע פון אלצדינג. די הויכע ווענט, ריזיג הויך — זאגאר ניט פראפארציאנעל — זיינען באהאנגען געווען פון אויבען ביז ארונטער, אין ברייטע פאלבען, מיט שווערע און מאסיוו־אויסזעהענדע טעפיך־טאפעטען, געמאכט פון א שטאף, וואס האט אויסגעקוקט גלייך, ווי א טעפיך אויפ׳ן דיל, ווי אן איבערדעק פאר די אטאמאנקעס און פאר׳ן עבעט־בעט, ווי א באלדאכין פאר׳ן בעט, און ווי די פרעכטיגע וואליוטען פון די פארהאנגען, וואס האבען טיילווייז פארדעקט דאס פענסטער. דער שטאף איז געווען דער רייכסטער געוואנט פון גאלד. עס איז געווען געפלעקט דורכאויס אין אומרעגעלמעסיגע אינטערוואלען מיט אראבעסקע פיגורען, ביי א פוס אין דיאמעטער, און אויסגעארבייט אויפ׳ן געוואנט אין צייכענונגען פון דעם פעך־שווארצסטען קאליר. אבער די דאזיגע פיגורען האבען אויסגעקוקט אמת אראבעסק נאר דאן, ווען מען האט זיי באטראכט פון אן איינצעלנעם געזיכטס־פונקט. דורך אן איינפאל, וואס איז איצט גאנץ איינפאך, און וואס שטאמט ווירקליך פון זעהר ווייטע אלטע צייטען, האבען די פיגורען גע־

האַלטען אין איין ענדערען זייער אויסזעהן ווי איינפּאַכע פאַר־ועהענישען, אבער געהענדיג ווייטער, פלעגט אַט דאָס אויסזעהן ביסלעכווייז פאַרשווינדען, און שריט ביי שריט, רוקענדיג זיך ווייטער אין צימער אריין, פלעגט דער באַזוכער זעהן זיך אַרום־גערינגעלט פון אַן ענדלאָזער רייה פון שוידערליכע געשטאַלטען, וועלכע דער נאַרמאַנער פלעגט אין זיין אַבערגלויבען זעהן, אָדער דער מאַגאַד אין זיין שולדיגען דרעמעל. דער פאַנטאַסמאַגאַרי־שער עפעקט פלעגט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט ווערען דורך דעם קינסטליכען אריינקומען פון אַ שטאַרקען אומאויפהערליכען שטראָם פון ווינט הינטער די דראַפּירונגען, וואָס פלעגט אריינבלאַ־זען אַ שוידערליכען און אומהיימליכען רוח־חיים אין אַלעם.

אין אַט אַזעלכע זאַלען, אין אַט אַזאַ חתן־כלה צימער האָב איך פאַרבראַכט מיט דער ליידי פון טרעמען די זינדיגע שטונדען פון דעם ערשטען מאָנאַט פון אונזער הייראַט — פאַרבראַכט מיט נאָר אביסעל אומרוהיגקייט. אַז מיין ווייב האָט געציטערט פאַר מיין ווילדען געמיטס־צושטאַנד, אַז זי האָט פון מיר געוויכט און מיך ווייניג ליב געהאַט — דאָס האָב איך ניט ווילענדיג געמוזט באַמערקען, אבער דאָס האָט מיר גיכער פאַרשאַפט פאַרגעניגען, ווי עפּעס אַנדערש. איך האָב זי געהאַסט מעהר מיט'ן האַס פון אַ טייוועל, ווי פון אַ מענשען. מיין ערינערונג איז צוריקגעפלוי־גען (אָ, מיט וואָס פאַר אַ שטאַרקען באַדויערען!) צו ליגעיאַ'ן, די באַליבטע, די הערליכע, די שעהנע, די באַערדיגטע. איך האָב זיך געקוויקט מיט די ערינערונגען וועגען איהר ריינקייט, וועגען איהר קלוגקייט, וועגען איהר ערהאַבענער, איהר הימלישער נאַטור, וועגען איהר ליידענשאַפטליכער, איהר געצענדיענערישער ליבע. און מיין גייסט האָט דאַן פול און פריי געברענט מיט נאָך מעהר ווי אַלע פייערען פון איהר גייסט. אין דער אויפרעגונג פון מיינע אַפּיום־טרוימען (וואָרים איך בין שטאַרק איינגעשמידט געוואָרען אין די קייטען פון אַט דעם סם־המות) פלעג איך הויך אויסרופען איהר נאָמען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אָדער בייטאָג אין די פאַרבאָרגענע ערטער צווישען די טאָלען, אַזוי ווי דורך דעם ווילדען חשק, דורך דער פייערליכער ליידענשאַפט, דורך

דער פארצעהרענדער היץ פון מיין בענקשאפט נאך דער פארשטארבענער וואלט איך געקענט זי צוריקברענגען צום לעבען אויף דער ערד, וואס זי האט פארלאזען — אך, קען עס דען געמאלט זיין, אז אויף אייביג?

ארום דעם אנפאנג פון דעם צווייטען מאנאט פון אונזער הייראט איז די ליידי ראווענא פלוצלונג קראנק געווארען, און זי איז לאנגזאם געזונט געווארען. די היץ, וועלכע האט זי אויפגעגעסען, האט איהר געבראכט אומרוהיגע נעכט, און אין איהר צעמישטען צושטאנד פון האלב־דרעמעל האט זי גערעדט פון קלאנגען און פון באוועגונגען אין און ארום דעם צימער פון'ם טורעם, וועלכע, איך האב באשלאסען, שטאמען נאר פון איהר צערודערטער פאנטאזיע, אדער אפשר פון די פאנטאסמאגארישע ווירקונגען פון'ם צימער גופא. זי איז דערנאך צו זיך געקומען, און ענדליך געזונט געווארען. דאך, איז נאך ניט אוועק א קורצע צייט, ערשט א צווייטע, נאך א שטארקערע אטאקע, האט זי אוועקגעלעגט צום בעט פון יסורים, און אט פון דער אטאקע איז איהר ארגאניזם, אימער א שוואכער, שוין מעהר ניט געקומען פולשטענדיג צו זיך. איהר חולאת, דאס מאל באאומרוהיגענדיג אי מיט איהר כאראקטער און נאך מעהר מיט דער ווידערהאלונג, האט זיך אויסגעלאכט פון דער קענטניש און פון די גרויסע אנשטרענגונגען פון די דאקטוירים. מיט דער פארגרעסערונג פון דער כראנישער קראנקהייט, וועלכע האט אזוי, באשיינפערליך, מיט צופיעל זיכערקייט זיך אנגעזעצט אויף מיין ווייב'ס ארגאניזם, אז עס איז ניט געווען פאר מענשליכע כחות דאס אויסצואווארצלען, — האב איך ניט געקענט ניט באמערקען אז עהנליכע פארגרעסערונג פון דער נערוועזער גערייצטקייט פון איהר טעמפעראמענט און פון איהר אויפרעגען זיך פון דער קלענסטער אורזאך פאר שרעק. זי האט ווידער גערעדט, און איצט נאך אפטער און איינגעשפארטער, פון די קלאנגען — פון די מינדסטע קלאנגען — און פון די אומגעוועהנליכע באוועגונגען צווישען די טעפיך־טאפעטען, וועגען וועלכע זי האט פריהער אנגעדייטעט.

איינמאל ביי דער נאכט, ארום סוף סעפטעמבער, האט זי

שטאַרקער ווי אימער געצווינגען מיין אויפמערקזאַמקייט מיט איהרע רייך וועגען דעם דאָזיגען טרויעריגען עניו. זי האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון אַן אומרוהיגען שלאָף, און איך האָב באַאָבאַכטעט מיט געפיהלען פון האַלב אַנגסט, האַלב אומבאַשטימטער שרעק, די אויסדרוקען פון איהר אויסגעצעהרטען געזיכט. איך האָב זיך געזעצט ביי דער זייט פון איהר עבען־בעט, אויף איינער פון די אינדישע אָטאָמאַנקעס. זי האָט זיך טיילווייז אויפגעהויבען און האָט גערעדט אין אַן ערנסטען נידעריגען פליסטער פון קלאַנגען, וועלכע זי האָט ד ע מ אָ ל ט געהערט, אָבער וועלכע איך האָב ניט געקענט הערען: פון באַוועגונג, וועלכע זי האָט ד ע מ אָ ל ט געזעהן, אָבער וועלכע איך האָב ניט געקענט באַמערקען. דער ווינט האָט שנעל געבלאָזען הינטער די טעפּיך־טאַפּעטען, און איך האָב געוואָלט איהר באַווייזען (וואָס, לאָמיך זיך מודה זיין, איך קען גאָ ר נ י ט גלויבען), אַז יענע כמעט ניט־דייטליך אַרויסגעבראַכטע אָטעמונגען און יענע זעהר צאַרטע וואַריאַציעס פון די פיגורען אויף דער וואַנט, זיינען געווען ניט מעהר, ווי די נאַטירליכע ווירקונגען פון יענעם געוועהנליכען בלאָזען פונ'ם ווינט. אָבער אַ טויטליכע בלאַסקייט, פאַרשפּרייטענדיג זיך איבער איהר פּנים, האָט מיר באַוויזען, אַז מיינע אַנשטרענגונגען צו פאַרזיכערן זי וועלען זיין אומזיסט. זי האָט אויסגעזעהן, ווי זי חלש'ט, און ווערען אַ רוף טאָן צו הילף איז ניט געווען. איך האָב זיך דערמאָנט, וואו ס'איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַ פלעשעל לייכטער וויין, וואָס די דאָקטוירים האָבען איהר געהייסען געבען, און איך בין אַריבער דעם צימער צו קריגען דאָס. אָבער ווי נאָר איך האָב אַ טראָט געגעבען הינטער'ן ליכט פונ'ם פייערפאַן, האָבען צוויי דערשטוינענדע זאַכען צוגעצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט. איך האָב דערפיהלט, אַז עפּעס אַ זאַך וואָס מען קען אַנטאַפּען, כאָטש מען קען עס ניט זעהן, איז לייכט פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מיר. און איך האָב געזעהן, אַז עס איז געלעגען אַ שאָטען אויפ'ן גאָלדענעם טעפּיך, אין דעם סאַמען מיטען פונ'ם רייכען שיין, וואָס איז געפאַלען פונ'ם פייערפאַן — אַ בלאַסער, אומבאַשטימטער שאָטען פון מלאַכ'שען

אויסזעהן, אזא, ווי מען וואלט זיך קענען פארשטעלען ווי דער שאטען פון א גייסט. אבער איך בין געווען ווילד פאר אויפרעגונג פון אן איבערמאסיגער דאזע אפיום, און האב ווייניג אויפמערקזאמקייט געשענקט די זאכען. איך ניט דערצעהלט ראווענא'ן וועגען זיי. געפינענדיג דעם וויין, בין איך אריבער צוריק דאס צימער, און האב אנגעגאסען א פולען בעכער, צוטראגענדיג דאס צו די ליפען פון דער שמאכטענדער פרוי. זי איז איצט טיילוויז דאך צו זיך געקומען, און האט אליין גענומען די כלי אין האנט, און איך האב זיך אראפגעלאזען אויף אן אטאמאנקע, לעבען איהר, מיט מיינע אויגען אנגעשטעלט אויף איהר. ערשט דאן האב איך קלאר דערהערט א צארטען טראט איבער'ן טעפיך, און לעבען דעם געלעגער: אין א סעקונדע נאכדעם, ווען ראווענא האט געוואלט צוטראגען דעם וויין צו איהרע ליפען, האב איך געזעהן, אדער אפשר האט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז איך זעה, ווי עס פאלען אריין אין בעכער, ווי פון עפעס אן אומזיכטבארען קוואל אין דער לופט פונ'ם צימער, דריי אדער פיער גרויסע טראפענס פון א גלענצענדער און רובין־קאלירטער פליסיגקייט. אויב איך האב דאס יא געזעהן, האט דאס אבער ראווענא ניט געזעהן. זי האט ניט קווייקלענדיג זיך אראפגעשלונגען דעם וויין, און איך האב זיך אפגעהאלטען פון צו רעדען צו איהר פון א זאך, וועלכע, ווי איך האב באטראכט, איז נאך אלעמען געווען נאר די באאיינפלוסונג פון א לעבעדיגער פאנטאזיע, וואס איז געווארען קראנקהאפט טעטיג דורך דעם שרעק פון דער פרוי, דורך דעם אפיום און דורך דער שטונדע פון דער נאכט.

דאך קען איך דאס ניט באהאלטען פון זיך אליין, אז גלייך נאכ'ן פאלען פון די רובין־טראפענס האט זיך שנעל גענומען ענדערן צום ערגערן מיין ווייב'ס קראנקהייט, אזוי, אז אויף דער דריטער נאכט נאכדעם, האבען די הענט פון איהרע דיענער זי פארטיג געמאכט צו דער קבורה, און אויף דער פערטער נאכט בין איך געזעסען אליין, מיט איהר אין תכריכים אנגעטאנענעם קערפער אין יענעם פאנטאסטישען צימער, וואס האט זי אויפגענומען אלס מיין ווייב. ווילדע זעהונגען, פון אפיום געבארען,

זיינען ווי א שאָטען געפלויגען פאַרביי מיר. איך האָב געקוקט מיט אַן אומרוהיג אויג אויף די סאַרקאָפאַגען וואָס אין די ווינקלען פונ'ם צימער, אויף די וואַריאירענדיגע פיגורען פון דער דראַפירונג און אויפ'ן דרעהען זיך פון די בונטע פייערען אין דעם פייערפּאַן איבער'ן קאָפּ. איך האָב אַרויסגערופען אין זכרון די אומשטענדען פון א פריהערדיגער נאַכט, און דאַן זיינען מיינע אויגען געפאַלען אויפ'ן פּלאַץ אונטער'ן שיין פונ'ם פייערפּאַן, וואו איך האָב געהאַט געזעהן די בלאַסע שפּורען פון דעם שאָטען. עס איז אָבער שוין מעהר דאָרטען ניט געווען: און אָפּאָטעמענדיג פרייער, האָב איך א קעהר געטאַן מיינע בליקען צו דער בלאַסער און שטרענגער פיגור אויפ'ן בעט. דאַן האָבען זיך אויף מיר א לאַז געטאַן א טויזענט ערינערונגען פון ליגעיאַ'ן, און דאַן איז צו מיין האַרץ צוריקגעקומען מיט א רוישענדער קראַפט פון א מבול דאָס גאַנצע פון יענעם אומאויסדריקבאַרען וועה, מיט וועלכען איך האָב זי אזוי באַטראַכט איינגעוויקעלט אין תכריכים. די נאַכט איז געקומען צו איהר ענדע, און מיט א האַרץ, פול נאָך מיט ביטערע געדאַנקען וועגען דער איינער נאָר און אַלערהעכסטער געליבטער, בין איך געבליבען זיצען קוקענדיג אויפ'ן קערפּער פון ראָווענאַ.

עס האָט געמוזט זיין האַלבע נאַכט, אָדער אפשר פריהער, אָדער שפּעטער (וואָרים איך האָב ניט געקוקט אויף דער צייט), ווען א קרעכץ, א שטילער, א צאַרטער, אָבער זעהר א דייטליכער, האָט מיך אויפגעריסען פון מיין חלום אויפ'ן וואָר. איך האָב געפיהלט, אַז עס איז געקומען פונ'ם בעט פון עבען־האַלץ — דעם בעט פון טויט. איך האָב זיך צוגעהערט אין אַן אַגאַניע פון אָבערגלויבישען שרעק, אָבער דער קלאַנג האָט זיך ניט ווידערהאָלט. איך האָב אָנגעשטרענגט מיין ראיה צו אַנטדעקען כאָטש אבי וועלכע באַוועגונג אין דעם טויטען קערפּער — אָבער עס איז ניט געווען דאָס מינדסטע צו באַמערקען. עס האָט דאָך אָבער ניט געקענט זיין, אַז איך האָב זיך אָפּגענאַרט. איך האָב געהערט דעם קלאַנג, ווי שוואַך ער איז ניט געווען, און מיין זעלע האָט אין מיר ערוואַכט. איך האָב מיט אַנטשלאָסענהייט און

מ׳ט אײנגעשפּאַרטקײט געהאַלטען מײן אויפמערקזאַמקײט צוגענאַגעלט צום קערפּער. אַ סך מינוטען זײנען פאַריבער ביז װאַנען עפּעס אַ אומשטאַנד זאָל זיך מאַכען, װאָס זאָל זײן מסוגל צו װאַרפען ליכט אויף דאָס געהײמניס. ענדליך האָט מען באַשײנפּערליך געקאַנט זעהן, אַז אַ לײכטער, זעהר אַ שװאַכער און קוים באַמערקבאַרער סימן פון אַ פאַרב האָט אויפגעפלאַמט אין איהרע באַקען און איבער די אײנגעפאַלענע קלײנע אַדערלאַך פון די אויגען־דעקלעך. עס האָט מיך אַנגענומען אַ מין אומאויסדריקבאַרער שרעק און אימה, פאַר װעלכע די שפּראַך פון אַ בשר ודם האָט ניט קײן גענוג שטאַרקען אויסדרוק, אַז איך האָב דערפיהלט, מײן האַרץ הערט אויף צו קלאַפּען, מײנע גלידער װערען שטײף דאָרט װאו איך בין געזעסען. דאָך, אַ געפיהל פון פליכט האָט ענדליך גענומען אַרבײטען צוריקצוקעהרען מײן זעלבסטבאַהערשונג. איך האָב שוין לענגער ניט געקענט צװײפלען, אַז מיר זײנען געװען צו געאײלט אין אונזערע פאַרבערײטונגען — אַז ראַווענאַ האָט נאָך געלעבט. עס איז נױטיג געװען, אַז עפּעס אַ שנעלע אַנשטרענגונג זאָל געמאַכט װערען. אָבער דער טורעם איז געװען אינגאַנצען אָפּגעזונדערט פון דעם טײל מאַנאַסטיר, װאו די־ דיענער האָבען געװאוינט, מען האָט זײ ניט געקענט אַ רוף טאָן, איך האָב קײן שום װעג ניט געהאַט נױ אַ רוף צו טאָן זײ צו הילף, ניט איבערלאָזענדיג דאָס צימער אויף אַ סך מינוטען, און דאָס האָב איך זיך ניט דערװעגט צו טאָן. איך האָב דערפאַר אַלײן געקעמפט אין מײנע באַמיהונגען צוריקצורופען די נשמה, װעלכע האָט נאָך אַרומגעשװעבט. אין אַ קורצע צײט איז אָבער געװען זיכער, אַז דער פריהערדיגער צושטאַנד האָט זיך צוריקגעקעהרט: דער קאָליר איז פאַרשװאונדען געװאָרען אי פון די אויגען־דעקלעך, אי פון די באַקען, איבערלאָזענדיג אַ בלאַסקײט, װאָס איז נאָך פיעל בלאַסער װי מירמעלשטײן געװען: די ליפּען זײנען געװאָרען אינצװײען אײנגעשרומפּען און אײנגעצױגען מיט דעם שױדערליכען אויסדרוק פון טױט: אַן אָפּשטױסענדע פײכטקײט און קעלט האָט שנעל פאַרשפּרײט זיך איבער׳ן גאַנצען קערפּער, און באַלד איז נאָך צוגעקומען

די גאַנצע געוועהנליכע שטאַרקע שטייפקייט. איך בין צוריק־געפאַלען מיט אַ שוידער אויפ'ן געלעגער, פון וועלכען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט גרויס שרעק, און זיך ווידער אָפּגעגעבען צו ליידענשאַפטליכע לעבעדיגע וויזיאָנען פון ליגעיאַ'ן.

אַ שטונדע איז אַזוי אַוועק, ערשט (קען עס מעגליך זיין?) איך האָב אַ צווייטען מאָל דערפיהלט עפּעס אַן אומבאַשטימטען קלאַנג, אַרויסקומענדיג פון דעם אָרט, וואו דאָס בעט שטעהט. איך האָב זיך צוגעהערט אין גרויס שרעק. דער קלאַנג איז ווידער געקומען — עס איז געווען אַ זיפץ. צולויפענדיג צום קערפּער, האָב איך דערזעהן — דייטליך געזעהן — אַ ציטער אויף די ליפּען. אין אַ מינוט שפּעטער זיינען זיי לויז געוואָרען, אויפדעקענדיג אַ ליכטיגע צייל פון די פּערלדיגע צייהן. אין מיין האַרצען האָט איצט געקעמפט איבעראַשונג מיט דער טיפער מורא, וועלכע האָט ביז איצט אַליין דאָרט געהערשט. איך האָב געפיהלט, עס ווערט מיר טונקעל אין די אויגען, אַז מיין פאַרשטאַנד נעמט בלאָנדזשען, און נאָר דורך אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג האָט זיך מיר ענדליך איינגעגעבען צו שטאַרקען זיך פאַר דער אויפגאַבע, וועלכע די פליכט האָט אַזוי נאָך אַמאָל מיר אָנגעצייגט. עס איז איצט געווען אַ טיילווייזע רויטקייט אויפ'ן שטערן און אויף די באַקען און אויפ'ן האַלז; אַ פיהלבאַרע וואַרעמקייט האָט דורכגענומען דעם גאַנצען קערפּער; עס איז אפילו געווען אַ לייכט קלאַפּען אין האַרצען. די פרוי האָט געלעבט, און מיט צוויפאַכער היץ האָב איך זיך גענומען פאַר דער אַרבייט צוריקצוברענגען זי. איך האָב געריבען און געוואַשען די שליפען און די הענט, און באַנוצט יעדעס מיטעל, וואָס ערפאַהרונג און ניט ווייניג מעדיצינישע אָנגעלעזענקייט האָבען געקענט ברענגען אויפ'ן זינען. אָבער אומזיסט. פּלוצלונג איז דער קאָליר פאַרשוואונדען, דאָס קלאַפּען האָט אויפגעהערט, די ליפּען האָבען צוריקגעקראָגען דעם אויסדרוק פון טויט, און אין אַ ווייל שפּעטער האָט דער גאַנצער קערפּער אויף זיך אָנגעצויגען די אייזיגע קאַלטקייט, דעם ברוין־בלאַהען קאָליר, די שטאַרקע שטייפקייט, די איינגעפאַלענע קאַנטור און אַל'די

עקעלהאפטע איינגענשאפטען פון דעם, וואס איז פאר פיעלע טעג געוועזן א שוכן־עפר.

און ווידער בין איך פארזונקען געווארען אין וויזיאנען פון ליגעיא'ן, און ווידער (וואס פאר א וואונדער, וואס איך שוידער שרייבענדיג ?), ו ו י ד ע ר האט דערגרייכט מיין אויער א שטי־לער קרעכץ פון דעם ארט, וואו דאס עבען־בעט איז געשטאנען. אבער צו וואס זאל איך איבערגעבען מיט אלע איינצעלהייטען די אומבאשרייבליכע שרעקען פון יענער נאכט ? וואס זאל איך זיך אפשטעלען צו דערצעהלען, ווי אזוי, צייט נאך צייט, ביז דער טאג האט גענומען גראהען, האט זיך די דאזיגע שוידערליכע דראמע פון ווידער־אפלעבונג ווידערהאלט ? ווי יעדער שרעק־ליכער צוריקקער איז נאר געוועזן א צוריקקער צו א שטרענגערען און באשיינפערליך מעהר אומאויסלייזבארען טויט ? ווי יעדע אגאניע האט געטראגען דאס אויסזעהן פון א קאמף מיט עפעס אן אומזיכטבארען שונא ? און ווי נאך יעדען קאמף איז געקומען איך ווייס ניט וואס פאר א ווילדע ענדערונג אין דעם קערפערליכען אויסזעהן פון דעם בר־מינן ? לאמיר אויף גיך ענדיגען.

דער גרעסטער טייל פון דער מורא'דיגער נאכט איז שוין אוועק, און זי, וועלכע איז טויט געוועזן, האט זיך ווידער אמאל א ריהר געטאן — און איצט שוין שטארקער ווי געוועזן, כאטש אויפכאפענדיג זיך פון אן אויפלעזונג, וואס איז דאס מאל געווען שוידערליכער אין איהר פולשטענדיגער האפנונגסלאזיגקייט. איך האב שוין לאנג אויפגעהערט צו קעמפען מיט זיך, אדער צו באַ־וועגען זיך, און איך בין פארגליווערט געבליבען זיצען אויף דער אטאמאנקע, א האפנונגסלאזער רויב צו א ווירבעל־ווינט פון העפ־טיגע עמאציעס, פון וועלכע די העכסטע אימה איז גארניט אזוי שרעקליך געווען, גארניט אזוי פארצעהרענד. דער בר־מינן, זאג איך נאך א מאל, האט זיך א ריהר געטאן, און איצט שוין שטאַר־קער ווי פריהער. די פארבען פון לעבען האבען אויפגעפלאמט אין געזיכט מיט אן אומגעוועהנליכער ענערגיע, די גלידער האַ־בען אפגעלאזען, און ווען ניט די אויגען־דעקלעך, וואס זיינען נאך

געוועז שטייף צונויפגעפרעסט, און די באנדאזשעז און דראפי־רונגעז פון קבר, וואס האבעז נאך צוגעגעבעז זייער טויטעז־שטי־בעל כאראקטער צו דער פיגור, וואלט זיך מיר געקענט אויס־דוכטעז, אז ראוועננא האט ווירקליך אפגעטרייסעלט פון זיך לגמרי די קייטעז פון טויט. אבער אויב דער דאזיגער געדאנק איז אפילו דאן גארניט אנגענומעז געווארעז, האב איך לכל הפחות בעת איך האב זיך אויפגעהויבעז פון בעט, וואקלענדיג מיט שווא־כע טריט, מיט פארמאכטע אויגעז און האלטענדיג זיך אזוי ווי איינער וואס איז צעמישט אין א חלום, שוין מעהר ניט געקענט צווייפלעז, אז די זאך וואס איז געוועז איינגעהילט אין ווייסעז האט מוטיג און באשיינפערליך געשפרייזט אינמיטעז צימער אריין.

איך האב זיך א טרייסעל ניט געטאז, איך האב זיך א ריהר ניט געטאז, ווארים א מחנה פאנטאסטישע בילדער, פארבונדעז מיט דער מינע, וואוקס און האלטונג פון דער פיגור, דורכלויפענ־דיג האסטיג דורך מיין מארד, האבעז פאראליזירט, האבעז מיך פארשטיינערט. איך האב זיך א ריהר ניט געטאז — נאר איך האב מיט דערשטוינונג געקוקט אויפ׳ן געשפענסט. עס איז גע־וועז א ווילדע צערודערונג אין מיינע געדאנקעז, א טומעל ניט איינצושטילעז. קעז עס ווירקליך זיין די ל ע ב ע ד י ג ע ראַ־וועננא, וועלכע האט זיך געשטעלט אנטקעגעז מיר? קעז עס ווירק־ליך זיין ראוועננא א י נ ג א נ צ ע ז — די העל־האריגע, די בלוי־אויגיגע ליידי ראוועננא טרעוואניאז, פון טרעמעז? פארוואס, פ א ר ו ו א ס זאל איך צווייפלעז אין דעם? דער באנדאזש איז שטייף געלעגעז ארום מויל, אבער דאז קעז עס דעז ניט זיין דאס מויל פון דער אטעמענדער ליידי פון טרעמעז? און די באַ־קעז — עס זיינעז אויף זיי געוועז די רויזעז ווי אין דער בליהונג פון איהר לעבעז — יא, דאס האבעז דאך ווירקליך געקענט זיין די שעהנע באקעז פון דער לעבעדיגער ליידי פון טרעמעז. און דאס קין, מיט די חן־גריבעלעך, ווי בעת זי איז געזונט געוועז, איז דאס ניט איהרעס? נ א ר א י ז ז י א ו י ס ג ע ו ו א ק ־ ס ע ז, ה ע כ ע ר ג ע ו ו א ר ע ז, ז י נ ט ז י א י ז ק ר א נ ק? וואס פאר אז אומאויסדריקליכע משוגעת האט מיך

אנגעכאפּט מיט דעם דאָזיגען געדאנק? איין שפּרונג, און איך בין שוין ביי איהרע פיס געוועזן! אויפשוידערענדיג פון מיין ריהר, האָט זי אַרונטערגעוואָרפען פון איהר קאָפּ, לויז געמאַכט די טויטען־קליידער, וועלכע האָבען דאָס באַהאַלטען, און עס האָבען געגומען שטראָמען אַרויף, אין דער רוישענדער אַטמאָס־פּערע פון׳ם צימער, גרויסע שטיקער לאַנגע און צעשויבערטע האָר, שוואַרצער ווי די ראָבען־פליגלען פון מיטען נאַכט! און דאַן האָבען זיך לאַנגזאַם געעפענט די אויגען פון דער געשטאַלט, וואָס איז פאַר מיר געשטאַנען. „אָט, איצטער, ווענינגסטענס“, האָב איך הויך אויסגעשריען, „קען איך שוין מעהר ניט, קען איך שוין מעהר ניט, קיין טעות ניט האָבען — דאָס זיינען די פולע, די שוואַרצע און די ווילדע אויגען — פון מיין פאַרלאָרענער ליבע — פון דער ליידי — פון דער ליידי ליגעיאַ!“

דער אונטערגאנג פון הויז אשער.

Son coeur est un luth suspendu,
Litot qu' on le touche il resonne.

בעראנזשע.

דעם גאנצענעם טאג, א שווערען, פינסטערען און טויט־שטילען הערבסט־טאג, ווען די וואלקענס זיינען שטיקענדיג נידעריג געהאנגען אין די הימלען, בין איך אליין זיך געפאהרען, רייטענדיג אויף א פערד, דורך א מאדנעם וויסטען שליאך פון לאנד, און ענדליך, ווען די שאטענס פון'ם אווענט האבען זיך ארונטערגעלאזען, האב איך דערזעהן פאר זיך דאס מעלאנכאלישע *הויז פון אשער*. איך ווייס ניט, ווי דאס איז געווען, אבער מיט'ן ערשטען בליק אויף דער געביידע האט א געפיהל פון אומערטרעגליכען אומעט דורכגעדרונגען מיין נשמה. איך זאג: אומערטרעגליכער, ווארים דאס געפיהל איז ניט פארלייכטערט געווארען דורך עטוואס פון יענער האלב־אנגענעמער, ווייל פאעטישער, עמפפינדליכקייט, מיט וועלכער דער גדאנק נעמט געוועהנליך אויף אפילו די ערנסטע נאטירליכע בילדער פון אומגליק אדער שרעק. איך האב געקוקט אויף דער סצענע וואס פאר מיר — אויף דאס הויז אליין און אויף די איינפאכע לאנדשאפט־שטריכען פון דעם פלאץ ארום, אויף די אומעטיגע ווענט, אויף די פוסטע פענסטער, וואס האבען ווי אויגען אויסגעזעהן, אויף דאס ביסעל גרויסע דיקע גראזען — און אויף די עטליכע ווייסע שטאמען פון פארפוילטע בוימער — געקוקט מיט דעם העכסטען יאוש אין דער נשמה, צו וועלכען איך קען ניט געפינען צווישען אלע ערדישע געפיהלען קיין פאסיגערען פארגלייך, ווי דער נאך־טרוים פון אן אפיום־שכור, דער ביטערער צוריקקעהר צום אלטעגליכען לעבען, דאס שרעקליכע ארונטערפאלען פון דעם שלייער. עס האט גענומען פריהרען, איינפאלען, וועה־טאן דאס הארץ: א האפנונגסלאזער עלענד האט גענומען מאטערען דעם גדאנק, אזוי מאטערען, אז קיין שום טרייב־

קראפט פון דער פאנטאזיע וואלט דאס ניט געקאנט טאן. וואס איז דאס געווען, האב איך גענומען טראכטען, וואס איז דאס אזוינס געווען, וואס עס האט מיר אזוי די נערווען צעשרויפט אין די געדאנקען איבער דעם ה ו י ז פ ו ן א ש ע ר? עס איז געווען א געהיימניס, וואס קען גארניט געלייזט ווערען: איך האב אויך ניט געקענט בייקומען די טונקעלע פאנטאזיעס, וואס זיינען מחנות־ווייז געקראכען צו מיר, בעת איך האב געהאלטען אין טראכטען. איך בין געווען געצוואונגען צוריקצוקומען צום ניט צופרידענשטעלענדען באשלוס, אז כאטש עס זיינען אהן ספק פאראן קאמבינאציעס פון זעהר איינפאכע נאטירליכע אביעקטען, וועלכע האבען די קראפט אונז אזוי צו ריהרען, דאך, דער אנאליז פון דער דאזיגער קראפט ליעגט צווישען די באטראכטונגען, וואס זיינען מחוץ לגבול פון אונזער השגה. עס איז מעגליך געווען, האב איך געטראכט, אז ווען מען זאל נאר אנדערש צעשטעלען די איינצעלהייטען פון דער סצענע, די פרטים פון בילד, וועט דאס שוין זיין גענוג צו מאדיפיצירען, אדער אפשר צו פארניכטען די פעהיגקייט דערפון צו מאכען א שמערצליכען איינדרוק. און אפשטעלענדיג זיך אויף דעם דאזיגען געדאנק, האב איך צוגעבונדען מיין פערד צום שטארק־משופע'דיגען ראנד פון א שווארצער און שמוציגער סאזשעלקע, וואס איז געלעגען אין שטילען גלאנץ ביים הויז, און האב ארונטערגעקוקט, אבער מיט א נאך מעהר דורכנעהמענדען שוידער, ווי פריהער, אויף די איבערגעמאכטע און איבערגעשטעלטע בילדער פון די גרויע זומפגראזען און אויף די מורא'דיגע שטאמען פון די בוימער און די פוסטע פענסטער, וואס האבען ווי אויגען געקוקט.

פונדעסטוועגען האב איך גערעכענט צו פארברענגען עטליכע וואכען אין אט דעם הויז פון חושך און טרויער. דער באלעבאס זיינער, ראדעריק אשער, איז געווען איינער פון מיינע לוסטיגע קאמפאניאנען אין די אינגעלשע יאהרען, אבער עס איז אוועק א סך יאהרען, זינט מיר האבען זיך געזעהן צום לעצטען מאל. א בריף אבער האט צו מיר לעצטענס געגרייכט אין א ווייטען טייל פון לאנד, א בריף פון איהם, אויף וועלכען, וועדליג זיין ווילד־

צודרינגליכען כאַראַקטער, האָט מען געמוזט געבען ניט קיין אַנ־
דערען, ווי נאָר אַ פּערזענליכען ענטפער. דער מאַנוסקריפּט האָט
געוויזען סימנים פון נערוועזער אויפרעגונג. דער שרייבער האָט
געדערט וועגען אַ שאַרפער קערפּערליכער קראַנקהייט, וועגען אַ
גייסטיגער צערודערונג וואָס איז איהם באַפאַלען, און וועגען אַז
ערנסטען וואונש צו זעהן מיך, אלס זיין בעסטען און ווירקליך
זיין איינציגען פּערזענליכען פריינד, מיט דער אבזיכט צו פּרובירען
דורך דער לוסטיגקייט פון מיין געזעלשאַפט עטוואָס צו פאַרלייכ־
טערן זיין חולאת. עס איז געווען דער אופן, ווי דאָס אַלעס, און
פיעל מעהר, איז אויסגעדריקט געוואָרען: עס איז געווען די
באַשיינפּערליכע האַרציגקייט, וואָס איז צוזאַמען מיט דער בקשה
געקומען, — דאָס איז געווען, וואָס האָט ניט געלאָזט מיר
קווינקלען זיך, און איך האָב דערפאַר גלייך געפאָלגט דאָס, וואָס
איך האָב נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר אַ זעהר זונדערבאַרען רוף.

כאָטש אינגעלוויז זיינען מיר געווען זאָגאַר זעהר נאָהענטע
חברים, דאָך האָב איך ווירקליך וועניג געוואוסט פון מיין פריינד.
זיין איינגעהאַלטענקייט איז תמיד געווען איבער דער מאָס און
באַשטענדיג. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז זיין זעהר אַלטע
משפחה האָט פון לאַנג־אַן גע'שמ'ט מיט איהר מאָדנער עמפּפינד־
ליכקייט פון טעמפּעראַמענט, אַרויסווייזענדיג זיך דורך לאַנגע
דורות אין פיעלע ווערק פון הויכער קונסט, און די לעצטע צייט
אַרויסווייזענדיג זיך אין צדקה־טאָן כסדר מיט אַ ברייטער האַנט,
דאָך אויף אַ באַשיידענעם אופן, אויך איבערגעבענדיג זיך ליידענ־
שאַפטליך צו די שווערינקייטען פון מוזיקאַלישער וויסענשאַפט,
אפשר נאָך מעהר אפילו ווי צו די פעסטגעשטעלטע און לייכט אַנער־
קענבאַרע שעהנקייטען. איך האָב זיך אויך דערוואוסט דעם זעהר
מערקווירדיגען פאַקט, אַז דער שטאַם פון דער אשער־פאַמיליע,
ווי בכבוד'יג פון דורות־לאַנג זי איז ניט געווען, האָט אין קיין
שום צייט ניט אַרויסגעבראַכט קיין צווייג, וואָס זאָל מאריך
ימים זיין; מיט אַנדערע ווערטער, אַז די גאַנצע פאַמיליע געהט
אין דער דירעקטער ליניע פון אַפּשטאַמונג, און איז תמיד אַזוי
געווען, מיט זעהר אומבאַדייטענדע און זעהר צייטווייליגע אויס־

נאמען. עס איז געווען אט־א־דער פעהלער, האב איך געטראכט, איבערלויפענדיג אין געדאנק די פאלקאמענע הארמאניע אין דעם כאראקטער פונ׳ם פלאץ מיט דעם אנערקענטען כאראקטער פון די מענשען, און ספעקולירענדיג איבער דעם מעגליכען איינפלוס, וואס איינס, אין דעם לאנגען משך פון יאהרהונדערטער, האט געקענט האבען איבער׳ן צווייטען, — עס איז געווען אט־א־דער פעהלער אפשר, וואס דער דור האט זיך ניט פארצוויינט און דאס כסדר׳דיגע ניט־אפווייכענדיגע איבערגעהן בירושה, פון פאטער צו זוהן, דער מאיאנטעק צוזאמען מיט׳ן נאמען, וואס האט ענדליך אזוי אידענטיפיצירט די ביידע, אז דער אריגינעלער נא־מען פון דער נחלה איז איינגעשלונגען געווארען אין דעם אויסטער־לישען און צוויידייטיגען נאמען „דאס הויז פון אשער״, א נאמען, וואס האט אין די מחות פון די פויערים, וועלכע האבען דאס אזוי גערופען, געשיינט איינצושליסען אי די פאמיליע אליין אי דאס הויז.

איך האב שוין געזאגט, אז דער איינציגער עפעקט פון מיין עטוואס קינדישען עקספערימענט, ארונטערצוקוקען אין סאזשעלקע אריין, איז געווען, צו פארטיפען דעם ערשטען מאדנעם איינדרוק. עס קען קיין שום צווייפעל ניט זיין, אז דאס באוואוסטזיין פון דעם שנעלען וואוקס פון מיין אבערגלויבען (ווארים פארוואס זאל איך דאס ניט אזוי רופען?) האט הויפטזעכליך געפיהרט צו דער פארשנעלערונג פון דעם וואוקס גופא. דאס האב איך שוין לאנג געוואוסט, איז דאס פאראדאקסאלע געזעץ פון אלע געפיהלען, וועלכע באזירען אויף שרעק. און עס קען זיין, אז דאס איז געווען נאר די אורזאך, וואס, ווען איך האב צוריק אויפגעהויבען מיינע אויגען צום הויז אליין, איז אויסגעוואקסען אין מיין געדאנק א מאדנע פאנטאזיע, אזא לעכערליכע פאנטאזיע, ווירקליך, אז איך דערמאן דאס נאר, צו ווייזען די לעבהאפטע קראפט פון די פיה־לונגען, וואס האבען מיך געדריקט. איך האב אזוי געארבייט איבער מיין איינבילדונג, ווי עס וואלט ווירקליך געווען צו גלויבען, אז איבער׳ן גאנצען הויז און פלאץ הענגט אן אטמאספערע, וואס איז אייגענטימליך נאר פאר זיי אליין און זייער נאהענטער סביבה,

אז אטמאספערע, וואס האט ניט קיין שייכות מיט דער לופט פון הימעל, נאר וועלכע האט אויסגעדונסטעט פון די צעפוילטע בויּמער און די סארע ווענט און דעם שטילען זומפ א פעסטהאפטע און מיסטישע דונסט, א שווערע, א פוילע, א שוואכליך באמערקּבארע און פון א בלייערנעם קאליר.

אפטרייסלענדיג פון מיין גייסט דאס, וואס האט ג ע ־ מ ו ז ט זיין א חלום, האב איך גרינדליך באטראכט דעם ריכּטיגען אויסזעהן פון דעם בנין. זיין הויפט־שטריך, שיינט, איז געווען דאס צופיעל פארעלטערטקייט. די דיסקאלירונג פון דורות איז געווען גרויס. פיצינקע שוועמלעך האבען באדעקט דאס גאנצע דרויסען פונ'ם בנין, אראפהענגענדיג אין א דין געפלאנטערט געּוועב פון די דאך־ברעגען. דאך האט דאס אלעס ניט געהאט צו טאן מיט עפעס אויסערגעוועהנליכער צעשטערונג. קיין טייל פון דעם מויער־ווערק איז ניט געווען ארונטערגעפאלען, און עס האט געשיינט צו זיין א ווילדער אומצוזאמענהאנג צווישען זיינע נאך גאנץ גוטע טיילען און די איינצעלנע שטיינער, וואס האבען זיך געהאלטען אין ברעקלען. אין דעם איז געווען פיעלעס, וואס האט מיר דערמאנט אן די אנזיכטיגע גאנצקייט פון אלטען האלצּווערק, וואס האט יאהרענלאנג געפוילט אין עפעס א פארנאכלעּסיגטען קעלער, וואו עס איז ניט געשטערט געווארען פון דעם אטעם פון דער דרויסענדיגער לופט. אחוץ, אבער, די דאזיגע אנדייטונג פון שטארקער צעפוילטקייט, האט די געביידע ווייניג אנגעצייגט אויף ניט־פעסטקייט. אפשר דאס אויג פון א גרינדליּכען באאבאכטער וואלט געקענט אויסגעפינען א קוים באמערקּבארען שפאלט, וועלכער, ציהענדיג זיך פון פארענט פון דעם דאך פון דער געביידע, האט זיך דורכגעבראכען א וועג ארונטער'ן וואנט אין א זיגזאג ריכטונג, ביז ער איז פארלארען געגאנגען אין די כמורנע וואסערען פון סאזשעלקע.

באמערקענדיג די דאזיגע זאכען, בין איך צוגעפאהרען צום הויז איבער א קורצען וועג. א דיענער, וואס האט שוין געווארט אויף מיר, האט צוגענומען מיין פערד, און איך בין אריין אין דעם גאטישען ארק־דורכגאנג פונ'ם קארידאר. א דיענער, מיט שטילע

טריט, האט מיך פון דארטען שטיל געפיהרט דורך פיעלע פינסטערע און געדרעהטע וועגען צום צימער פון זיין האר. פיעלעס וואס, איך האב אנגעטראפען אויפ'ן וועג האט, איך וויים ניט ווי אזוי, צוגעגעבען צו דער פארשטארקערונג פון די אומקלארע געפיהלען, פון וועלכע איך האב שוין גערעדט. אין דער צייט וואס די געגענשטאנדען ארום מיר, די שני־צונגען אויף די סופיטען, די טונקעלע טעפיך־טאפעטען אויף די ווענט, די גלאטע שווארצקייט פון די דילען און די פאנטאסמאגארישע וואפען־טראפייען, וועלכע האבען געבריאזגעט בעת איך האב געטראטען, זיינען געווען ניט מעהר ווי זאכען, צו וועלכע, אדער צו אזעלכע ווי זיי, איך בין צוגעוועהנט געווען פון מיין קינדהייט אן: אין דער צייט וואס איך האב זיך געקווייגקעלט ניט מודה צו זיין זיך, ווי באקאנט דאס אלץ איז געווען, — בין איך נאך אלץ נייגעריג געווען אויסצוגעפינען, ווי אומבאקאנט זיי־נען געווען די פארשטעלונגען, וואס געוועהנליכע בילדער רופען ארויס. אויף איינער פון די טרעפ האב איך באגעגענט דעם דאק־טאר פון הויז. זיין פנים, האב איך געטראכט, האט געטראגען א געמישטען אויסדרוק פון געמיינער כיטרעקייט און פארלעגענ־הייט. ער האט מיך באגריסט מיט ציטער און איז אוועקגעגאנ־גען. דער דיענער האט דערנאך ברייט געעפענט א טיר און מיך אריינגעפיהרט צו זיין האר אין צימער.

דאס צימער, וואו איך האב זיך געפונען, איז געווען זעהר גרויס און הויך. די פענסטער זיינען געווען לאנגע, שמאלע און שפיציגע, און אזוי הויך פון דעם שווארצען דעמבענעם דיל, אז פון אינוועניג האט מען אינגאנצען ניט געקענט דערלאנגען זיי. שוואכע שטראלען פון בלוט־רויטען ליכט האבען זיך דורכגעשלא־גען דורך נעץ־ארטיגע שויבען, און האבען באצוועקט צו מאכען געווען דייטליך די מעהר וויכטיגע זאכען וואס ארום. דאס אויג אבער האט אומזיסט זיך געמאטערט צו דערגרייכען די וויי־טערע ווינקלען פון דעם חדר, אדער די פארטיפונגען פון דעם געוועלב־טען און באצירטען סופיט. שווארצע דראפירונגען זיינען געהאנ־גען אויפ'ן וואנט. די אלגעמיינע כלי־בית איז געווען איבער־

גענוג, ניט־באפרידיגענד, פּארצייטיג און אפּגעריסען. א סך ביכער און מוזיקאלישע אינסטרומענטען זיינען געלעגען צעוואָרפען ארום, אבער זיי האבען ניט צוגעגעבען קיין שום לעבעדיגקייט צום בילד. איך האב געפיהלט, אז איך האב אריינגעאטעמט אין זיך אן אטמאספערע פון צער. א לופט פון בייזען, טיפען און אייביגען חושד איז געהאנגען איבער אלעם און אלעם דורכגענומען.

בעת איך בין אריין, האט אשער זיך אויפגעהייבען פון א סאפע, אויף וועלכער ער איז געלעגען אינגאנצען אויסגעצויגען, און האט מיך געגריסט מיט א לעבעדיגער ווארימקייט, וועלכע, ווי איך האב צוערשט געטראכט, האט געהאט אין זיך פיעל געמאכטע הארציגקייט, אנגעשטרענגטע באמיהונג פון א מענשען, וועמען די וועלט האט שוין דערעסען. איך האב אבער א קוק געטאן אויף זיין פּנים, און איך האב געזעהן, אז ער איז אויפריכטיג ביז גאר. מיר האבען זיך אנידערגעזעצט, און פאר עטליכע רגע׳ס, וואס ער האט ניט גערעדט, האב איך געקוקט אויף איהם מיט א געפיהל פון האלב רחמנות, האלב שרעק. זיכער, א מענש האט זיך נאך קיינמאל אזוי שרעקליך ניט געענדערט אין אזא קורצער צייט, ווי ראדעריק אשער האט זיך געענדערט! עס איז מיר שווער אנגעקומען צו רעכט מאכען ביי זיך, אז אט דער טויט־בלאסער מענש, וואס איז איצט פאר מיר, איז דער זעלביגער, וואס איז געווען מיין חבר אין מיינע פריהסטע אינגעלשע יאהרען. דאך, דער כאראקטער פון זיין געזיכט איז אין אלע צייטען מערקווירדיג געווען. א פּנים פון א בר־מינן: אויגען גרויסע, פייכטע פון טרערען און גלאנציגע, אז קיין פארגלייך איז גאר ניטא: ליפּען עטוואס דינע און זעהר בלאסע, אבער אהן א שיעור שוין אויסגעבויגען: א נאז פון א דעליקאטען אידישען מאדעל, אבער מיט אזעלכע אומגעוועהנליך ברייטע נאזלעכער, וואס מען זעהט גארניט אין אזעלכע נעזער: א פיין געשניצט קין, דערצעהלענדיג אין זיין מאנגעל פון בולט׳קייט, אויך פון א מאנגעל אין גייסטיגער ענערגיע: האר, וואס זיינען געווען ווייכער און דינער, ווי וואסער ניט איז געוועב, — די דאזיגע אלע שטריכען צוזאמען מיט אן אויסברייטונג פון אהן א מאס איבער די פּלעצער

וואו די שליפען געהען, האבען ארויסגעבראכט א בילד, וואס מען האט ניט לייכט געקענט פארגעסען. היינט נאך אין דער הוילער איבערטרייבונג פון דעם הערשענדען כאראקטער פון די דאזיגע שטריכען און פון דעם אויסדרוק, וואס זיי פלעגען ארויסגעבען, איז געלעגען אזוי פיעל ענדערונג, אז איך האב אליין ניט געוואוסט צו וועמען איך רעד דאס. און די שרעקליכע בלאסקייט פון דער הויט און דער וואונדערליכער גלאנץ פון די אויגען האבען מיר מעהר פון אלע זאכען ערשטוינט און זאגאר ,געשראקען. היינט די זיידענע האר האט מען געלאזען וואקסען אהן שום אויפמערקזאמקייט, און אזוי ווי אין זייער ווילדען, לייכט־דינעם געוועב האבען זיי גיכער געפלאטערט ווי ארונטערגעפאלען איבער'ן פנים, האב איך דארום, אפילו מיט מאטערניש, ניט געקענט פארבינדען זייער אראבעסקען אויסדרוק מיט וואסער ניט איז באגריף פון איינפאכער מענשליכקייט.

אין דער אויפפיהרונג פון מיין פריינד האב איך גלייך בערזעהן א צוזאמענהאנג, אן אומבאשטענדיגקייט, און איך האב באלד אויסגעפונען, אז דאס קומט פון א סדרה שוואכע און אומזיסטע מאטערנישען בייצוקומען אן איינגעוועהנטע שרעקעדיגקייט, אן איבערמאסיגע נערוועזע אויפרעגונג. אז עטוואס אזוינס זאל מיט איהם זיין, צו דעם בין איך געווען צוגעגרייט, ניט אזוי פון זיין בריף, ווי פון די ערינערונגען אן געוויסע אינגעלשע שטיק, און פון שלוסען, ארויסגעדרונגען פון זיין זונדערבארען קערפערליכען געבוי און טעמפעראמענט. זיין האנדלונג איז געווען אמאל לעבעדיג און אמאל אומעטיג. זיין שטימע האט זיך געביטען שנעל פון א ציטערדיגער אומאנטשלאסענהייט (ווען די לעבעדיגקייט פלעגט, דאכט זיך, פון איהם אינגאנצען ארונטער) צו יענעם סארט ענערגישע קורץ־געפאסטקייט, צו יענע אפגעהאקטע, וואזשנע, ניט־געאיילטע און טעמפ־קלינגענדע דיבורים, צו יענער שווערער, זעלבסט־באלאנסירטער און ביז גאר מאדולירטער האלזאויסשפרעכונג, וואס מען קען באמערקען ביים פארפאלענעם שכור, אדער ביים אומפארבעסערליכען אפיום־עסער, אין די צייטען פון זיין העכסט־אינטענסיווער אויפרעגונג.

אַמ אויף אַזאַ אופן האָט ער געערדט וועגן דעם צוועק פון מיין קומען, וועגן זיין ערנסטען וואונש צו זעהן מיך און וועגן די טרייסט, וואָס ער ערוואַרט פון מיר, איך זאָל איהם געבען. ער האָט ביז אַ געוויסען גראַד זיך צערעדט וועגען דעם, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר זיין קראַנקהייט. דאָס איז, האָט ער געזאָגט, אַן אָרגאַנישער און פאַמיליען־פעהלער, און אַזאַ, צו וועלכען עס איז ניט געווען קיין רפואה. עס איז ניט מעהר, ווי אַ נערוועזער מיחוש, האָט ער באַלד צוגעלעגט, וואָס וועט אָהן צווייפעל גיך איבערגעהן. דאָס האָט זיך ארויסגעוויזען אין אַ מאַסע אומנאַטירליכע געפיהלען. אייניגע פון אַט־אַ־די, ווי ער האָט זיי מיר אויספיהרליך ערקלערט, האָבען מיך פאַראינטע־רעסירט און צעטומעלט, כאָטש עס קען זיין אפשר, די טערמינען און דער אַלגעמיינער אופן, ווי ער האָט דאָס דערצעהלט, האָבען געהאַט זייער ווירקונג. ער האָט אַ סך געליטען פון אַ קראַנק־האַפטער פאַרשאַרפונג פון די חושים. נאָר די געשמאַקלאָזסטע מאכלים האָט ער געקענט פאַרטראַגען; ער האָט געקענט טראָגען נאָר קליידער פון געוויסע געוועבטע שטאָפען; די ריחות פון אַלע בלומען האָבען איהם געשטיקט; זיינע אויגען פלעגען ניט קענען פאַרטראָגען אפילו דאָס שוואַכסטע ליכט, און נאָר זונדער־באַרע קלאַנגען, איז דאָס פון די אינסטרומענטען אויף סטרונעס, האָבען איהם ניט אָנגעפילט מיט שרעק.

איך האָב איהם געפונען אַ געבונדענעם שקלאַף צו אַן אָנאָ־מאַלען סאָרט שרעק. „איך וועל אומקומען“, האָט ער געזאָגט, „איך מוז אומקומען אין אַט דער קלאָגעדיגער נאַרישקייט. אַט אַזוי, אַט אַזוי, און ניט אַנדערש וועל איך ניט ווערען. איך ציטער פאַר די פאַסירונגען פון דער צוקונפט. ניט פאַר זיי אַליין, נאָר פאַר זייערע רעזולטאַטען. איך שוידער ביים געדאַנק וועגען וואָסער ניט איז, אפילו דעם טריוויאַלסטען אינצידענט, וואָס קען ווירקען אויף אַט דער אומערטרעגליכער אויפרעגונג פון דער זעלע. מיר קימערט ווירקליך ניט קיין געפאַהר, אויסער אין איהר אַבסאָלוטער ווירקונג, אין שרעק. אין אַט דעם אָפּגעשוואַכ־טען, אין אַט דעם צרה׳דיגען צושטאַנד פיהל איך, אַז די צייט

ווערט פריהער אדער שפעטער אנקומען, ווען איך וועל מוזען פארלאזען לעבען און פארשטאנד צוזאמען, אין א געוויסען קאמף מיט דער שרעקליכער האלוצינאציע, מ ו ר א ״.

נאכמעהר, בינתים, און דורך האלבע און צווייזייטיגע רמזים, האב איך זיך דערוואוסט פון אן אנדער זונדערבארען שטריך פון דעמדאזיגען גייסטיגען צושטאנד. ער איז דורך געוויסע אבערגלויבישע איינדריקען געווען ווי אין קייטען געשמידט בנוגע דער וואוינונג וואס ער האט באוואוינט, און פון וואנען ער האט יאהרען־לאנג קיינמאל די נאז ניט ארויסגעשטעקט: בנוגע אן איינפלוס, וועמעס איינגערעדטע קראפט איז איבערגעגעבען געווארען אין צו טונקעלע טערמינען, אום צו קענען דאס דא איבערדערצעהלען — אן איינפלוס, וואס אייניגע אייגענטימליכקייטען אין דער הוילער פארמע און סובסטאנץ פון זיין פאמיליען־וואוינונג האבען, זאגט ער, דורך דער קראפט פון לאנגע ליידען געקראגען איבער זיין גייסט: א רושם, וואס דער פיזישער געבוי פון די סארע ווענט און טורעמס, און פון דער טונקעלער סאזשעלקע, אין וועלכער זיי האבען אלע ארונטערגעקוקט, האט געמאכט אויפ׳ן גייסט פון זיין וועזען.

ער האט אבער צוגעגעבען, כאטש קווינקלענדיג זיך, אז פיעלעס פון דעם מאדנעם אומעט, וואס האט איהם אזוי געפלאגט קען קומען פון א מעהר נאטירליכען און ווייט מעהר ממשות׳דיגען מקור: פון דער שטארקער און לאנג־אנהאלטענדער קראנקהייט, פאקטיש ביז צו אויגענשיינליך אנקומענדער אויפלעזונג, פון א צארט געליבטער שוועסטער, זיין איינציגען קאמפאניאן פון יאהרען־לאנג, זיין לעצטען און איינציגען קרוב אויף דער ערד. „ווען זי זאל שטארבען“, האט ער געזאגט מיט א ביטערקייט, וואס איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען, „וועט ער בלייבען (ער דער האפענונגסלאזער און שוואכער) דער לעצטער פון דעם פארצייטיגען שטאם פון די אשערס“. בעת ער האט דאס גערעדט, איז די ליידי מאדעליין (אזוי האט מען זי גערופען) דורכגעגאנגען דורך א ווייטען טייל פון׳ם צימער, און ניט באמערקענדיג

מיין אנגוועזנהייט, איז זי פארשוואונדען געווארען. איך האב זי באטראכט מיט אן אויסערסטער דערשטוינונג, געמישט כמעט ווי מיט שרעק, און דאך האב איך געפונען פאר אוממעגליך צו דערקלערען זיך אזא מין פיהלען. ווי באטויבט האב איך זיך געפיהלט, בעת מיינע אויגען האבען נאכגעפאלגט איהרע אפּגעהענדע טריט. ווען א טיר האט ענדליך זיך צוגעמאכט נאך איהר, האט מיין בליק אינסטינקטיוו און געריג געזוכט דאס געזיכט פון דעם ברודער: אבער ער האט איינגעגראבען זיין פּנים אין זיינע הענט, און איך האב נאר געקענט באמערקען, ווי א פיעל מעהר פון א געוועהנליכער בלאסקייט האט באדעקט די אויסגעצעהרטע פינגער, דורך וועלכע א סך הייסע טרערען האבען גערונען.

די קראנקהייט פון דער ליידי מאדעליין האט לאנג צונישט געמאכט די חכמה פון איהרע דאקטוירים. א געשטעלטע אפּאטיע, א גראדענווייזע פארשווינדונג פון דעם מענשען, און אפטע כאטש באלד איבערגעהענדע אנפאלען פון א טיילווייז קאטאלעפּטישען כאראקטער — דאס איז געווען די אומגעוועהנליכע דיאגנאזע. ביז אהער האט זי כסדר אויסגעהאלטען דעם דרוק פון איהר קראנקהייט און האט זיך ענדליך נאך ניט געלעגט צום בעט, נאר ביים ענדע אווענט פון מיין אנקומען אין הויז האט זי זיך אונטערגעגעבען (ווי איהר ברודער האט מיר ביינאכט דערצעהלט מיט אן אונבאשרייבליכער אויפרעגונג) צו דער פארדארבענדער מאכט פון דעם משחית: און איך האב דערגאנגען, אז דער בליק, וועלכען איך האב פון איהר געכאפּט וועט אויך אזא אופן וואהרשיינליך זיין דער לעצטער, וואס איך וועל קענען קריגען — אז די פרוי, וועניגסטענס ווייל זי לעבט, וועל איך שוין מעהר ניט קענען זעהן.

עטליכע טעג נאך דעם איז איהר נאמען ניט דערמאנט געווארען, ניט פון אשער'ן, ניט פון מיר, און פאר דער צייט האב איך זיך ערנסט אפּגעגעבען מאטערנדיג זיך צו פארלייכטערן די מרה־שחורה פון מיין פריינד. מיר האבען געמאלען און געליי־

ענט אינאיינעם, אדער איך האב זיך צוגעהערט ווי אין א חלום צו די ווילדע אימפראוויזאציעס, וואס ער האט אויסגעשפילט אויף זיין גיטארע. און אויף אזא אופן, ווען אלץ א נעהנטערע און נעהנטערע אינטימליכקייט האט מיך אלץ אומבאשרענקטער צו־געלאזען צו די טיפענישען פון זיין נשמה, אלץ ביטערער האב איך באגריפען די אומזיסטקייט פון יעטווידען פארזוך אויפצומונטע־רען א גייסט, פון וועלכען פינסטערקייט, ווי דאס וואלט געווען אן איינגעבארענע פאזיטיווע אייגענשאפט, האט ארויסגעשטראמט איבער אלע געגענשטאנדען פון דער גייסטיגער און פיזישער וועלט אין איין ניט־אויפהערענדען שטראם פון אומעט.

איך וועל מיט זיך שטענדיג טראגען די ערינערונג פון די פיעלע איינדרוקספולע שטונדען, וואס איך האב אויף אזא אופן פארבראכט אליין מיט'ן האר פון ד ע ם ה ו י ז א ש ע ר. דאך ווערט זיך מיר ניט איינגעבען צו פרובירען געבען א באגריף פון דעם גענויען כאראקטער פון די שטודיען אדער פון די בא־שעפטיגונגען, אין וועלכע ער האט מיך אריינגעשלעפט, אדער דעם וועג מיר געוויזען. אן אויפגערעגטער און העכסט צערודערטער גייסט האט געווארפען א העל־געלבען גלאנץ איבער אלעס. זיינע לאנגע אימפראוויזירטע טרויער־לידער וועלען מיר אייביג קלינגען אין די אויערען. צווישען אנדערע זאכען האלט איך שטארק אין זכרון א געוויסע מאדנע פארדרעהונג און אויסברייטונג פון דעם ווילדען ניגון פון דעם לעצטען וואלץ פון פאן־וועבער. פון די ביל־דער, איבער וועלכע זיין פלייסיגע פאנטאזיע האט געארבייט און וועלכע זיינען שטריך ביי שטריך אויסגעוואקסען אין אן אומ־קלארקייט, אזוי, אז א שוידער האט מיך נאך מעהר דורכגענומען, ווייל איך האב געשוידערט ניט וויסענדיג פארוואס, — פון די דא־זיגע בילדער (לעבעדיג, ווי זיי שטעהען מיר איצטער פאר די אויגען) וועל איך זיך אומזיסט מאטערן ארויסצוברענגען מעהר ווי א קליינע טייל וואס קען ליגען אין דעם קרייז פון הוילע גע־שריבענע ווערטער. מיט דער פולשטענדיגער איינפאכקייט, מיט דער נאקעטקייט פון זיינע אנגעווארפענע פלענער האט ער די אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען און א מורא אנגעווארפען. אויב

אַ בשר־ודם האָט ווען געמאָלט אַ אידעע, איז דאָס ראַדעריק אַשער יענער בשר־ודם געווען. פֿאַר מיר ווענינסטענס, אין די אומשטענדען וואָס האָבען מיר דענסטמאָל אַרומגערינגעלט, איז אַרויסגעוואַקסען פֿון די ריינע אַבסטראַקציעס, וועלכע דער היפּאַכאָנדריקער האָט געזוכט אַנצוואַרפֿען אויף זיין לייוונט, אַן אינטענסיווויטעט פֿון אומערטרעגליכער מורא, וואָס קיין שאָטען פֿון איהר האָב איך ניט געפֿיהלט אפילו ביים באַאָבאַכטען די זיכער היציגע דאָך צו־ממשות'דיגע, פֿאַנטאַזיעס פֿון פֿיוזעלי.

איינע פֿון די פֿאַנטאַסמאַגאָרישע אידעען פֿון מיין פֿריינד, וואָס האָבען ניט אַנגענומען אַזאַ שטרענגען גייסט פֿון אַבסטראַקציע, קען יאָ געשילדערט ווערען אין ווערטער, כאָטש שוואַכליך. אַ קליין בילד האָט פֿאַרגעשטעלט דאָס אינווענינסטע פֿון אַן אומגעהייער לאַנגען און רעקטאַנגולאַרען קעלער אָדער טונעל, מיט ניעדריגע ווענט, גלאַטע, ווייסע, און אָהן שום אונטערברעכונג אָדער איינפֿאַל. געוויסע זייטיגע שטריכען פֿון דער צייכענונג זיינען צוניץ געקומען, צו געבען דעם באַגריף, אַז די דאָזיגע אויסגראָבונג ליגט זעהר טיעף אונטער דער ערד. קיין שום אַרויסגאַנג איז ניט געווען צו באַמערקען אין קיין שום טייל פֿון איהר גרויסען שטח, און קיין שום פֿאַקעל אָדער אַן אַנדער קינסטליכען קוואַל פֿון ליכט איז ניט געווען צו זעהן: דאָך האָט אַ מבול פֿון שטאַרקע שטראַלען זיך דורכגעריסען און געבאָדען דאָס גאַנצע אין אַ שרעקליכען און אַ ניט געהעריגען גלאַנץ.

איך האָב נאָר וואָס גערעדט פֿון יענעם קראַנקהאַפֿטען צושטאַנד פֿון דעם געהער־נערוו, וואָס האָט געמאַכט מוזיק אומערטרעגליך פֿאַר'ן ליידענדען, אַ חוץ געוויסע ווירקונגען פֿון אינסטרומענטען מיט סטרונעס. אפשר זיינען דאָס געווען די שמאָלע גרענעצען, אין וועלכע ער האָט זיך אַזוי איינגעשלאָסען מיט זיין גיטאַרע, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אין אַ גרויסער מאָס דעם פֿאַנטאַסטישען כאַראַקטער פֿון זיין שפּילען. אָבער די ברענענדיגע לייכטקייט פֿון זיינע עקספּראָמפּטען קען ניט אויף דעם אופֿן דערקלערט ווערען. זיי האָבען געמוזט זיין און זיינען געווען אין די

טענער, ווי אויך אין די ווערטער פון זיינע ווילדע פאנטאזיעס (ווארים ניט גאר זעלטען פלעגט ער זיך אקאמפאנירען מיט גע־גראמטע ווערטערליכע אימפראוויזאציעס). דער רעזולטאט פון יע־נער אינטענסיווער מוט־געפאסטקייט און קאנצענטרירונג, אויף וועלכע איך האב פריהער אנגעדייט, אז מען קען דאס באמערקען נאר אין באזונדערע מאמענטען פון דער העכסטער קינסטליכער אויפרעגונג. די ווערטער פון איינער פון די דאזיגע ראפסאדיעס האב איך זיך לייכט ארייגענומען אין זכרון. אפשר דערפאר האט דאס איבערגעוואלד געלאזען א רושם אויף מיר בעת ער האט דאס אימפראוויזירט, ווייל אין דער אונטערשטער אדער מיסטי־שער־ שטרעמונג פון איהר באדייטונג האב איך זיך פארגעשטעלט, אז איך האב באגריפען, און צום ערשטען מאל, אשער'ס פולען באוואוסטזיין, אז זיין הויכער פארשטאנד שאקעלט זיך אויף זיין טראהן. דאס געדיכט, וואס האט זיך גערופען מיט'ן נאמען „דער פון רוחות פארפאלגטער פאלאץ", האט זיך אומגעפעהר, אויב ניט פונקט, געלייענט אזוי:

אינמיטען פון א טאל א גרינעם,
פון שרפים ליכטיגע באוואוינט,
א פאלאץ הויכען, שטאלצען, שעהנעם
האט ווען א שטראלען־שיין געקרוינט.
און ס'איז געווען אין רייך פון שטראלען
דער הער — געדאנק.
נאך איז קיין שרף־בליק געפאלען
אויף אזא פאלאץ שעהן און שלאנק.

און ס'זיינען אויף זיין דאך געהאנגען
און האבען אין דער לופט געוועהט
פאהנען פון גאלד אויף געלע שטאנגען
(פארגעסען לאנג איז יענע צייט!)
האט א זעפיר אהין פארטראגען
אין בלויער לופט,
פון שלאס האט ער אוועקגעטראגען
א צארטען, צויבערליכען דופט.

און דורך די לויכטענדיגע פענסטער
פארנומען האט א וואנדערער'ס בליק,
ווי ס'האבען זיך באוועגט געשפענסטער
צום שטרענגען ריטם פון מוזיק.
ארום א טראן די גייסטער שוועבען,
אין פורפער קרויז,
אין גלאנץ און רוהם דארט זיצט דערהויבען
דער האר פון קעניגרייך אליין.

רובין און פעריל שיין באגאסען
האט דארט דעם הערליכען פארטאל.
און פריה און שפעט איז אלץ געפלאסען
א מחנה עכאם פון דעם זאל.
און הערליך האט אין רוים געקלונגען
דער שטילער באר.
זיי האבען פריה און שפעט באזונגען
די ווייזהייט פון דעם קעניג גאר.

דאָך גייסטער פיעל פון בייז און זאָרגען
באַפאַלען זיינע יענעם טאָל.
(אַ וועה! אַ וועה! עס וועט דער מאָרגען
ניט אויפגעהן אויף דעם לאַנד קיינמאָל!)
דער שלאָס, וואָס איז אַ טרוים געוועזען
פון הערליכקייט,
איז איצט אַ זאַגע האַלב פאַרגעסען
פון אַן אומדענקליך אַלטער צייט.

איצט, דורך די רויט־באַשיינטע פענסטער
דאָרט שוועבען פאַר דעם וואַנדערער'ס בליק,
אַ רייה פאַנטאַסטישע געשפּענסטער
צום טאַקט פון גרילצענדער מוזיק.
און ס'געהען פון דעם טויער בלייכען
מיט לייכטע טריט
געשטאַלטען פינסטערע און לאַכען —
זיי שמייכלען קיינמאָל ניט.

איך געדענק גוט, ווי די סוגעסטיאַנען, וואָס זיינען אַרויס־געוואַקסען פון דער דאָזיגער באַלאַדע, האָבען אונז אַריינגעפיהרט אין אַ וועלט פון געדאַנקען, וואו ס'איז קלאָר באַוויזען געוואָרען אַשער'ס אַ מיינונג, וועלכע איך דערמאָן דאָ ניט אַזוי צוליב איהר נייקייט (וואָרים אַנדערע לייט*) האָבען אַזוי געדענקט), ווי צוליב דער איינגעשפּאַרטקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַר דעם איינגעשטעלט. די דאָזיגע מיינונג איז איהר אַלגעמיינער פאָרמע

*) וואַטסאָן, דר. פערסיוואַל, ספּאַלאַנצאַני און באַזונדערס דער בי־שאָף פון לאַנדאַף.

איז וועגן דער באַוואוסטזיניגקייט פון די צמחים. אָבער אין זיין צערודערטער פאַנטאַזיע האָט די אידעע אנגענומען אַ מעהר גע־וואַגטען כאַראַקטער און איז אַריבערגעגאַנגען, אונטער געוויסע באַ־דינגונגען, אויף דעם קעניגרייך פון דאָס אומאָרגאַנישע. מיר פעהלען ווערטער אויסצודריקען די פולע גרויס, אָדער דעם ערנ־סטען ענטוזיאַזם פון זיין איבערציייגונג. דער גלויבען אָבער איז געווען פאַרבונדען (ווי איך האָב שוין פריהער אנגעדייט) מיט די גרויע שטיינער פון דער היים פון זיינע אָבות. די באַדינגונ־גען פון דער באַוואוסטזיניגקייט, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, זיי־נען דאָ מקוים געוואָרען אין דער מעטאָדע פון דער צוזאַמענשטע־לונג פון די שטיינער, — אין דעם סדר, ווי זיי זיינען אויסגעלעגט, ווי אויך אין דעם אופן פון די פולע שוועמלעך וואָס האָבען זיי באַדעקט, און פון די צעפוילטע בוימער, וואָס זיינען אַרום געשטאַ־נען: מעהר פון אַלצדינג, אין דעם לאַנגען אומגעשטערטען קיום פון דעם דאָזיגען סדר און אין דער אָפּשפּיגלונג אין די שטילע וואַסערן פון דער סאַזשעלקע. זיין באַווייז, דעם באַווייז פונ׳ם באַוואוסטזיין, האָט מען געקענט זעהן, האָט ער געזאָגט (און דאָ האָב איך אויפגעשפּרונגען, בעת ער האָט גערעדט), אין דער שטו־פענווייזער דאָך זיכערער צוזאַמענפּרעסונג פון אַן אייגענטימליכער אַטמאָספערע אַרום די וואַסערן און די ווענט. דעם רעזולטאַט האָט מען געקענט אויסגעפינען, האָט ער מוסיף געווען, אין יענעם שטי־לען דאָך באַלעסטיגענדען און שרעקליכען איינפלוס, וואָס האָט הונדערטער יאָהרען אויסגעפורעמט די שיקזאַלען פון זיין פאַמיליע, און וואָס האָט פון איהם געמאַכט דאָס וואָס איך האָב איצט גע־זעהן. אַזעלכע מיינונגען דאַרפען קיין פירושים ניט האָבען, און איך וועל טאַקע ניט מאַכען.

אונזערע ביכער — די ביכער, וועלכע האָבען יאָהרען־לאַנג גע־בילדעט ניט קיין קליינעם טייל פון דער גייסטיגער עקזיסטענץ פון דעם אינוואַליד — זיינען געווען, ווי מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלען, אין שטרענגער האַרמאָניע מיט׳ן כאַראַקטער פון דער אילוזיע. מיר האָבען אינאיינעם געגראָבען זיך אין אַזעלכע ווערק ווי „ווערוועער און שאַרטרעזן“ פון גרעסע, „בעלפעגאָר“ פון

מאקיאוועלי, דער הימעל און גהינום" פון סוועדענבארג, האל־בערג'ס „אונטערערדישע רייזע פון ניקאלאס קלים", די „בי־ראמאנטיע" פון ראבערט פלאד, פון זשאן ד'ענדאזשינע און פון דע לא שאמבר, די „רייזע אין די בלויע ווייטקייט" פון טיעק, און די „שטאט פון דער זון" פון קאמפאנעלא. איין באליבט בוך איז געווען א קליינע אויסגאבע אין אקטאווא־פארמאט פון „דירעקטאריום אינקוויזיטאריום" פון דעם דאמיניקאנער עי־מעריק דע זשיראן, און עס זיינען געווען שטעלען און אין פאמ־פאניום מעלא" ווענען די אלטע אפריקאנישע סאטירען און עגיפאנען, איבער וועלכע אשער פלעגט זיצען שטונדען־לאנג טרוי־מענדיג. זיין גרעסטען פארגעניגען האט ער אבער געפונען אין לייענען א גאר זעלטענעם און קוריאזען ספר אין גאטישען קווארט־טא־פארמאט, דאס געבעט־בוך פון א פארגעסענער קירכע, — Vigiliae Mortuorum Secundum Chorum Ecclesiae Maguntinae.

איך האב ניט ווילענדיג געמוזט א טראכט טאן וועגען דעם ווילדען ריטואל פון דעם דאזיגען ווערק און וועגען זיין וואהר־שיינליכען איינפלוס אויף דעם היפאכאנדריקער, ווען איין אווענט, פורץ לאזענדיג מיר וויסען, אז די ליידי מאדעליין איז שוין מעהר ניטא, האט ער דערקלערט, אז ער האט בדעה צו באהאלטען איהר טויטען קערפער אויף צוויי וואכען צייט (ביז מען וועט זי ענד־ליך ברענגען צו קבורה) אין איינעם פון די פיעלע קעלערן, וואס צווישען די הויפט־ווענט פון דער געביידע. דער גשמיות'דיגער טעם, וואס ער האט אנגעגעבען פאר זיין מאדנע עובדא, איז גראד געווען אזא, וואס איך פיהל זיך ניט פריי צו דיסקוטירען. דער ברודער איז געקומען צו אט־דעם באשלוס (אזוי האט ער מיר דערצעהלט) צוליב דעם אומגעווענליכען כאראקטער פון דער פארשטארבענער'ס קראנקהייט, צוליב געוויסע צודרינגליכע און משיקאווע חקירות ודרישות פון די דאקטוירים וואס האבען זי בא־האנדעלט, און צוליב דעם וואס דער באערדיגונגס־פלאץ פון דער פאמיליע איז צו ווייט און אין אן אפענעם פלאץ. איך וועל ניט ליי־קענען, אז ווען איך האב זיך דערמאנט אז דעם ניט גוטען אויסזעהן

פון דעם פּארשויז, וואס איך האב אנגעטראפען אויף די טרעפּ אין דעם טאג פון מיין אנקומען אין הויז, האב איך שוין ניט גע־וואלט זיך שטעלען אנטקעגען אזא באווארעניש, וואס איך האב אין בעסטען פאל געהאלטען פאר אומשעדליך און פאר קיין פאל ניט פאר אומנאטירליך.

אויף אשער'ס פארלאנג האב איך איהם פערזענליך געהאלפען אין די פארבארייטונגען צו דער ציימווייליגער קבורה. ארייננלע־גענדיג דעם קערפּער אין דער טרונע, האבען מיר דאס ביידע אוועק־געטראגען אין זיין רוה אריין. דער קעלער, וואו מיר האבען דאס אריינגעלעגט (און וועלכער איז אזוי לאנג ניט געעפענט געווא־רען, אז אונזערע פאקעלען, האלב לעשענדיג זיך אין זיין שטיקענ־דער אטמאספערע, האבען אונז וועניג געלעגענהייט געגעבען ארומ־צוקוקען דעם פּלאץ), איז געווען קליין, פייכט און דורכאויס אהן שום מעגליכקייט פאר דער ליכטיגער שיין ארייגצוקומען, און ער איז געלעגען זעהר טיף, גלייך אונטער יענעם טייל פון דער געביי־דע, וואו מיין אייגען שלאף־צימער איז געווען. עס איז וואהר־שיינליך באנוצט געווארען אין אלטע פעאדאלע צייטען פאר די ערגסטע צוועקען פון א געפענגעניש־פּלאץ, און אין שפּעטערדיגע טעג פאר א פּלאץ צו האלטען פּולווער, אדער אנדערע שטאפען, וואס קענען זיך זעהר לייכט אנצינדען, ווארים א טייל פון דעם דיל און דאס גאנצע אינוועניגסטע פון א לאנגען ארק־דורכגאנג, דורך וועלכען מיר זיינען דורכגעגאנגען, זיינען געווען גוט באשלאגען מיט קופּער. די טיר, פון מאסיווען אייזען, איז אויך געווען אזוי באווארענט. איבער דער מורא'דיגער וואג האט די טיר שטארק געסקריפּעט, דרעהענדיג זיך אויף די זאוויעסעס.

אנידערלעגענדיג אונזער טרויעריגע משא אופ'ן געשטעל אין דעם דאזיגען גבול פון שרעק, האבען מיר עטוואס אפגעקערט אן א זייט דאס נאך ניט צוגעשרויפטע דעקעל פון דער טרונע און האבען א קוק געטאן דער טויטער אין פּנים. א מערקווירדיגע עהנליכקייט צווישען דעם ברודער און דער שוועסטער האט דאן צוערשט צוגעצויגען מיין אויפמערקזאמקייט, און אשער, טרעפענ־דיג אפשר מיינע געדאנקען, האט ארויסגעמורמעלט עפּעס ענליכע

ווערטער, פון וועלכע איך האב דערגאנגען, אז די געשטארבענע און ער זיינען געווען א צווילינג, און אז סימפאטיען פון א קוים פארשטענדליכען כאראקטער האבען אימער עקזיסטירט צווישען זיי. אונזערע בליקען האבען אבער לאנג ניט גערוהט אויף דער טויטער, ווארים מיר האבען ניט געקענט קוקען אויף איהר אהן אימה. די קרענק, וועלכע האט אריינגעטריבען די פרוי אין קבר אין איהר רעכטער יוגענד, האט איבערגעלאזען, ווי געוועהנליך אין אלע קראנקהייטען פון א שארף קאטאלעפטישען כאראקטער, כלומר'שט א שוואכע רויטקייט אויפ'ן בוזים און געזיכט, און יענעם פארדעכטליך זיך קווינקלענדען שמייכעל אויף די ליפען, וואס איז אזוי מורא'דיג אין טויט. מיר האבען צוריק ארויפגעלעגט און צוגעשרויפט דאס דעקעל, און צוקומענדיג צו דער אייזערנער טיר, האבען מיר מיט מאטערניש זיך דורכגעשלאגען אונזער וועג צו די קוים וועניגער חושב'דיגע צימערען פון דעם אויבערשטען טייל פון הויז.

און דערנאך, אז עס זיינען אריבער איינינגע טעג פון ביטערען שמערץ, איז א באמערקבארע ענדערונג געקומען אין דעם כאראקטער פון דער גייסטיגער צערודערונג פון מיין פריינד. זיין געוועהנליכע האלטונג איז פארשוואונדען. זיינע געוועהנליכע באשעפטיגונגען זיינען פארנאכלעסיגט אדער פארגעסען געווארען. ער איז ארומגעגאנגען פון צימער צו צימער מיט שנעלע, ניטגלייכע און צוועקלאזע טריט. די בלאסקייט פון געזיכט האט, אויב מעגליך, געקראגען א מעהר טויטליכען אויסזעהן, אבער דער גלאנץ פון זיינע אויגען איז אינגאנצען אויסגעלאשען געווארען. די א מאל צופעליגע הייזעריגקייט פון זיין טאן האט זיך שוין מעהר ניט געהערט, און א ציטערנדע טרעל, ווי פאר גרויס שרעק, האט געוועהנליך כאראקטעריזירט זיין אויסשפראך. עס זיינען ווירקליך געווען צייטען, ווען איך האב געמיינט, אז זיין אומאויפהערליך אויפגערעגטער מוח ארבייט עפעס איבער א דריקענדען סוד, מאטערנדיג זיך צו קריגען דעם נויטיגען קוראזש, אום אויסצוזאגען איהם. אז אנדערש מאל ווידער בין איך געווען געצוואונגען צו באשליסען, אז אלצדינג איז ניט מעהר ווי אומבאגרייפליכע קאפ-

ריזען פון משוגעת. ווארים איך האב באמערקט איהם קוקענדיג שטונדען־לאנג אין דער פוסטקייט אריין, אין א פאזע פון טיפסטער אויפמערקזאמקייט, ווי ער וואלט זיך צוהערען צו עפעס אן איינגעבילדעטען קלאנג. עס איז קיין חידוש ניט געווען, אז זיין צושטאנד האט געשראקען, אז עס האט מיך אנגעשטעקט. איך האב געפיהלט קריכענדיג איבער מיר, מיט לאנגזאמע אבער זיכערע שטופען, די ווילדע איינפלוסען פון זיינע אייגענע פאנטאסטישע, דאך איינדרוקספולע אבערגלויבענס.

איבערהויפט האב איך דערפיהלט די פולע מאכט פון אזעלכע פיהלונגען, בעת איך בין געגאנגען שלאפען שפעט ביי נאכט אויפ'ן זיבעטען אדער אכטען טאג נאך אונזער באהאלטען די ליידי מאדעליין אין קעלער. עס איז אוועק א שטונדע נאך א שטונדע, און קיין שלאף האט מיך ניט גענומען. איך האב זיך געמאטערט צו פארטרייבען די נערוועזיטעט, וועלכע האט מיך באהערשט. איך האב זיך געמאטערט צו גלויבען, אז פיעל פון דעם, אויב ניט אלעס, וואס איך האב געפיהלט, קומט פון דעם משוגע־מאכענדען איינפלוס פון די חושב'דיגע כלי־בית פונ'ם צימער, פון די טונקעלע און אפגעריסענע דראפירונגען, וועלכע, געטריבען פונ'ם בלאזען פון אן אנקומענדען שטורעם, האבען קאפריזנע זיך געשאקעלט היז און צוריק איבער די ווענט, און אומרוהיג גערוישט ארום די באפוצונגען פון בעט. אבער מיינע באמיהונגען זיינען געווען אומזיסט. אן אומאונטערדריקבארער ציטער האט ביסלעכווייז דורכגענומען מיין קערפער, און ענדליך האט זיך אויף מיין הארץ ארויפגעלעגט א שווערע משא פון א פולשטענדיג גרונדלאזען שרעק. אראפווארפענדיג דאס פון זיך מיט א שווערען אטעם און מאטערניש, האב איך זיך אויפגעהויבען אויף די קישענס, און ארייננדרינגענדיג שארף מיט די אויגען אין די געדיכטע פינסטערניש פונ'ם חדר, האב איך זיך צוגעהארכט (איך ווייס ניט פארוואס, סיידען אז אינסטינקטיווער גייסט האט מיך געטריבען) צו געוויסע נידעריגע און אומבאשטימטע קלאנגען, וועלכע זיינען געקומען דורך די פויזען פון דעם שטורעם, אין לאנגע אינטערוואלען, איך ווייס ניט פון וואנען. איבערוועלטיגט פון

אַז אינטענסיווען שרעקענס־געפיהל, אַז אומערקלערבאַרען דאַך ניט דויערהאַפטען, האָב איך שנעל אַרויפגעוואָרפען אויף זיך מיינע זאַכען (וואָרים איך האָב געפיהלט, אַז מעהר וועל איך שוין ניט שלאָפען די נאַכט), און האָב געזוכט דורך שפּאַנען שנעל היין אַנו צוריק איבער'ן צימער צו באַפרייען זיך פון דעם יאַמערליכען צו־שטאַנד, אין וועלכען איך בין אַריינגעפאַלען.

איך בין אַזוי עטליכע מאָל אַרומגעגאַנגען, ערשט לייכטע טריט פון אַ דערבייאיגער טרעפּ האָבען צוגעצויגען מיין אויפמערקזאַמ־קייט. איך האָב גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אַשער'ס טריט. אין אַ רגע אַרום האָט ער מיט אַ צאַרטען ריהר אָנגעקלאַפּט אין טיר, און איז אַריינגעקומען טראַגענדיג מיט זיך אַ לאָמפּ. זיין פּנים איז געוועזן ווי שטענדיג טויט־בלאַס, אָבער אַ חוץ דעם איז געוועזן עפּעס אַ מין משוגענע לוסטיגקייט אין זיינע אויגען, אַ קענטיג איינגעהאַלטענע היסטעריע אין זיין גאַנצער האַלטונג. זיין אויסזעהן האָט מיך דערשטוינט, אָבער עס איז אַלץ געוועזן בע־סער ווי די איינזאַמקייט, וועלכע איך האָב אַזוי לאַנג געליטען, און איך האָב זאָגאַר באַגריסט זיין אַנוועזענהייט ווי אַ דערלייכ־טערונג.

„און דו האָסט דאָס ניט געזעהן?" האָט ער שאַרף אַ זאָג געטאָן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער שטיל פאַר עטליכע סעקונדעס, — האָסט דאָס אַלזאָ ניט געזעהן!" — אַזוי רעדענדיג און פאַרזיכטיג פאַרשטעלענדיג זיין לאָמפּ, איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו איין פענסטער און דאָס פריי אויפגעעפענט אין רעכטען שטורעם.

די האַסטיגע רציחה, מיט וועלכער דער ווינט האָט זיך אַריינ־געריסען אין הויז, האָט אונז שיער פון די פיס ניט אומגעוואָר־פען. עס איז ווירקליך געוועזן אַ שטורמדיגע, דאָך אַ בייזע שעה־נע נאַכט, אַ נאַכט, וואָס איז מאָדנע ווילד געוועזן אין איהר שרעק און איהר שעהנקייט. אַ ווירבעל־ווינט האָט מסתמא געזאַמעלט זיינע קרעפטען אַרום אונזער הויז, וואָרים עס זיינען געוועזן אָפטע און העפטיגע ענדערונגען אין דער ריכטונג פון דעם ווינט, און די אויסערגעוועהנליכע געדיכטקייט פון די וואָלקענס (וועלכע זיינען

געהאנגען אזוי נידעריג, אז זיי האבען געדריקט די טורעמס פונ׳ם הויז) האט ניט געשטערט אונז צו זעהן די לעבעדיגע שנעלקייט, מיט וועלכער זיי זיינען אין גאלאפּ געפלויגען פון אלע זייטען איינע אנטקעגען די אנדערע, ניט פארשווינדענדיג אין דער ווייטקייט אריין. איך זאג, אז אפילו זייער אויסערגעוועהנליכע געדיכטקייט האט ניט געשטערט אונז צו זעהן דאס: דאך האבען מיר קיין סימן ניט געזעהן פון דער לבנה אדער די שטערן: עס האט אפילו ניט געבליצט. אבער די מורא׳דיגע שטיקער באוועגליכע פּארע, און אויך די אלע ערדישע געגענשטאנדען וואס ארום אונז האבען געגליהט אינ׳ם אומנאטירליכען ליכט פון א שוואך שיינענדיגער און קלאר זיכטבארער גאז-ארטיגער אויסדונסטונג, וואס איז געהאנגען ארום און איינגעהילט דאס הויז.

„דו טארסט ניט, דו דארפסט דאס ניט זעהן!" האב איך שוידערנדיג זיך אנגערופען צו אשער׳ן, און האב איהם איידעל שטארק אנגעמענדיג אפגעפיהרט פון פענסטער צו אן ארט אוועקצוזעצען זיך. „די דאזיגע ערשיינונגען, וועלכע מאכען דיך צעמישט, זיינען ניט מעהר ווי עלעקטרישע ערשיינונגען, וואס זיינען ניט אומגעוועהנליך. אדער עס קען זיין, אז זייער שרעקליכקייט נעמט זיך פון דער עקעלהאפטער מיאזמע פון דעם זומפּ. לאמיר פארמאכען דאס פענסטער. די לופט איז קאלט און געפעהרליך פאר דיין ארגאניזם. אט איז איינע פון דיינע באליבטע געשיכטעס. איך וועל לייענען, און דו וועסט הערען, און אזוי וועלען מיר אריבערקומען די דאזיגע שרעקליכע נאכט צוזאמען".

דאס אלטע בוך וואס איך האב גענומען אויף צו לייענען איז געווען דער „משוגענער טריסט" פון סער לאנסעלאט קאנינג, נאר איך האב דאס אנגערופען אשער׳ס ליבלינג מעהר אין טרויעריגען שפּאס ווי אין ערנסט, ווארים אין דער אמת איז אין דער אומנערלומפערטער און בילדער-ארימער צעצויגענקייט פונ׳ם בוך געווען ווייניג וואס זאל קענען אינטערעסירען דעם דערהויבענעם און רייכען גייסט פון מיין פריינד. עס איז אבער געווען דאס איינציגע בוך, וואס איז גלייך ביי דער האנט געווען, און אן אומקלארע האפענונג איז מיר אריין אין זינען, אז די אויפרעגונג, וועלכע האט

איצט אנגעכאפט דעם היפאכאנדריקער, קען נעפינען א דערלייכ־טערונג (ווארים די געשיכטע פון גייסטיגער צערודערונג איז פול מיט עהנליכע אנאמאליעס) אפילו אין דער אויסערגעוועהנליכער שטות'עריי, וואס איך וועל לייענען. וואלט איך ווירקליך גע־קענט אורטיילען נאך דער ווילדער צו־אנגעשטרענגטער לעבהאפ־טער מינע, מיט וועלכער ער האט זיך צוגעהערט, אדער כלומר'שט צוגעהערט, צו די ווערטער פון דער מעשה, וואלט איך געקענט זיך גראטולירען מיט'ן ערפאלג פון מיין פלאן.

איך בין צוגעקומען צו יענעם גוט־באקאנטען טייל פון דער גע־שיכטע, וואו עטעלרעד, דער העלד פון ט ר י ס ט , נאכדעם ווי ער האט אומזיסט געזוכט מיט גוטען אריינצוקומען אין דעם פרוש'ס וואוינונג, האט זיך מיט גוואלד אריינגעריסען אהין. ווען מען זאל זיך דערמאנען, לייענט זיך די געשיכטע אזוי:

„און עטעלרעד, וועלכער איז בטבע געווען א מוטיגער מאן, און איז איצט דערצו נאך קרעפטיג אויך געווען צוליב די סך וויין וואס ער האט אין זיך אריינגעגאסען, האט שוין מעהר ניט געוואלט טענה'ן מיט'ן פרוש, וועלכער איז אין דער אמת געווען אן איינגעשפארטער און בייזער מענש: נאר פיהלענדיג דעם רעגען אויף זיינע אקסלען און מורא האבענדיג פאר'ן אנקומענדען שטורעם, האט ער גלייך אויפגעהויבען זיין דובינע און מיט איין קלאפ נאכ'ן צווייטען האט ער אויף גיך דורכגעבראכען די ברעט־טער פון טיר, אזוי אז זיין האנט מיט דער אייזערנער הענטשקע זאל קענען דורכגעהן. דאן האט ער מיט כח א ציה געטאן די טיר, און אזוי שטארק געבראכען און געריסען, אז דער קלאנג פון די טרוקענע און פוסט־קלינגענדע האלץ האט זיך צעטראגען און אפ־געקלונגען איבער'ן גאנצען וואלד“.

ענדיגענדיג דעם זאץ בין איך אויפגעשפרונגען, און אויף א וויילע זיך אפגעשטעלט: ווארים עס האט זיך מיר אפגעדוכט (כאטש איך האב גלייך באשלאסען, אז דאס האט מיין אויפגע־רייצטע פאנטאזיע מיך אפגענארט), עס האט זיך מיר אפגע־דוכט, אז פון ערגעץ זעהר א ווייטען טייל פון הויז האט ניט קלאר דערגרייכט צו מיינע אויערן, וואס עס האט זיך געקענט

אויסדרוקטע, ווערליג זיין פּינקטליכע עהנליכקייט אין כאַראַקטער, דער אָפּקלאַנג (אָבער אַ פאַרשטיקטער און אַ טעמפּער, פאַר־שטעהט זיך) פון דעם קנאַקען און רייסען, וואָס סער לאַנסלאָט האָט אַזוי געגוי באַשריבען. עס איז אָהן צווייפעל געווען די צוזאַמענטרעפונג אַליין, וואָס עס האָט צוגעצויגען מיין אויפמערק־זאַמקייט, וואָרים צווישען דעם קלאַפּען פון די ראַמען פון די פענ־סטער און די געוועהנליכע צוזאַמענגעמישטע קולות פון דעם אַלץ גרעסער־ווערענדען שטורעם, האָט דער קלאַנג אין זיך אַליין, זי־כער, גאָרנישט ניט געהאַט אַזוינס, וואָס זאָל מיר אינטערעסירען אָדער שטערען. איך האָב ווייטער געלייענט די מעשה:

„אָבער דער גוטער העלד עטעלרעד, אַריינקוקענדיג איצט איי־נווענינג, איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט און איבעראַשט, ווען ער האָט קיין שום צייכען ניט געזעהן פון דעם בייזען פּרוש, נאָר אַנשטאָט איהם — אַ דראַקאָן פון אַ שופּיגען און שרעקליכען אויסזעהן און מיט אַ פייערדיגער צונג, וועלכער איז געזעסען אויף דער וואַך פאַר אַ פּאַלאַץ פון גאָלד מיט אַ דיל פון זילבער, און אויפ'ן וואַנט איז געהאַנגען אַ שילד פון גלאַנציגען מעש און אויף איהם איז געווען אויפגעשריבען:

„ווער אַריינגעהן וועט, דער וועט זיגען",
„ווער דעם דראַקאָן טויטען קען, דעם שילד וועט קריגען".

„און עטעלרעד האָט אויפגעהויבען זיין דובינע און אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן קאָפּ דעם דראַקאָן, וועלכער איז געפאַלען פאַר איהם און האָט אַרויסגעלאָזען זיין גיפטיגען אָטעם מיט אַזאַ מין שרעק־ליכען און שאַרפען און דערצו נאָך אַזאַ שניידענדיגען געשריי, אַז עטעלרעד האָט געמוזט פאַרמאַכען די אויערען מיט זיינע הענט, כדי ניט צו הערען דעם מורא'דיגען קול, וואָס נאָך אַזאַ קול איז נאָך קיינמאָל פריהער ניט געהערט געוואָרען".

דאָ האָב איך זיך ווידער מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, און דערצו נאָך מיט אַ געפיהל פון ווילדער איבעררעשונג: וואָרים עס האָט קיין שום ספק ניט געקענט זיין, אַז אין דעם איצטיגען פאַל האָב איך ווירקליך געהערט (כאָטש איך האָב בשום אופן ניט געקענט זאָגען, פון וואַנען דאָס איז געקומען) אַ נידעריגען און דאַכט זיך

וויטען, אבער שארפען, אויסגעצויגענעם און העכסט אומגעוועהנליכען געשריי, אדער קריצענדיגען קלאנג, פונקט א קאפיע פון דעם, וואס מיין פאנטאזיע האט שוין ארויסגערופען פאר דעם דראקאנ׳ס אומנאטירליכען געשריי, ווי באשריבען פון דעם מחבר פון דער בבא־מעשה.

איצט ווען עס האט פאסירט צום צווייטען מאל אזא העכסט אויסערארדענטליכע צוזאמענטרעפונג, איז ווי געדריקט איך בין, פארשטעהט זיך, געוועזן פון טויזענדער ווידערשפרעכענדע געפיהלען, אין וועלכע פארוואונדערונג און אויסערגעוועהנליכער שרעק האבען פרעדאמינירט, האב איך אלץ נאך איינגעהאלטען אין זיך גענוג פארשטאנד, ניט צו דערלאזען דורך א ליאדע באמערקונג אויפצורייצען די סענסיטיווע נערוועזיטעט פון מיין קאמפאניאן. איך בין בשום אופן ניט געוועזן זיכער, צי ער האט באמערקט די קלאנגען, וועגען וועלכע דא רעדט זיך, כאטש געווים איז א זונדערבארע ענדערונג, פאר די לעצטע עטליכע מינוטען, פארגעקומען אין זיין האלטונג. זיצענדיג די גאנצע צייט אנטקעגען מיר, האט ער דערנאך ביסלאכווייז אומגעדרעהט זיין שטול, אזוי, אז ער איז שוין אויסגעקומען מיט׳ן פנים צו דער טיר פונ׳ם צימער, און אויף אזא אופן האב איך נאר טיילווייז געקענט באמערקען זיינע שטריכען, כאטש איך האב געזעהן זיינע ליפען האבען געציטערט, אזוי ווי זיי וואלטען מורמלען אזוינס, וואס מען קען ניט הערען. זיין קאפ איז ארונטערגעפאלען אויף זיין ברוסט, דאך האב איך געוואוסט, אז ער שלאפט ניט, ווייל איך האב געכאפט א קוק פון זיין פראפיל אויף זיין אויג, וואס איז געוועזן ברייט און שטרענג אפען. אויך די באוועגונג פון זיין קערפער האט ניט געוויזען, אז ער שלאפט, ווארים ער האט שטיל, אבער כסדר און אויף איין אופן, געוויגט זיך פון איין זייט צו דער צווייטער. שנעל כאפענדיג דאס אלעס, האב איך זיך ווידער גענומען צו דער מעשה פון סער לאנסעלאט, וועלכע האט זיך ווייטער אזוי געלייענט:

„דערנאך, אז דער העלד איז ניצול געווארען פון דעם שרעקליכען צארן פונ׳ם דראקאן און ער האט זיך דערמאנט אז דעם מעשענעם שילד און וועגן דעם וואס דער כישוף איז פון דעם

ארונטערגעפאלען, האט ער אוועקגענומען דעם פגר פון וועג און האט בראוו גענומען גהן איבער'ן זילבערנעם דיל פון דעם שלאס אהין, וואו דער שילד איז געהאנגען אויפ'ן וואנט. אבער דער שילד האט אין דער אמת ניט געווארט ביז ער וועט אינגאנצען צוקומען, און ער איז ארונטערגעפאלען ביי זיינע פיס אויפ'ן זילבערנעם דיל מיט א גרויסען שטארקען און שרעקליכען קלאנג".

עס זיינען נאר וואס ארונטער פון מיינע ליפען די דאזיגע ווערטער, ערשט אזוי ווי א מעשענער שילד איז ווירקליך אין דעם אויגענבליק ארונטערגעפאלען מיט א שטארקייט אויף א זילבערנעם דיל, און איך האב דערהערט א דייטליכען, פוסטען, מעטאלישען און הילכיגען כאטש, דאכט זיך, א פארשטיקטער אפקלאנג. ווערענדיג אינגאנצען צעשרויפט, בין איך אויפגעשפרונגען פון מיין פלאץ: אבער אשער האט אומגעשטערט זיך אלץ געלאסען געוויגט. איך בין צוגעלאפען צום שטול, אויף וועלכען ער איז געזעסען. זיינע אויגען האבען געקוקט גלייך פאר זיך, און איבער זיין גאנצען געזיכט האט גערוהט א שטיינערנע פארגליווערטקייט. ווען איך האב אבער אוועקגעלעגט מיין האנט אויף זיין אקסעל, איז אריבער א שטארקער שוידער איבער זיין גאנצען קערפער, א קרענקליכער שמייבעל האט א ציטער געטאן ארום זיינע ליפען, און איך האב געזעהן, אז ער האט גערעדט מיט א נידעריגען, שנעלען און אומפארשטענדליכען מורמעל, ווי ער וואלט ניט וויסען, אז איך בין דא דערביי. אריבערבויגענדיג זיך נאהענט איבער איהם, האב איך ענדליך געכאפט דעם שוידערליכען זין פון זיינע ווערטער:

„ניט הערען דאס? — יא, איך הער דאס, און האב דאס געהערט. לאנג — לאנג — לאנג, פיעלע מינוטען, פיעלע שטונדען, פיעלע טעג האב איך דאס געהערט, דאך האב איך ניט געוואגט — א, האב רחמנות אויף מיר, אויף מיר, די צרה'דיגע חורבה! — איך האב ניט געוואגט, איך האב ניט געוואגט צו רעדען! מיר האבען זי א לעבעדיגע אין קבר אריינגעלעגט! האב איך דען ניט געזאגט, אז מיינע חושים זיינען שארף? איך דערצעהל דיר א י צ ט ע ר, אז איך האב געהערט איהרע ער-

שטע שוואכע באוועגונגען אין דער פוסטער טרונע. איך האב זיי געהערט מיט פיעל, פיעל טעג צוריק. איך האב אבער ניט גע־וואגט, איך האב ניט געוואגט צו רעדען! און איצט — היינט ביינאכט — עטעלרעד — כא! כא! דאס אויפברעכען פון דעם פרוש'ם טיר און דער טויט־געשריי פון דעם דראקאן און דער מע־טאלישער קלונג פון דעם שילד, — זאג בעסער, דאס אויפרייסען פון איהר טרונע און דאס סקריפען פון די אייזערנע זאוויעסעם פון איהר תפיסה און איהר ראנגלען זיך דורך דעם מיט קופער בא־שלאגענעם ארק־דורכגאנג פון דעם קעלער! א, וואוהין זאל איך פליהען? וועט זי דא באלד ניט זיין? איילט זי זיך דען ניט צו קומען פירהאלטען מיך פאר מיין איילעניש? האב איך ניט געהערט איהרע טריט אויף די טרעפ? דערקען איך דען ניט יענעם שווערען און שוידערליכען קלאפען פון איהר הארץ? משוגע־נער!" — דא איז ער ווילד אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און אויסגעשריען זיינע ווערטער, ווי ער וואלט זיך מאטערן זיין נשמה ארויסצולאזען — „מ ש ו ג ע נ ע ר! א י ך ז א ג ד י ר, א ז ז י ש ט ע ה ט א י צ ט ע ר א ו י ף י ע נ ע ר ז י י ט ט י ר".

גלייך ווי עס וואלט זיך געפונען די קראפט פון א כישוף אין דער איבערמענשליכער ענערגיע פון זיין רעדען, אזוי האבען די מורא'דיגע אלטמאדישע פאנעלען, אויף וועלכע דער רעדנער האט אנגעוויזען, לאנגזאם פאנאנדערגעעפענט אויף דעם אויגענבליק זייערע שווערע עבען־קינבאקען. דאס איז געווען די ארבייט פון דעם רוישענדיגען ווינט, אבער הינטער דער טיר איז ט א ק ע גע־שטאנען די הויכע און אין ווייסע איינגעדעקטע פיגור פון דער ל י י ד י מ א ד ע ל י י ן א ו ו א ש ע ר. עס איז גע־ווען בלוט אויף איהרע ווייסע קליידער און די סימנים פון א ביטערען קאמף אויף יעטווידען טייל פון איהר אויסגעדארטען קער־פער. אויף איין ווייל האט זי געגומען ציטערען און וואַרפען זיך הין און צוריק אויפ'ן שוועל; דאן מיט א נידעריגען קרעכ־צענדען געשריי איז זי מיט א שווערקייט ארייננעפאלען אינווענינ, גלייך אויפ'ן קערפער פון איהר ברודער, אין איהר העפטיגער און

דאן לעצטער טויט־אגאניע האט זי איוזם א ווארף געטאן אויפ׳ן דיל א טויטען, און א קרבן צו די שרעקען, וועלכע ער האט פאר־אויסגעזעהן.

דערשראקען אויף טויט, ביז איך אנטלאפען פון יענעם צימער און פון יענעם הויז. דער שטורעם [illegible] נאך געבושעוועט מיט זיין גאנצען צארן בעת איך האב גענומען אריבערגעהן דעם אלטען וועג. פלוצלונג האט איבער׳ן וועג א שאס געטאן א ווילדע ליכ־טיגקייט, און איך האב זיך אפגעקערט א קוק צו טאן פון וואנען דאס האט זיך געקענט נעמען אזא אומגעוועהנליכער בליאסק, ווא־רים הינטער מיר איז נאר געווען דאס גרויסע הויז מיט זיינע שא־טענס. דער אפגלאנץ איז דאס געווען פון דער פולער אויפגע־הענדער און בלוט־רויטער לבנה, וועלכע האט איצט לעבעדיג דורכ־געשיינט דורך דעם אמאל קוים מערקבארען שפאלט, פון וועלכען איך האב פריהער דערצעהלט, אז ער ציהט זיך פון דאך פון דער געביידע, אין א זיגזאגעדיגער ריכטונג, צום פונדאמענט. אין דער צייט וואס איך האב געקוקט, איז דער שפאלט שנעל ברייטער גע־ווארען, דער ווירבעל־ווינט האט מורא׳דיג א בלאז געטאן, דער גאנצער דיסק פון דער לבנה האט זיך מיר פלוצלונג באוויזען, דער מארד האט זיך מיר איבערגעקערט, זעהענדיג די מעכטיגע ווענט פאנאנדערפאלען, עס האט זיך דערהערט א לאנגער טומעל־דיגער גערויש ווי דער גערויש פון א טויזענט וואסערן, און די טיפע און קאלטע סאזשעלקע ביי מיינע פיס האט במורנע און שטיל צוגעדעקט די פאנאנדערגעפאלענע שטיקער פון דעם „הויז פון **אשער**“.

באַמערקונגען:

וויליאַם ווילסאָן

peine forte et dure (פראַנצויזיש) — די ערגסטע און שטאַרקסטע שטראַף.

Oh, le bon temps, que ce siécle de fer! (פר.) — אַ ס'אַראַ גוטע צייט אין דעם דאָזיגען דור פון אייזען!

די מאָרדען איף דער מאָרג־גאַס

et id genus omne (לאַטייניש) — און זיין גאַנצער טערמין.

Perdidit antiquum litera prima sonum (לאַט.) — ער האָט פאַרלאָרען אַלע ערשטע קלינגענדע בוכשטאַבען.

Sacré (פר.) — הייליגער.

Diable (פר.) — טייוועל.

Robe-de-chambre (פר.) — שלאַפראַק.

pour mieux entendre la musique (פר.) — אום בעסער צו פאַרשטעהן די מוזיק. — דער זין דערפון איז וואָס זיי מאַכען פאַראַדעס, ניט נויטיגע צערעמאָניעס.

Loge de concierge (פר.) — דער פּלאַץ פון דעם אויפפאַסער פון הויז.

Je les ménageais (פר.) — דער זין דערפון איז: איך האָב זיי געדולדעט באַהאַנדעלט מיט זיידענע הענטשקעס, פריינדליך אויפגענומען.

au troisiéme (פר.) — אויפ'ן דריטען שטאָק.

de nier ce qui est, et d'expliquer ce qui n'est pas. (פר.) — איגנאָרירט דאָס וואָס איז פאַראַן און דערקלערט דאָס וואָס ס־איז ניטאָ: איגנאָרירט די פאַקטען און אין דערקלערט די השערה

אַ מאַנוסקריפּט וואס מען האט געפונען אין אַ פלעשעל

Ignes fatui (לאַט.) — בלאָנזשענדע פייערן — אַ מין פאָספאָר־שיין וואָס זעהט זיך אין דער לופט איבער זומפּען.

אינהאלט:

זייט

די מאסקע פון דעם רויטען טויט — — — — — — — — 7

דער שווארצער קאטער — — — — — — — — — — — 17

א הארץ א מסור — — — — — — — — — — — — 32

וויליאם ווילסאן — — — — — — — — — — — — 41

דער אוואלער פארטרעט — — — — — — — — — — 73

די מארדען אויף דער מארג־נאם — — — — — — — — 78

א מאנוסקריפט, וואס מען האט געפונען אין א פלעשעל — — 132

ליגעא — — — — — — — — — — — — — — — 149

דער אונטערגאנג פון הויז אשער — — — — — — — — 173

באמערקונגען.